STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09032

DI ERSTE PRINTSIPEN FUN A SISTEM FUN SINTETISHER FILOZOFYE

Herbert Spencer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

די ערסטע פּרינציפּען

פון אַ סיסטעם פון סינטעטישער פילאָזאָפיע

פון הערבערט ספּענסער

איבערזעצט אויס דעם ענגלישען אָריגינאַל
פון דר. י. א. מעריסאָן.

ארויסגעגעבען פון
די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק פערלאג קאמפּ.
ניו־יארק.

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

אינהאַלט פערצייכניס.

פאָרוואָרט 5

קאַפּיטעל I רעליגיאָן און וויסענשאַפט 13

קאַפּיטעל II די ענדליכע אידעען פון רעליגיאָן 47

קאַפּיטעל III די ענדליכע אידעען פון וויסענשאַפט 81

קאַפּיטעל IV דער רעלאַטיווער כאַראַקטער פון יעדען וויסען 113

קאַפּיטעל V די אויסגלייכונג 159

פאַרוואָרט.

דאָס ווערק, וואס ליעגט דאָ פאר'ן לעזער, איז לויט'ן אינהאלט אפשר דאס ערסטע און דאס איינציגסטע פון דעם מין, וואס איז ביז אהער געגעבען געווארען אין יודיש. ספּענסער'ס בוך — און הערבערט ספּענסער נויטיגט זיך אודאי ניט אין קיינעמס סמיכות — איז אזא טיעפזיניגע ארבייט, אז מען האָט גאר ניט געקענט דענקען די יודישע שפּראך זאל זיין ראוי דערצו. דער יודישער למדן האָט פאר חקירה ענינים געהאט ביז איצטער זיין העברעאיש, ווי דער אייראפּעאישער אינטעליגענט פון א פּאָר הונדערט יאהר צוריק האָט זיך געהאט זיין לאטיין. „פילאזאפיע אויף מאַמע־לשון" האָט אמאָל אומעדום געקלונגען משונה'דיג, עפּעס אונגלויבליך — ביז עס איז געווארען אַ פאקט. בנוגע צו די אייראפּעאישע שפּראַכען איז דער פאקט שוין א היסטארישער; בנוגע צו דער יודישער שפּראך — אחוץ א פּאָר פּאָפּולאריזאציעס פאר פּראפּאגאנדא צוועקען — ליידער נור אַ זאך פון דער אָקאָרסט־געבוירענער געגענווארט. דער וועג אבער וואס פיהרט דערצו איז פאר דער לעצטער צייט ברייטליך געעפענט געווארען דורך דעם שטראָם פון נאציאָנאלען זעלבסטבעוואוסטזיין, וואס האָט דורכגעדרונגען כמעט אלע שיכטען פונ'ם יודישען פאלק. די יודישע שפּראך האָט זיך אין דעם קורצען משך אויפגעהויבען צו אזא הויך, האָט געשאפען אזויפיעל שעהנעס, אזויפיעל אָריגינעלעס, בעצויגען מיט אזא אייגענארטיגען חן, אז זי רופט איצט ארוים בעוואונדערונג אין די אויגען אפילו פון די, וואס האָבען געקוקט אויף איהר מיט פעראכטונג, פון די וואס האָבען קיין אנדער נאמען ווי „זשארגאָן" — דעם אייגענעם שימפּף־נאמען, פערבייגעהענדיג בעמערקט, מיט וועלכען דער רוסי־

שער אינטעליגענט פון אן ערך הונדערט יאהר צוריק האָט אנגערו־
פען די רוסישע שפראך — פאר איהר ניט געהאט.

די יודישע ליטעראטען האָבען פון דעם זשארגאן געמאכט א
ליטעראטור־שפראך. יודישע דענקער, ווען זיי זאָלען זיך נור נעהמען
דערצו, וואלטען שוין איצט קענען אויסדריקען גאנץ הויכע פילאָ־
זאָפישע ענינים אין א ריינעם יודיש, און דורך דעם עפענען א ברוי־
טען קולטור־קאנאל פאר גרויסע מאסען פון׳ם פאלק, וועלכע מוזען
שעפען זייער העכערע בילדונג פון זייער אייגענעם שפראך־קוואל.
עס בעווייזען זיך סמנים וואס דערוועקען די האָפנונג, אז די דאזיגע
ארבייט וועט זיך ניט לאזען לאנג בעטען; און ווי גליקליך וואָלט זיך
שעצען דער שרייבער פון אט די ציילען צו מעגען רעכענען די אי־
בערזעצונג פון ספּענסער׳ס „ערסטע פּרינציפּען" אלס דעם ערסטען
בייטראג צו אזא וויכטיגער אויפגאבע.

דער ענין פון די „ערסטע פּרינציפּען" איז טאקי אויך דער
פּאסיגסטער אלס ווינקעל־שטיין אין א טיעפען פונדאמענט פון א
ברייטער פילאָזאָפישער בילדונג. ספּענסער געהט ארויס פון דעם
שטאנדפּונקט, אז קיינע אלגעמיין־אנגענומענע מענשליכע גלויבענס
קענען ניט זיין לחלוטין אָהן א יסוד פון וויפיעל עס איז אמת; ער
געפינט „א תמצית אמת אפילו אין זאכען וואס זיינען פאלש". דאָ־
נעגען בעווייזט ער, אז ווירקליך ו ו י ס ע ן מה למעלה ומה
למטה, ווירקליך דערגעהן די ענדליכע אידעען סיי פון רעליגיאָן, סיי
פון וויסענשאפט, איז פאר׳ן מענשליכען שכל אן אבסאָלוטע אונ־
מעגליכקייט. ער ענטוויקעלט מיט א זעלטענער לאָגיק דעם אלטען
געדאנק, אז בנוגע צום תכלית הידיעה איז אונזער העכסטע חכמה
צו וויסען אז מיר וויסען לחלוטין גארנישט, און בעווייזט דורך א
גאון׳ישען אנאליז אז אונזער וויסען בעשטעהט, און קען אנדערש
ניט בעשטעהן, ווי נור פון שיכות׳ן, פון דאס וואס קומט אין פער־
העלטנים צו עפּעס אנדערס. ער דערקלערט די גערעכטע גרעניצען
פון די טהעטיגקייטס קרייזען אי פון דער רעליגיאנס־פילאָזאָפיע,
אי פון דער וויסענשאפט, און פיהרט אונז צום שלום, אז די אנער־
קענונג פון דעם גרויסען וועלט־סוד, די אנערקענונג פון אן אייביג

מיסטעריעזער קראפט, פון וועלכער מיר קענען וויסען איהרע ער־שיינונגען אבער קיינמאָל ניט איהר עצם, איז דער העכסטער אמת, אויף וועלכען עס פעראייניגען זיך די פילאָזאָפיען פון רעליגיאן און פון וויסענשאפט.

דער ענין איז א טיעפער און א בעצויבערענדער, און גאנץ גע־ווים וועלען נור אינטעליגענטע קעפּ קענען פריי ארומשפּאצירען אין די אלעען פון אט דעם פילאזאפישען „פּרדס“, מיט דער האָפנונג זוכה צו זיין צו דערזעהען דעם עץ הדעת. פילאָזאָפישע ווערק ווע־רען אבער אומעדום געשריבען, און איבערזעצט פון איין שפּראך אין דער אנדערער נור פאר א אינטעליגענטען קלאס לעזער, און אזא קלאס איז צווישען די יודישע לעזער זיכער ניט קיין קלענערער לפי ערך ווי ביי די אומות העולם. א חוץ דעם איז ספּענסער׳ם סטיל אזא געראָטענער, זיין געדאנקען־גאנג אזא קלאָרער און זיין דארלע־גונג אזא פּאפּולערע, אז עס גיט דעם אויפמערקזאמען לעזער א מאקסימום פון גענוס פאר א מינימום פון אנשטרענגונג.

א גוטע איבערזעצונג איז ניט ערגער און ניט בעסער פאר דעם אָריגינאל. שווערע שטעלען אין אריגינאל זיינען שווערע שטעלען אין איבערזעצונג, סיידען די כונה איז צו פּאפּולאריזירען דעם מחבר׳ם געדאנקען. איך נעהם דעריבער דא די געלעגענהייט צו דער־קלערען, אז „אויסבעסערען“ ספּענסער׳ן האָב איך זיך אין ערגעץ ניט ערלויבט; אז אלץ וואס איך האָב געציעלט איז געווען אי־בערצוטראגען וואָרט פאר וואָרט דעם געדאנק פון ענגליש אין יודיש אזוי, אז מיט דער גענויקייט פון זין זאל אויך איבערגעגעבען ווערען דעם מחבר׳ם סטיל. מיין אמביציע איז געווען צו מאכען ערטער־ווייז דעם איינדרוק אויף׳ן לעזער, אז הערבערט ספּענסער האָט געשריבען די „ערסטע פּרינציפּען“ אין יודיש.

דר. י. א. מעריסאָן.

ניו יארק, 1909.

I.

די ערסטע פרינציפען.

ערסטער טייל:

דאָס אונדערקענבאַרע.

רעליגיאָן און וויסענשאַפט.

ערסטער קאפיטעל.

רעליגיאן און וויסענשאפט.

§ 1. מיר פערגעסען צו־אפט, אז ניט נור איז פאראן „א תמצית גוטס אין זאכען, וואס זיינען שלעכט“, נור אז בכלל איז אויך פאראן א תמצית אמת אפילו אין זאכען, וואס זיינען פאלש. בעת א סך מענשען זיינען מודה בתורת אלגעמיינע וואהרשיינליכקייט, אז געוועהנליך שטעקט אין יעדער פאלשקייט עפּעס א קערינדילווירקליכקייט, האלטען נור וועניגע די דאזיגע אלגעמיינע וואהרשיינליכקייט אין זין, בשעת זיי גיבען אב זייער פסק אויף אנדערע מענשען'ס מיינונגען. האָט מען ענדליך בעוויזען, אז די פאקטען, אין פשטות בעטראכט, געהען כנגד א געוויסען גלויבען, שמייסט מען איהם אוועק מיט גרימצאָרן אדער פעראכטונג; און אין ברען פון התנגדות פאלט כמעט קיינעם גאר ניט איין זיך א פרעג צו טהון, וואס האָט געשטעקט אין דעם גלויבען, אז ער האָט זיך געלעגט ביי מענשען אויפ'ן שכל? עפּעס האָט דאך געמוזט שטעקען אין איהם. און עס איז פאראן א גרונד חושד צו זיין, אז דער דאזיגער „עפּעס“ בעשטעהט אין דעם, וואס דער גלויבען איז געווען אנגעמאָסטען אָן זייערע געוויסע ערפאהרונגען: מעג זיך אפשר זיין, אז די אָנגעמאָסטענקייט איז געווען א גאנץ קנאפּע און אָן אונבעשטימטע, אבער דאך פיעל וועניג אנגעמאָסטען. אפילו די אונזיניגסטע מעשה קען מען אויך כמעט אלע מאָל צוריקפיהרען אויף עפּעס, וואס האָט זיך טאקי אמאָל בפועל ממש געטראפען; ווארים אויב עס וואלט עפּעס דערגלייכען גאר קיין מאָל ניט פּאסירט, וואלט אזא משונה־דיג־פאלשער ספור המעשה קיין מאָל ניט געקענט עקזיסטירען. הגם דער פערדרעהטער אדער איבערטריבענער בילד, וואס דער

„מען זאגט" האָט צוקרימט און צו־לאָמט פאר אונז, איז לגמרי ניט עהנליך צו דער ווירקליכקייט; דאך אָהן דער ווירקליכקייט וואלט קיין צוקרימטער אדער איבערטריבענער בילד ניט געווען. אט אזוי געהט עס מיט מענשליכע גלויבענס בכלל. ווי זיי זאלען זיך ניט אויסווייזען גאר אין גאנצען פאלש, איז דאך די סברא מחיב, אז זיי האָבען ארויסגעשפראצט פון ווירקליכע ערפאהרונגען — אז זיי האָבען לכתחילה געהאט, און אפשר האָבען זיי נאך איצט אויך, א וועלכע עס איז קליינע סומע ריכטיגקייט.

אט די סברא מעגען מיר אננעהמען מיט נאך מעהר זיכער־קייט, וואו עס האנדעלט זיך מכח גלויבענס, וואס האָבען עקזיסטירט פון לאנג־אָן און זיינען וויט פערשפרייט; און מיר מעגען זי אנ־נעהמען מיט דער גרעסטער זיכערקייט פון אלץ, אין פאל פון גלוי־בענס, וועלכע עקזיסטירען שטענדיג און זיינען כמעט אדער גאר אלגעמיין. די השערה, אז א וועלכע עס איז קוראנטע מיינונג איז ניט לגמרי פאלש, ווערט אלץ שטארקער, לפי ערך פון דער צאָהל אנהענגער, וואס די מיינונג האָט. ווארים היות ווי מיר מוזען מודה זיין, אז דאס לעבען איז אנדערש ניט מעגליך, סיידען ווען עס איז פאראן א געוויסע איינשטימונג צווישען די אינערליכע איבערציי־גונגען און די אויסערליכע אומשטענדען; און היות ווי מיר מוזען דעריבער מודה זיין, אז על פי וואהרשיינליכקייט שטעקט עפעס אן אמת, אדער לכל הפחות א טייל אמת, אין יעדער איבערצייגונג — מוזען מיר אויך מודה זיין, אז יענע איבערצייגונגען, וועלכע א סך מוחות האלטען אין איינעם, האָבען העכסט וואהרשיינליך א וועל־כען עס איז פונדאמענט. און אויב מען זאל ארויסווארפען די אינ־דיווידועלע טעות'ן, קריגט די אויסגעלייטערטע מיינונג נאך א געוויסען גרעסערן ווערטה. אמת, מען קען זאָגען, אז א סך וויט־פערשפרייטע גלויבענס ווערען אנגענומען אויפ'ן סמך פון אויטאָ־ריטעט; אז די וואס האלטען זיי, הויבען גאר ניט אן צו פרובירען זייער ריכטיגקייט; און דעריבער קען מען דערפון אויספיהרען, אז די גרויסע צאָהל אנהענגער איז גאר א קנאפע ראיה פאר דער וואהרשיינליכקייט פון א גלויבען. דאס איז אבער ניט אמת. ווארים

אויב א מיינונג געווינט א גרויסע אויפנאַהמע גאר אהן קריטישע אונטערזוכונגען, איז דאס אליין א ראיה, אז זי שטימט בכלל מיט די פערשיידענע אנדערע מיינונגען, וואס די, וועלכע נעהמען זי אָן, האָבען; און לפי ערך וואס אָט די פערשיידענע אנדערע מיינונגען זיינען בעגרינדעט אויף פערזענליכע בעאָבאכטונגען און אייגענעם אורטייל, אין דעם ערך גיבען זיי א ניט־דירעקטע ערבות אויף פאר דער מיינונג, מיט וועלכער זיי שטימען. עס קען זיין אז די דאזיגע ערבות האָט א קנאפּען ווערטה; אבער דאָך האָט עס עפּעס א ווערטה.

ווען מיר וואלטען קענען בעקומען בעשטימטע מיינונגען ווע־גען דעם ענין, וואלטען זיי אונז געבראכט גרויסע נוצען. עס איז וויכטיג מיר זאלען אויסארבייטען, אויב מעגליך, עפּעס א מין אל־געמיינע טעאריע וועגען אָנגענומענע מיינונגען, בכדי מיר זאלען וויסען ניט איבערצושעצען זייער ווערטה און אויך ניט צו שעצען זיי אונטער זייער ווערטה. א סך פון דעם קומען צו ריכטיגע בע־שלוסען מכח דיספּוטירטע פראגען, הענגט אב פון דעם, ווי דער שכל פערטראגט זיך צו דער פּראגע, בעת מען הערט זיך צו, אדער מען נעהמט אליין אנטייל אינ׳ם ויכוח; און כדי צו קענען זיך ריכטיג פערטראָגען צום ענין, איז נויטיג מיר זאלען זיך אויסלערנען ווי ריכטיג, און דאך ווי ניט־ריכטיג עס זיינען די דורכשניטליכע מענש־ליכע גלויבענס. פון איין זייט מוזען מיר זיך האלטען פריי פון דעם פּאָראורטייל, וואָס איז דן לכף זכות אלע אנגענומענע מיינונגען, און דריקט זיך אויס אין אזוינע דאָגמען, ווי א שטייגער: „וואָס אלע זאגען איז מסתמא אמת“, אדער „דער קול פון פאלק איז דער קול פון גאָט“. פון דער אנדער זייט ווידער טאָר ניט דער פאקט, וואס בעווייזט זיך דורכבליקענדיג די פערגאנגענהייט, אז געוועהנ־ליך זיינען די מאיאָריטעטען געווען אומגערעכט, פערבלענדען אונזערע אויגען מכח דעם אנדער פאקט, וועלכער איז ממלא יענעם, אז די מאיאָריטעטען זיינען געוועהנליך ניט **גאנצען** געווען אומגערעכט. און אזוי ווי דער ערסטער תנאי פון אלזייטיגען דענקען איז אויסמיידען אט די איינזייטיגקייט, איז עס א גאנץ

גלייכע זאך צו בעזארגען זיך מיט א שמירה אנטגעגען זיי, אננעהמענדיג א געוויסע אבשאצונג פון מיינונגען אין אבסטראקט. צוליב אט דעם צוועק מוזען מיר בעטראכטען, וואס פאר א מין שיכות עס געפינט זיך געוועהנליך צווישען מיינונגען און פאקטען. לאמיר דאס טון בנוגע צו איינעם פון יענע גלויבענס, וועלכער האט זיך אויפגעהאלטען אונטער פערשיידענע פארמען ביי אלע פעלקער אין אלע צייטען.

§ 2. די עלטסטע טראדיציעס שטעלען פאר די הערשער ווי געטער אדער האלב-געטער. די פארצייטיגע קעניגע זיינען בעטראכט געווארען ביי זייערע אונטערטאנען אלס איבערמענשליך אין אבשטאמונג און איבערמענשליך אין זייער קראפט. זיי האבען געטראגען געטליכע טיטולען; מען האט זיך געבוקט צו זיי, ווי מען בוקט זיך ביי די מזבחות פון געטער; און אין געוויסע פעלען האט מען בפועל ממש געדיענט צו זיי. אויב עס וואלט נויטיג געווען צו בעווייזען, אז די געטליכע אדער האלב-געטליכע כאראקטערען, וואס מען האט אמאל צוגעשריבען צו די קעניגע, איז געמיינט געווען אין פשטות, אהן מליצה, האבען מיר אויף דעם א פאקט, אז עס עקזיסטירען נאך איצטער ווילדע ראסען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אזוינע וואס האלטען, אז די הערשער און זייער משפחה שטאמען אב פון הימעל, און אנדערע וואס גלויבען, אז נור די הערשער האבען נשמות. עס פערשטעהט זיך, אז צוזאמען מיט אזעלכע מארטען גלויבענס האט אויך עקזיסטירט א גלויבען אין דעם הערשער׳ס אונבעגרעניצטער מאכט איבער זיינע אונטערטאנען — א גלויבען, אז ער האט אויף זיי א חזקה לחלוטין, וועלכע גיט איהם דאס רעכט אפילו זייער לעבען צו נעהמען ווען ער וויל: ווי דהיינו איצטער נאך אין פידזשי, וואו דער קרבן שטעהט א ניט-געבונדענער און ווארט דער׳הרג׳ט צו ווערען באלד ווי דער הערשער וועט ארויסזאגען דאס ווארט, אליין דערקלערענדיג, אז „וואס דער קעניג זאגט, מוז געטון ווערען“.

אין אנדערע צייטען און ביי א ביסעל וועניגער בארבארישע

ראסען, געפינען מיר אַז די גלויבענס עפּעס געענדערט. אנשטאט וואָס דער הערשער זאל אין פּשטות בעטראכט ווערען ווי א גאָט אָדער האלב־גאָט, האלט מען איהם פאר אַ מענשען, וואָס האָט אַ געטליכע אויטאָריטעט, און אפשר אויך פיעל־ווינציג א געטליכע נאטור. ער טראגט אבער נאָך אלץ, דהיינו אין די מזרח־לענדער ביז היינטיגען טאג, טיטולען, וואס דריקען אויס זיין הימעלשע אבשטאַ־מונג אדער קרובה'שאפט; און מען גריסט איהם נאָך אלץ מיט אזוינע עניות'דיגע ווערטער און צערעמאניעס, אקוראט ווי מען רעדט צו א גאָט. און ווען אפילו די לעבענס און דער פערמעגען פון פאָלק הענגט אין דער פּראקטיקע שוין ניט אָב גאָר אין גאנ־צען פון זיין גוט הארץ, איז אין טעאָריע נאָך אלץ פעררעכענט, אז דאָס פאָלק איז זיינס מיט לייב און לעבען.

שפּעטער אין פּראגרעס פון דער ציוויליזאציע, ווי אין די צייַ־טען פון מיטעלאלטער אין אייראָפּא, זיינען אלעמענס מיינונגען מכח דער שיכות צווישען די געוועלטיגער און די געוועלטיגטע ווייטער געענדערט געווארען. אנשטאט די טעאָריע פון געטליכער אבשטאמונג, ווערט אויפגעשטעלט די טעאָריע פון געטליכע רעכט. נישט מעהר גאָט אדער האלב־גאָט אדער פון געטליכער אבשטאמונג, ווערט דער קעניג בעטראכט פּשוט נור ווי גאָט'ס אַ שני למלך. דאס בוקעניש צו איהם איז שוין נישט מעהר אזוי שטארק הכנעה'דיג, און זיינע הייליגע טיטולען פערלירען אַ סך פון זייער בעדייטונג. מעהר נאָך: זיין אויטאָריטעט איז שוין ניט מעהר אונבעגרעניצט. זיינע אונטערטאנען לייקענען אב זיין רעכט צו טון וואס ער וויל מיט זייערע לעבענס און אייגענס, און פּטר'ן אב זייער חוב פון טרייקייט, דערמיט וואס זיי פאָלגען זיינע געבאָט.

מיט דעם פארטשריט פון די פּאליטישע מיינונגען איז געקור־מען נאָך אַ גרעסערע בעשרענקונג פון דער קיסר'ליכער מאכט. דער גלויבען אין דעם הערשער'ס איבערנאטירליכען כאראקטער, פון וועל־כען מיר למשל האָבען זיך שוין לאנג אבגעזאגט, האָט נאכגעלאָזט הינטער זיך מעהר גארנישט אויסער די עולם'שע טבע צו צו־שריי־בען דעם קעניג אונגעוועהנליכע גוטסקייט, חכמה און שעהנקייט.

טרייקייט, וואס הָאט אין אנהויב ממש געהייסען אונבעדינגטע אונטערוואָרפענקייט צום קעניג'ס ווילען, מיינט איצטער נור ארויסוויזען לפנים'דיגע אונטערטעניגקייט און אָבהיטען געוויסע פאָרמען פון כבוד־אבגעבען. אונזער פּאליטישע פּראקטיקע, ווי אויך אונזער פּאליטישע טעאריע, ווארפען לגמרי אוועק יענע זכיות'ן פון מלכות, וועלכע זיינען אמאָל דורכגעגאנגען גאר אהן שאלות. ארונטערווארפענדיג קעניגע און ארויפזעצענדיג אנדערע אויף זייערע פּלעצער, הָאבען מיר דערמיט אָבגעלייקענט, ניט נור דאָס *געטליכע* רעכט פון געוויסע מענשען צו געוועלטיגען איבער אונז, נור מיר הָאבען אויך אבגעלייקענט, אז זיי הָאבען *וועלכעס איז* רעכט א חוץ די, וואָס שטאמען אָב פון דער איינוויליגונג פון פאָלק גופא. הגם אונזערע שפּראך־פאָרמען און אונזערע רעגירונגס־דאָקומענטען דריקען נאָך אלץ אוים די אונטערטעניגקייט פון די בירגער צום הערשער, דערקלערען אָבער אונזערע ווירקליכע מיינונגען און אונזערע טאָג־טעגליכע פיהרונגען דוקא דעם היפך דערפון. מיר פאָלגען ניט קיין געזעץ, א חוץ די וואָס מיר הָאבען אליין געמאכט. מיר הָאבען אין גאנצען אוועקגענומען פון קעניג די מאכט פון געזעץ־געבונג, און וואלטען תיכף ומיד רעבעלירט, ווען ער נעהמט זיך אזא מאכט אפילו בנוגע צו ענינים וואָס זיינען פון דער קלענסטער וויכטיגקייט. קורץ, די פּארצייטיגע שטח פון הערשאפט איז ביי אונז כמעט אין גאנצען פערטיליגט געווארען.

און דער פועל יוצא פון דאָס, וואָס מען הָאט אוועקגעוואָרפען די פּארצייטיגע גלויבענס, איז ניט געוועזן נור א מעשה פון אריבערטראָגען די אויטאָריטעט פון דעם רשות פון א זעלבסט־הערשער אין דעם רשות פון די פאָלקס־פערטרעטער. די מיינונגען וואָס מען האלט היינט מכח רעגיערונגען בכלל, וואָס פאר א פאָרם די רעגיערונג זאָל ניט הָאבען, זיינען ווייט פערשיעדען פון די מיינונגען, וואָס מען הָאט א מאָל געהאלטען. אין די אלטע צייטען הָאט זיך גערעכענט, אז רעגיערונגען, סיי זיי זיינען פאָלקס־רעגיערונגען, סיי דעספּאָטישע, הָאבען אן אונבעגרעניצטע אויטאָריטעט איבער זייערע אונטערטאנען. די איינצעלנע בירגער הָאבען עקזיסטירט

פון דער טובה וועגען פון דער רעגיערונג, ניט די רעגיערונג פון דער טובה וועגען פון די איינצעלנע. היינטיגע צייטען אָבער האָט מען ניט נור אויפגעשטעלט אין א סך פּרטים דעם פאָלק'ס ווילען אַנשטאָט דעם קעניג'ס, נור אפילו די שליטה פון דעם פאָלקס ווילען גופא האָט מען בעשרענקט אויף א פיעל־קלענערען קרייז. אין ענגלאנד, למשל, הגם קיין בעשטימטע טהעאָריע, וואָס זאָל שטעלען א גרעניץ אויף דער אויטאָריטעט פון דער רעגיערונג, איז דאָ ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען, פון דעסטוועגען אין פּראקטיקע זיינען אויף איהר געשטעלט געוואָרען פערשיעדענערליי גרעניצען, וועלכע זיינען בשתיקה אָנגענומען געוואָרען פון אלעמען. עס איז ניטאָ קיין אָרגאנישעם געזעץ, וואָס זאָל פאָרמאלנע דערקלערען, אז די לעגיסלאטור טאָר ניט זיך פריי שאפען מיט די לעבענס פון די בירגער, ווי די אמאָליגע קעניגע האָבען געטון, בעת זיי האָבען אוועקגעלעגט בערג פון מענשליכע קרבנות; פון דעסטוועגען, אויב אונזער לעגיסלאטור וואָלט אפילו געהאט די מעגליכקייט צו פּרובירען טון אזא זאך, וואָלט זי דערמיט פועל געווען איהר אייגענעם אונטערגאנג גיכער איידער די פערניכטונג פון די בירגער. טאָמער וואָלט דורך אן אקט פון פארלאמענט פארגעשלאָגען געווארען צו בעמעכטיגען זיך מיט געוואלט איבער'ן פאָלק, אָדער איבער א וועלכען עס איז קלאס פון פאָלק, און אויסנוצען זיינע כחות פאר קהל'שע צוועקען, אזוי ווי די פארצייטיגע הערשער פלעגען אויסנוצען דעם פאָלקס כחות — וואָלט תיכף ומיד בעוויזען געוואָרען ווי פאָלשטענדיג מיר האָבען איינגעפיהרט די פערזענליכע פרייהייטען פונ'ם אונטערטאן לגבי די אָנגרייפונגען פון דער שטאאטמאכט. און זאָל א וועלכער עס איז פּאָליטיקער פאָרלעגען א פלאן צו מאכען א נייע חלוקה פון אייגענטום, א שטייגער ווי עס פלעגט א מאָל געמאכט ווערען אין די אלטע דעמאָקראטישע קהלות, וואָלט מען איהם היינטיגען טאָג פון טויזענדער מיילער פערשריען, אז די ממשלה האָט קיין מאכט ניט איבער די פערמעגענס פון די איינצעלנע בירגער. היינטיגען טאָג האָבען די בירגער פועל געווען אנטקעגען דעם שטאאט ניט נור אָט די גרונד־פאָדערונגען, נור אויך

אפילו אלערליי קלענערע פארדערונגען זייערע. שוין מיט דורות צוריק זיינען בטל געווארען די געזעצע פון רעגולירען די קליידער און דעם ארט לעבען; און אויב איינער וואלט זיך איצטער נעהמען זיי אבפרישען, וואלט זיך קלאר ארויסשטעלען, אז לויט אלעמענס היינטיגער מיינונג נאך, ליעגען אזעלכע זאכען מחוץ לגבול פון דעם געזעצליכען קאנטראל. שוין עטליכע הונדערט יאהר זינט מיר האלטען אין פראקטיקע, און איצטער האבען מיר פעסטגעשטעלט אין טעאריע, אז יעדער מענש האט דאס רעכט זיך אליין אויסצור־קלייבען זיין רעליגיעזען גלויבען, אנשטאט אנצונעהמען א גלויבען אויף דער אויטאריטעט פון שטאאט. אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע דורות האבען מיר איינגעפיהרט פאלשטענדיגע רערע־פרייהייט, טראץ אלע פראבעס פון דער געזעץ־מאכעריי צו אונ־טערדריקען אדער צו בעגרעניצען די פרייהייט. און גאר ניט לאנג צוריק האבען מיר געפאדערט, און ענדליך בעקומען, די פרייהייט צו פיהרען מסחר מיט וועמען מיר ווילען, א חוץ אין עטליכע פעלען, וואס שטעהען אונטער ספּעציעלע בעשרענקונגען. אט אזוי זיינען אונזערע פאליטישע מיינונגען ווייט פערשיידען פון די אלטע, ניט נור בנוגע דער פראגע, וואו די מאכט, וואס מען וויל אויס־איבען אויף א פאלק, זאל זיך געפינען, נור אויך בנוגע דעם פערנעהם פון דער דאזיגער מאכט גופא.

און אפילו דא האט זיך די ענדערונג ניט אבגעשטעלט. א חוץ אט די דורכשניטליכע מיינונגען, וואס מיר האבען אקארסט בעשריבען ווי זיי געהען אן ביי אונז, עקזיסטירט אויך א ווענינער־פערשפרייטע מיינונג, וועלכע געהט אין דערזעלביגער ריכטונג א סך וייטער. מען קען געפינען מענשען וועלכע טענה׳ן, אז מען דארף דעם קרייז וואו די רעגירונג האט א שליטה, נאך שמעלער מאכען ווי ער איז אפילו אין ענגלאנד. זיי וואלטען וועלען פיהרען די מאדערנע לעהרע, אז דער שטאאט עקזיסטירט פון דער טובה וועגען פון די בירגער, וועלכע האט אין א גרויסען ערך פערנומען דעם פלאץ פון דער אמאליגער לעהרע, אז די בירגער עקזיסטירען פון דער טובה וועגען פון שטאאט, ביז צו איהר לאגישען סוף.

זיי האלטען, אז דעם יחיד'ס פרייהייט, בעגרעניצט נור דורך די זעלביגע פרייהייט פון אנדערע יחידים, איז הייליג; און זיי מיינען, אז די רעגירונג האָט קיין רעכט ניט ארויפצולעגען אויף איהר אנ־דערע בעשרענקונגען, סיי אסור'נדיג געוויסע מעשים וואָס זיינען מותר על פי דין פון גלייכע פרייהט, סיי אוועקנעהמענדיג וויפיעל עס איז פון זייער אייגענס, אחוץ וויפיעל עס איז נויטיג צו דעקען די הוצאות, וואָס עס קאָסט צו האלטען אין קראפט דעם דאָזיגען געזעץ גופא. זיי דערקלערען, אז דעם שטאאט'ס איינציגע עובדא איז נור צו בעשיצען די בירגער איינע אנטקעגען די אנדערע, און זיי אלעמען אנטקעגען א שונא פון דער פרעמד. היות, טענה'ן זיי, ווי מיר זעהען א קלאָרע טענדענץ אין דער גאנצער ציוויליזאציע נאָכאנאנד ברייטער צו מאכען די פרייהייטען פון דעם אונטערטאן און צו בעשרענקען די עובדות פון שטאאט, איז פאראן א גרונד צו גלויבען, אז די ענדליכע פאָליטישע לאגע מוז זיין אזעלכע, וואו פערזענליכע פרייהייט וועט זיין די גרעסטע וואָס נור מעגליך, און די רעגירונגס־מאכט די קלענסטע וואָס נור מעגליך: דאָס הייסט, אזא לאגע, וואו יעדענס פרייהייט האָט קיין גרעניץ ניט, אחוץ וואָס די זעלביגע פרייהייט פון אלע איבעריגע מענשען בעגרעניצען זי, און וואו די רעגירונג האָט דעם איינציגען חוב אויפצוהאלטען אָט דעם גרעניץ.

אָט, הייסט עס, געפינען מיר גרויסע חלוקי דעות אין פער־שיידענע צייטען און פלעצער בנוגע צו דעם מקור, דער אויטאָריטעט און די עובדות פון רעגירונג; און די חלוקי דעות, פון וועלכע מיר האָבען אויבען אָנגעוויזען נור די הויפט־קלאסען, צוטיילען זיך נאָך אין אָהן א שיעור בעזונדערע מינים. הייגט וואָס מוז מען זאָגען מכח דער אמת'קייט אָדער פאלשקייט פון אָט די מיינונגען? אחוץ ביי עטליכע בארבארישע שבטים, האלט מען איבער דער גאנצער וועלט דעם געדאנק, אז דער הערשער איז א גאָט אָדער א האלב־גאָט, פאר דעם גרעסטען אונזין, וועלכער טרעט כמעט אריבער די גרעניצען פון מענשליכען כח פון גלויבען. נור אין עטליכע פלע־צער לעבט נאָך א טונקעלער רעיון, אז דער הערשער בעזיצט וועלכע

עס איז איבער־נאטירליכע מעלות. דאָס רוב ציוויליזירטע קהלות, וועלכע האלטען נאָך פון דעם געטליכען רעכט פון רעגירונגען, האָבען שוין לאנג אוועקגעוואָרפען דעם גלויבען אין דער געטליכער רעכט פון קעניגע. אין די איבעריגע פלעצער שטארבט אין גאנצען אוים דער גלויבען, אז עס שטעקט א וועלכע עס איז הייליגקייט אין די געזעצליכע רעגולירונגען: די געזעצע הויבען אָן בעטראכט צו ווערען אלס אָבמאך־רעגעלן און מעהר גאָר נישט. בעת ווידער די ראדיקאלסטע שול האלט, אז רעגירונגען האָבען ניט קיין אייגענע אויטאָרעטעט, און אפילו דער קהל'שער אָבמאך קען זיי ניט געבען אן אויטאָריטעט; זיי קענען נור בעזיצען די פאָלמאכט ווי פערוואלטער פון יענע מאָראלישע פרינציפען, וועלכע קומען ארוים פון די וויכטיגסטע אומשטענדען פון געזעלשאפטליכען לעבען. הייסט עס, אז מיר מוזען זאגען וועגען אָט די פערשיידענע גלויבענס מיט זייערע אונצעהליגע שנוים, אז נור איין געוויסער גלויבען איז אליין אין גאנצען גערעכט און אלע איבעריגע זיינען אין גאנצען אומגערעכט? אָדער מיר מוזען זאָגען, אז יעדער איינער פון זיי ענטהאלט וואר־הייט, וועלכע איז מעהר אָדער ווייניגער פערשטעלט פון פאלשקייטען? די צוגלידערונג פון דעם פונקט וועט אונז צווינגען אָנצונעהמען דעם אנדער „אָדער". ווי לעכערליך יעדערע פון די לעהרען בעזונדער מעג זיך ארויסווייזען פאר די, וואָס זיינען ניט ערצויגען געוואָרען אונטער זייער איינפלוס, דאָך געפינט זיך אין יעדער איינער, אלס איהר לעבענס־עלעמענט, א דערקענטניס פון א גאנץ זיכערען פאקט. בפירוש אָדער על פי סברא לעגט יעדע איינע פון זיי א געוויכט אויף א געוויסער אונטערוואָרפענקייט פון די אינדיווידועלע אקטען אונטער די געזעלשאפטליכע פאָדערונגען. עס זיינען פאראן גרויסע חלוקי דעות וועגען דער מ א כ ט, צו וועמען זיי דארפען זיך אונטערווארפען; עס זיינען פאראן גרויסע חלוקי דעות וועגען דעם מ אָ ט י ו, צוליעב וואָס זיי דארפען זיך אונטערוואָרפען; עס זיינען פאראן גרויסע חלוקי דעות וועגען דעם ע ר ך פון דער אונטערוואָרפענקייט — אָבער אז עס מוז זיין א **געוויסע** אונטערוואָרפענקייט, דעריין זיינען זיי אלע מודה.

פון דער עלטסטער און גרעבסטער אידעע פון געטרייקייט, ביז צו דער היינטיגער העכסט פאַרטגעשריטענער פּאָליטישער טעאָריע, איז אין דעם פּרט פאראן א פאַלשטענדיגע אחדות. הגם צווישען דעם וויל־דען, וועלכער בעגרייפט אז זיין לעבען און פערמעגען שטעהט לחלוטין אין זיין הערן׳ס רשות, און צווישען דעם אנארכיסט, וועל־כער לייקענט אָב דאָס רעכט פון יעדער רעגירונג, צי אן אויטאָ־קראטישע, צי א דעמאָקראטישע, מסיג גבול צו זיין אויף זיין אינ־דיווידועלע פרייהייט, איז אין פלוג פאראן א פאַלשטענדיגע התנגדות, צווישען וועלכער עס קען קיין שלום ניט זיין; פון דעסט־וועגען בעווייזט די ענדליכע צוגלידערונג, אז עס געפינט זיך ביי זיי אָט די גרינדליכע מיינונגס־איינינקייט: עס זיינען פאראן גרע־ניצען, וועלכע די אינדיווידועלע אקטען טאָרען ניט אריבערטרע־טען; נישט מעהר, יענער מיינט אז זיי שטאמען אָב פון דעם הער־שער׳ס ווילען, און דער האלט, אז זיי זיינען געדרונגען פון די גלייכע פאָדערונגען פון זיינע מיט־בירגער.

אויפ׳ן ערשטען בליק קען זיך אפשר אויסווייזען, אז מיר זייי־נען דאָ געקומען צו א גאנץ ניט־וויכטיגען שלום; דהינו, אז אין אָט די אלע שטרייטיגע פּאָליטישע גלויבענס געפינט זיך גאנץ גלייך א געוויסער פערבאָרגענער געדאנק — א געדאנק, וועלכער איז אודאי פון אויבען אויף ריכטיג. דאָ איז אָבער ניט די פראגע מכח דעם ווערטה אָדער נייקייט פון דער ווארהייט, צו וועלכער מיר זיינען געקומען. מיין צוועק איז געווען ארויסצושטעלען די מעהר אלגעמיינע ווארהייט, וועלכע מיר זיינען עלול צו פערזעהען, אז אפילו אין די העכסט־געגענגעזעצטע מיינונגען קען מען אויך גע־וועהנליך געפינען עפּעס געמיינשאפטליכעס, עפּעס וואָס יעדער צד נעהמט אָן פאר א זעלבסט־פערשטענדליכע זאך; און אז אָט דער „עפּעס", אויב ער איז ניט קיין זיכערע ווארהייט, קען מען דאָך האלטען, אז ער איז אין העכסטען גראד וואהרשיינליך וואהר. א פעסטע השערה (פּאָסטולאט), דהינו ווי די אויבען־דערמאָנטע, וועלכע ווערט ניט ארויסגעשטעלט ווי א בעוואוסט־זיניגע בעהויפּטונג, נור זי לאָזט זיך דרינגען ממילא, אונבעוואוו־

טערהייט; און וועלכע לאָזט זיך אונבעוואוסטערהייט דרינגען ניט
ביי איין מענשען אָדער ביי איין גרופּע, נור ביי א גרויסער צאָהל
גרופּען, וואָס געהען זיך פאנאנדער בנוגע אלע אנדערע מיינונגען
אויף טויזענדער אָרטען און וועגען — אזא השערה ווייזט ארויס א
פיעל גרעסערע בערעכטיגונג איידער א וועלכע עס איז אנדער
השערה קען געוועהנליך ארויסווייזען. אויב די השערה, ווי דאָ אין
דעם פאַל, איז אן אלגעמיינע (גענומען אין אבסטראַקט);
אזעלכע וואָס איז ניט געבויט אויף איין געוויסע ממשות'דיגע (קאָנ־
קרעטע) ערפאהרונג, וואָס די גאנצע מענשהייט האָט, נור זי שליסט
אן אן אינדוקציע (א „מה מצינו") פון א גרויסע צאָהל פערשיידענע
ערפאהרונגען, מעגען מיר זאָגען, אז אין פּרט פון זיכערקייט, פער־
נעהמט זי דעם נעכסטען פּלאַץ נאָך די השערות פון די עקזאַקטע
וויסענשאַפטען.

קומען מיר ניט אויף דעם אופן צו א כלל גדול (גענעראַליזאַ־
ציע), וועלכער קען זיין אונזער געוועהנליכער מורה דרך, ווען מיר
זוכען דעם „תמצית אמת אין זאכען וואָס זיינען פאַלש"? דער
פאָריגער ביישפּיעל, וועלכער ברייננט ארויס קלאָר דעם פאַקט, אז
מען קען געפינען עפּעס רעכטס אפילו אין מיינונגען, וואָס שיינען
צו זיין לחלוטין און אויף'ן העכסטען שטייגער פאַלש, צייגט פאַר
אונז אויך אָן די מעטאָדע, וועלכע מיר דאַרפען אננעהמען, זוכענ־
דיג אָט דעם „עפּעס רעכטס". אָט די מעטאָדע איז — פערגלייכען
אלע מיינונגען פון דעם זעלביגען מין איינע מיט די אנדערע; אָב־
לעגען אן א זייט, ווי עפּעס אזוינס, וואָס ווארפט מעהר אָדער ווע־
ניגער א חשד איינס אויף דעם אנדערן, אלע ספּעציעלע און קאָנ־
קרעטע עלעמענטען, מכח וועלכע די דאָזיגע מיינונגען שטימען
צווישען זיך ניט איין; בעטראַכטען וואָס עס בלייבט איבער נאָכ־
דעם ווי די דאָזיגע סתירה־דיגע טיילען זיינען בעזייטיגט געוואָרען;
און אויסגעפינען פאַר אָט דעם איבערגעבליבענעם טייל יענעם אב־
סטראַקטען אויסדרוק, וואָס האַלט אויס אומעדום, אויף וועלכע
פערשיידענע דרכים די שנוים פון דעם עיקר־טייל זאָלען זיך ניט
פאנאנדערגעהן.

§ 3. נעהמען מיר אָפּענהערציג אָן אַט דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ, און געהען מיר אויף דעם וועג וואָס ער צייגט אונז אָן, וועט עס אונז פיעל העלפען אין דער בעהאַנדלונג פון יענע כראָנישע מחלוקות, וועלכע האָבען צוריסען די מענשהייט. אָנגעווענדענדיג דעם פּרינציפּ ניט נור אויף אַלגעמיין אָנגענומענע אידעען, וואָס זיינען אונז פּערזענליך ניט נוגע, נור טאַקע אויך אויף די אייגענע אידעען און אויף די אידעען פון אונזערע געגנער, וועט עס אונז מיטברייינגען צו קענען ארויסגעבען א סך ריכטיגערע אורטיילען. מיר וועלען דאַן תמיד גרייט זיין צו ווארפען א חשד טאָמער זיינען אונזערע אייגענע איבערצייגונגען ניט גאָר אין גאַנצען גערעכט, און די איבערצייגונגען פון די געגנער ניט גאָר אין גאַנצען אומ־גערעכט. פון איין זייט וועלען מיר ניט דערלאָזען, א שטייגער ווי דער גרויסער ניט־דענקענדער המון טוט, אז אונזערע גלויבענס זאָלען ווערען בעשטימט פון דעם ריינעם צופאַל וואָס מיר זיינען געבאָרען געוואָרען אין א געוויסער צייט און אויף א געוויסען טייל פונ׳ם ערד־קוגעל; און פון דער אנדער זייט ווידער וועלען מיר אויסגעהיט ווערען פון יענעם טעות פון אָבלייקענען און פעראכטען אלץ מיט אנאנדער, אין וועלכען עס פאַלען אריין די מעהרסטע, וואָס שטעלען זיך אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון „פרייער" קריטיק.

די עלטסטע און ברייטסטע, די טיעפסטע און וויכטיגסטע פון אלע מחלוקות צווישען מיינונגען, איז די מחליקה צווישען ר ע ל י־ג י אָ ן און ו ו י ס ע נ ש א פ ט. זי האָט זיך אָנגעהויבען, בעת די דערקענטניס, אז עס געפינט זיך א ברעקיל סדר אין די ארומיגע זאכען, האָט אוועקגעשטעלט א גרעניץ אויף דעם אמאָליגען אלגע־מיינעם אָבערגלויבען. זי ווייזט זיך ארוים אומעדום, אויפ׳ן גאנ־צען געביעט פון מענשליכען וויסען: ווירקענדיג אויף די מענשענ׳ס ערקלערונגען, ווי מכח די איינפאכסטע מעכאנישע צופאַלען, אזוי מכח די העכסט־פערפלאָנטערטע פאסירונגען אין די געשיכטע פון פעלקער. איהרע וואָרצלען זיינען טיעף פערגראָבען אין די פער־שיידענע געדאנקען־גייינג פון מענשען מיט פערשיידענע סאָרטען שכל׳ען. און די געגענגעזעצטע בעגריפען וועגען נאטור און לעבען,

וואָס ווערען געבאָרען פון אַט די פערשיידענע געדאנקען־גיינג, האָבען אַן איינפלוס צו גוטען אָדער צו בייזען אויף דעם טאָן פון די געפיהלען און אויף די טאָג־טעגליכע פיהרונגען.

אזא אונאויפהערליכע מלחמה פון מיינונגען, וואָס איז אָנגע־פיהרט געוואָרען פון דורי־דורות אונטער די פאָהנען פון רעליגיאָן און וויסענשאפט, האָט, פערשטעהט זיך, געמוזט שאפען צווישען זיי א שנאה, וועלכע הרג'ט אוועק יעדע מעגליכקייט איין צד זאָל ריכטיג אָבגעשעצט ווערען פון דעם אנדערען. די מחליקה האָט היציגער און אויף א גרעסערען מאסשטאב איידער יעדע אנדער מחליקה, אילוסטרירט יענע אייביג זין־רייכע פאבעל פון די אמאָליגע ריטער־העלדען, וועלכע האָבען זיך ארומגעקריעגט וועגען דעם קאָליר פון א שילד, וואָס קיינער פון זיי האָט מעהר ווי אויף איין זייט זיינעם ניט געקוקט. יעדער בעל מחליקה, זעהענדיג קלאָר זיין אייגענע זייט פון דער פראגע, האָט בעשולדיגט זיין געגנער אין דומהייט אָדער אונעהרליכקייט, פאר וואָס יענער זעהט ניט דעם זעלבינגען אָנבליק וואָס ער; בעת קיינער פון זיי האָט ניט געהאט דעם מוטה אריבערצוגעהן אויף דעם געגנער'ס זייט און אויסגעפינען די מעשה, פאר וואָס יענער זעהט אלץ אנדערש ווי ער.

צום גליק בעוויזט זיך היינטיגע צייטען א גרעסערע אלזייטיגקייט אין די געפיהלען, וועלכע איז כדאי צו ענטוויקלען וויפיעל עס איז נור מעגליך פאר אונזערע נאטורען. אין דעם ערך וויפיעל מיר קריגען מעהר ליעב דעם אמת און וועניגער דעם נצחון, וועלען מיר אלץ מעהר חשק קריגען צו דערגעהן, וואס אזוינס איז עס וואָס עס פיהרט אונזערע געגנער צו דענקען ווי זיי דענקען. מיר וועלען אָנהויבען איינצוזעהן, אז די עקשנות וואָס זיי ווייזען ארויס פאר זייער גלויבען, מוז מסתמא זיין א פועל יוצא פון דעם, וואָס זיי זעהען עפעס, וואָס מיר האָבען ניט געזעהן. און יעמאָלט וועלען מיר שטרעבען ממלא צו זיין דעם טייל אמת, וואָס מיר האָבען אויסגעפונען, דורך דעם חלק וואָס זיי האָבען אויסגעפונען. שכל־דיגער אָבשעצענדיג דעם ווערטה פון דער מענשליכער אויטאָרי־טעט, וועלען מיר אויסמיידען ביידע איבערטרייבונגען, אי פון צו־

פיעל אונטערטעניגקייט צו איהר, אי פון צופיעל ווידערשפּעניג־קיט אנקעגען איהר — מיר ווע‏לען ניט בעטראַכטען איי‏ניגע מענ־שען׳ס מיינונגען פאר אין גאַנצען גוטע און אַנדערע מענשען׳ס מיי־נונגען פאר אין גאַנצען שלעכטע, נור מיר וועלען אדרבא נוטה זיין צו דער גלייכערער סברא, אז קיינע פון זיי זיינען ניט פאַלשטענדיג גערעכט, און קיינע זיינען ניט פאַלשטענדיג אומגערעכט.

האלטענדיג זיך ווי ווייט מעגליך ביי אָט דער אומפּאַרטייאי־שער פּאָזיציע, לאָמיר איצט בעטראַכטען די צוויי צדדים פון דער גרויסער מחליקה. זיך היטענדיג פון דעם פאָראורטייל וואָס די ערציהונג ברייננגט מיט, און בעוואָרענענדיג זיך אנטקעגען די פּניות, וואָס דער קלייזעל־געפיהל שעפּעט אונז אריין — לאָמיר זעהן וואָס איז על משקל ראשון (א פּריאָרי) וואהרשיינליך־ריכטיג ביי יעדען צד בעזונדער.

§ 4. ווען מיר בעגרייפען ריכטיג דעם אלגעמיינעם פּרינ־ציפּ, וואָס איז אויבען אילוסטרירט געוואָרען, מוז ער אונז פיהרען איינצוזעהן אין פאַראויס, אז אלע פערשיידענע פאָרמען פון רעלי־גיעזען גלויבען, וואָס האָבען עקזיסטירט און וואָס עקזיסטירען נאָך איצטער, רוהען אויף א פונדאמענט פון א געוויסען ווייטען פאקט. אורטיילענדיג על פּי אנאלאָגיע (גזירה שוה) איז דערפון געדרונגען, ניט אז איינער פון די גלויבענס איז גאָר אין גאַנצען גערעכט, נור אז אין יעדען איינעם פון זיי איז פאראן עפּעס ריכטיגעס, וואָס איז מעהר אָדער ווענינער פערשטעלט פון אנדערע זאכען פאלשע. מעג־ליך אז דאָס קערענדיל אמת, וואָס ליעגט פערבאָרגען אין די פאלשע גלויבענס, איז זעהר ניט־עהנליך צו די מייסטע, אָדער אפשר גאָר צו אלע, פערשיידענע פערקערפּערונגען פון דעם דאָזיגען אמת; און אין אמת׳ן טאקע, אויב ער איז, ווי דער שכל איז מחיב, א סך מעהר אבסטראקט איידער וועלכע עס איז פון זיינע פערקערפּערונ־גען, איז דאָך ממילא געדרונגען, אז ער קען ניט זיין עהנליך צו זיי. ווי פערשיידען אָבער פון זיין קאָנקרעטען אויסדרוק דער אבסטראק־טער אמת זאָל ניט זיין, מוז מען דאָך דערוואַרטען צו געפינען אין

איהם עפּעס, וואָס איז בעצם ריכטיג. זיך משער זיין, אַז אַט די ביעל־פאָרמיגע בעגריפען האָבען איינע אין איינע לחלוטין גאָר קיין יסוד ניט, הייסט צו־טיעף פערצאכטען דעם דורכשניט מענשליכען שכל, פון וועמען אַלע אונזערע אינדיווידועלע שכל׳ען שטאַמען אָב בירושה.

מיר וועלען זעהן, אַז אַט דער העכסט־אַלגעמיינער טעם ווערט נאָך שטאַרקער דורך אנדערע מעהר ספּעציעלע טעמים. צו דער וואהרשיינליכער סברא, אַז א סך פערשיידענאַרטיגע גלויבענס פון דעמזעלביגען קלאַס האָבען אודאי א געוויסען געמיינשאַפטליכען פונדאַמענט וואָס רוהט אויף פאַקטען, מוז מען דאָ אין דעם פאַל מוסיף זיין נאָך א ווייטערדיגע סברא, וועלכע איז געדרונגען פון דעם אומעדום־זיין פון די גלויבענס. רעליגיעזע אידעען פון איין סאָרט אָדער פון אנאנדערען זיינען כמעט אלוועלטליך. צוגעבענדיג אַז אין א סך פּלעצער זיינען פאַראַן פעלקער־שטאַמען, וועלכע האָבען קיין טעאָריע ניט מכח דער בעשאַפונג פון דער וועלט, קיין וואָרט ניט אין זייער שפּראַך פון דעם בעגריף פון א גאָט, קיין מנהג ניט פון געבעט, קיין אידעע פון א יענער וועלט — צוגעבענדיג אַז דער קלענסטער אָנהויב פון אזעלכע טעאָריען בעווייזט זיך נור יעמאָלט, ווען מענשען האָבען שוין געגרייכט א געוויסע שטופע פון אינטעליגענץ, איז דער שלום דערפון פּראַקטיש אַלץ איינס. וואָרים זייט איהר מודה, אַז ביי אַלע ראַסען, וואָס האָבען דורכגעמאַכט א געוויסע שטופע פון אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג, געפינען זיך יאָ אונקלאָרע אידעען מכח דעם אורשפּרונג און דער פערבאָרגענער טבע פון די זאַכען, וואָס רינגלען זיי אַרום, איז דער אויספיהר דערפון, אַז אזוינע אידעען זיינען נויטיגע פּראָדוקטען פון דעם פּראָגרעסירענדען פערשטאַנד. דאָס, וואָס זיי זיינען אזוי פיעל פערשיידען איינע פון די אנדערע, מאַכט נאָך אדרבא שטאַרקער דעם שלום: דערמיט וואָס עס בעווייזט א מעהר אָדער ווייניגער זעלבסטשטענדיגען אורשפּרונג און דערמיט וואָס עס בעווייזט, ווי עהנליכע אומשטענדען האָבען געפיהרט אין גאַנץ פערשיידענע צייטען און ערטער צו די זעלביגע געדאַנקען־גייננג, פון וועלכע עס זיי־

נען ארויסגעקומען די זעלביגע רעזולטאטען. אז אָט די אַלע אָהן א שיעור־פערשיידענע און דאָך עהנליכע ערשיינונגען, וואָס אַלע רעליגיאָנען שטעלען פאָר, זיינען נור צופעליגע, אָדער קינסטליך געמאכטע — איז א השערה וואָס לאָזט זיך ניט האלטען. אן עהרליכע אונטערזוכונג פון די פאקטען שטעלט אין גאנצען בתורת לאו די לעהרע, וואָס אייניגע האלטען,אז אמונות זיינען גלח׳שע ערפינדונגען. אפילו נור אלס א פראגע פון וואהרשיינליכקייט קען זיך עס אויפ׳ן שכל ניט לעגען, אז אין יעדער געזעלשאפט פון א מאָל און היינט, פון ווילדע און ציוויליזירטע, האָבען געוויסע מיטגליעדער פון דער געמיינדע זיך פעראייניגט צווישען זיך, כדי אָבצונארען אַלע איבעריגע מענשען אויף אזעלכע גלייכע אופנים. פאר די וואָס קענען אפשר מיינען, אז דאָס האָט א פארצייטיגער פריסטער־קלאס אויסגעטראכט עפּעס א פארצייטיגע בבא־מעשה נאָך פאר׳ן דור הפלגה, איידער די מענשען האָבען זיך צוטיילט אין שטאמען און פעלקער — בעזאָרגט די פילאָלאָגיע (שפראך־וויסענשאפט) מיט אן ענטפער; וואָרים די פילאָלאָגיע בעווייזט, אז די פאנאנדערטיילונג פון דער מענשהייט האָט זיך אָנגעהויבען איידער עס האָט נאָך עקזיסטירט א גענוג־אויסגעארבייטע שפראך, וואָס זאָל קענען אויסדריקען רעליגיעזע אידעען. אָבער א חוץ דעם, אויב אפילו זי וואָלט זיך יאָ געלעגט אויפ׳ן שכל, קען אָט די השערה (היפּאָטעזע) פון א קינסטליכען אורשפרונג ניט דערקלערען די פאקטען. זי דערקלערט ניט פארוואָס, אונטער אלע ענדערונגען פון דער פאָרם, בלייבען געוויסע עלעמענטען פון רעליגיעזען גלויבען אייביג דיזעלביגע. זי בעווייזט אונז ניט, ווי אזוי קומט עס, אז בעת די קריטיק האָט פון צייט צו צייט געמאכט א תל פון געוויסע טעאָלאָגישע דאָגמען, האָט זי דאָך ניט געקענט פערניכטען דעם גרונד־בעגריף, אויף וועלכען די דאָגמען זיינען געבויט. זי לאָזט אונז אָהן א ברעקיל דערקלערונג פון דעם מערקווירדיגען פאקט, וואָס בעת צוליב די פערדאָרבענקייטען און אונזיניגע מעשיות, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען ארום זיי, זיינען נאציאָנאלע גלויבענס נמאס געוואָרען ביים פאָלק און מענשען זיינען געוואָרען

גלייכגילטיג צו זיי, אָדער האָבען זיי אָבגעלייקענט גאָר אין גאנצען, זיינען זיי אלע מאָל ביסלעכוועיז וויעדער אויסגעוואקסען פון דאָס ניי — אויב ניט לויט דער פאָרם די זעלביגע, זיינען זיי דאָך געבליבען די זעלביגע אין עצם. אָט דאָס אלץ צוזאמען — די אל־געמיינקייט פון די רעליגיעזע אידעען, זייער אונאָבהענגיגע ענט־וויקלונג ביי פערשיעדענע פארצייטיגע ראסען, און זייער גרויסע לעבענס־קראפט — בעווייזט אונז, אז זייער מקור מוז דוקא זיין א גאנץ טיעפער און גאָר ניט קיין אויבערפלעכליכער. מיט אנ־דערע ווערטער: מיר זיינען געצוואונגען מודה צו זיין, אז אויב זיי האָבען ניט קיין איבערנאטירליכע אָבשטאמונג, ווי די מאיאָריטעט טענה'ט, מוזען זיי זיכער אָבשטאמען פון מענשליכע ערפאהרונגען, וואָס זיינען לאנגזאם אָנגעקליבען און אָרגאניזירט געוואָרען.

טאָמער וויל מען מאכען די בעהויפטונג, אז רעליגיעזע אי־דעען זיינען פראָדוקטען פון דעם רעליגיעזען געפיהל — איינביל־דונגען, וואָס ער רופט ארויס כדי זיך צופריעדען צו שטעלען, און וועלכע ער שטעלט נאָכהער אריין אין דער אויסערליכער וועלט און נעהמט זיי על פי טעות אָן ביסלעכוועיז פאר ווירקליכקייטען — איז דורך דעם אָבער דאָס פראָבלעם ניט געלעזט, נור אוועקגערוקט ווייטער צוריק. וואָרים צי דער פערלאנג איז דער פאָטער פונ'ם געדאנק, צי געפיהל און אידעע קומען ביידע ארויס פון איין מקור, די קשיא איז אלץ די אייגענע: פון וואנען נעהמט זיך אָט דער געפיהל? אז ער איז א וויכטיגער טייל פון דער מענשליכער נאטור, ליעגט דאָך אין גרונד פון דער השערה גופא; און באמת קענען אפילו די וואָס האלטען בעסער פון אנדערע השערות דאָס אויך ניט אָבלייקענען. און ווי באלד מען מוז אריינרעכענען דעם רעליגיעזען געפיהל, וועלכען א מאיאָריטעט פון דער מענשהייט צייגט שטענדיג ארויס, און וועלכער ווערט אָפטמאָל דערוועקט אויך אין יענע, ביי וועמען ער שיינט צו פעהלען גאָר אין גאנצען, אין דעם קלאס פון מענשליכע געמיט־בעוועגונגען, קענען מיר איהם על פי שכל ניט איגנאָרירען. מיר זיינען געצוואונגען צו פרעגען פון וואנען ער נעהמט זיך און וואָס פאר אן עובדא ער האָט. עס איז פאראן אן

אייגענשאַפט, וועלכע האָט געהאַט, צו זאָגען דאָס ווענינגסטע, אַן אונגעהויער גרויסען איינפלוס — אַן אייגענשאַפט וואָס האָט געשפּיעלט אַן אָנגעזעהענע ראָליע אַזוי ווייט צוריק אין דער פערגאַנגענהייט אויף וויפיעל די געשיכטע האָט אַן אָנהויב, און איז נאָך איצטער אויך די לעבענס־קראַפט פון אַ גרויסער צאָהל אינסטיטוציעס, די סבה וואָס רייצט אויף שטענדיגע מחליקות און דער כח וואָס רופט יעדען טאָג ארויס מעשים אָהן אַ שיעור. אַ וועלכע עס איז וועלט־טעאָריע דעריבער, וואָס לאָזט אָט די מענשליכע אייגענשאַפט ארויס פון חשבון, מוז אודאי זיין אַ זעהר פעהלערהאַפטיגע. עס פאָדערט זיך פון אונז גלאַט אַלס פראַגע אין פילאָזאָפיע, אויב ניט צוליעב אַ וועלכען עס איז אנדער קוק, מיר זאָלען זאָגען, וואָס אָט די אייגענשאַפט בעטייט; און מיר קענען זיך ניט אָבזאָגען פון דעם חוב אויב מיר זיינען ניט מודה, אַז אונזער פילאָזאָפיע איז אַן אונקאָמפּעטענטע.

נישט מעהר ווי צוויי השערות זיינען פאַר אונז אָפען: איינע איז, אַז דער געפיהל וואָס ענטשפּרעכט די רעליגיעזע אידעען, איז בעשאַפען געוואָרען, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מענשליכע חושים, דורך אַן אקט פון יצירה פּרטית; די אַנדער השערה איז, אַז דער געפיהל, אין איינעם מיט די איבעריגע, איז ענטשטאַנען דורך אַ פּראָצעס פון ענטוויקלונג. אויב מיר נעהמען אָן די ערשטע, וועלכע אונזערע אור־עלטערען האָבען געהאַלטען ווי אויך די גרויסע מאַיאָריטעט פון די הייַנטיגע, איז די זאַך גלייך געענדיגט: דער בורא האָט דירעקט אריינגעגעבען אינ'ם מענשען אַ רעליגיעזען געפיהל, און צו דעם בורא רופט ער זיך אָב, ווי עס איז בעשטימט געוואָרען במחשבה תחילה. אויב אָבער מיר נעהמען אָן די אַנדער השערה, שטעלען אונז גלייך אָב די שאלות: וועלכע אומשטענדען האָט מען פערדאַנקען פאַר דעם א ו ר ש פּ ר ו נ ג פון דעם רעליגיעזען געפיהל? און — וואָס איז זיין ע ו ב ד א? מיר זיינען מחויב צו שטעלען אָט די פראַגען; און מיר זיינען מחויב צו געפינען פאַר זיי תירוצים. בעטראַכטענדיג אַלע חושים, ווי מיר מוזען עס טון לויט דער השערה פון ענטוויקלונג, אַלס רעזולטאַטען פון די אָנגעקליבענע

שנוים, וואָס זיינען געוואָרען אין דעם אָרגאניזם דורך זיין אָנ־שטויסען זיך מיט זיין סביבה, זיינען מיר געצוואונגען מודה צו זיין, אז אין דער סביבה גופא עקזיסטירען געוויסע ערשיינונגען אָדער קאָנדיציעס, וועלכע האָבען אויך בעשטימט דאָס וואקסען פון אָט דעם רעליגיעזען געפיהל; און בכן הייסט עס, מוזען מיר מודה זיין, אז ער איז פונקט אזוי נאָרמאל ווי יעדער אנדער חוש. זיינען מיר נאָך מוסיף דערצו, לויט דער טעאָריע פון דער ענטוויקלונג פון נידעריגערע פאָרמען אין העכערע, אז דאָס ציעל, צו וועלכען די פראָגרעסיווע ענדערונגען פיהרען דירעקט אָדער אינדירעקט, מוז זיין, דאָס צופאסען זיך צו די פאָדערונגען פון לעבען, זיינען מיר אויך דערפון געצוואונגען אויסצופיהרען, אז דער רעליגיעזער גע־פיהל איז אויף א וועלכען עס איז אופן בעהילפליך צום מענשליכען וואָהלזיין. אזוי זעהען מיר, אז איןביידע שיטות ליעגט דער זעל־ביגער ענדליכער שלום. מיר מוזען דערפון שליסען, אז דער רעלי־גיעזער געפיהל איז ענטוועדער בעשאפען געוואָרען דירעקט, אָדער ער איז געשאפען געוואָרען דורך די לאנגזאמע ווירקונג פון נאטיר־ליכע אורזאכען; און וועלכען שלום פון די ביידע מיר זאָלען ניט אָננעהמען, פאָדערט ער פון אונז מיר זאָלען בעהאנדלען דעם רע־ליגיעזען געפיהל מיט רעספעקט.

נאָך איין פונקט איז פאראן, וואָס מען דאַרף ניט פערזעהן — א פונקט, וואָס גראָד די תלמידים פון וויסענשאפט דארפען מען זאָל זיי דערמאָנען וועגען איהם. אזוי ווי זיי זיינען כסדר פער־טון מיט פעסטגעשטעלטע ווארהייטען און זיינען צוגעוועהנט צו קו־קען אויף דאָס, וואָס מען וויים נאָך ניט, ווי אויף זאכען, וואָס מען וועט שפעטער אויסגעפינען, זיינען זיי עלול צו פערגעסען, אז ווי ברייט אונזער וויסען זאָל ניט ווערען, קען עס קיינמאָל ניט פער־ענטפערען אלע קשיות. דאָס פאָזיטיווע וויסען דעקט ניט און קען קיינמאָל ניט דעקען דעם גאנצען קרייז פון מעגליכען דענקען. גרייכענדיג דעם ווייטסטען ברעג פון ענטדעקונג, שטעלט זיך אויף, און עס מוז זיך אייביג אויפשטעלען די פראגע — וואָס ליעגט הינטער דעם ברעג? אזוי ווי עס איז אונמעגליך צו דענקען וועגען

א גרעניץ פון רוים, באופן וואָס זאָל אויסשליסען די אידעע פון רוים הינטער יענעם גרעניץ; אזוי קענען מיר ניט בעגרייפען די מעגליכקייט פון אזא מין ערקלערונג, וועלכע איז טיעף גענוג אויס־צושליסען די פראַגע — וואָס איז די ערקלערונג פון יענער ער־קלערונג? בעטראַכטענדיג די וויסענשאַפט ווי א כדור (א קרייז), וואָס ווערט ביסלעכווייז אלץ גרעסער און גרעסער, קענען מיר זאָ־גען,אז יעדע הוספה צום פערנעהם פון זיין אויבערפלעך ברייננגט איהם אלץ מעהר אין בעריהרונג מיט דער אונוויסענשאַפט, וואָס רינגעלט איהם ארום. עס מוזען דעריבער אייביג בלייבען צוויי נעגענגעזעצטע פאָרמען פון גייסטיגער טהעטיגקייט. דער מענש־ליכער שכל וועט אין אלע צייטען פון דער צוקונפט, אזוי ווי איצ־טער, זיך קענען בעשעפטיגען, ניט נור מיט די דערפאָרשטע ער־שיינונגען און זייערע שייכות׳ן, נור אויך מיט דעם ניט־דערפאָרש־טען פינטעלע, וואָס די ערשיינונגען און זייערע שיכות׳ן שליסען איין. דעריבער, אויב דאָס וויסען קען ניט מאָנאָפּאָליזירען דעם בעוואוסטזיין, אויב עס מוז אייביג בלייבען די מעגליכקייט פאר׳ן שכל אריינצוטון זיך אין חקירות, וועלכע שטייגען אריבער דאָס וויסען, דאן וועט קיינמאָל ניט פעהלען קיין פלאַץ פאר עפּעס, וואָס טראָגט דעם כאראקטער פון רעליגיאָן: ווארים די רעליגיאָן אין אלע איהרע פאָרמען איז אָבגעשיידט פון יעדער אנדער זאך אין דעם פּרט, וואָס איהר מאַטעריאל איז דאָס, וואָס טרעט אריבער דעם קרייז פון ערפאהרונג.

וויבאלד אזוי, איז ווי ניט־ריכטיג די, אָדער יענע, אָדער אלע אמונות זאָלען ניט זיין, ווי גראָב עס זיינען ניט די אונזיניגקייטען, וואָס זיינען פערבונדען מיט זיי, ווי נאריש עס זיינען ניט די ארגו־מענטען, וואָס מען ברייננגט זיי צו פערטיידיגען — טאָרען מיר ניט איגנאָרירען די ווארהייט, וועלכע לויט אלע וואהרשיינליכקיי־טען ליעגט פערבאָרגען אין זיי. די אלגעמיינע וואהרשיינליכקייט, אז ווייט־פערשפרייטע גלויבענס זיינען ניט לחלוטין אָהן א גרונד, ווערט אין אָט דעם פאל פערשטארקט דורך נאָך א וואהרשיינליכ־קייט, וועלכע נעהמט זיך פון דעם פאקט, וואָס די גלויבענס געפינען

זיך אומעדום. די עקזיסטענץ פון א רעליגיעזען געפיהל, וואס זיין אורשפרונג זאל ניט זיין, איז ווידער נאך א ראיה, וואס האט א גרויסע בעדייטונג. און אזוי ווי דער דאזיגער געפיהל געפינט זיך א פעלד פאר זיין טעטיגקייט אין דער אונוויסענשאפט, וועלכע מוז אייביג בלייבען דער געגענפונקט (אנטיטעז) פון וויסענשאפט, זעהען מיר אין דעם א דריטען אלגעמיינעם פאקט, וואס פיהרט צום זעלביגען שלום. מיר קענען דעריבער זיין זיכער, אז אויב אפילו קיינע פון די רעליגיאנען זיינען ניט ווירקליך אמת, זיינען זיי על כל פנים די אבשאטענונג פון אן אמת.

§ 5. אזוי ווי פאר די רעליגיעזע וועט עס אויסזעהן אונזיניג צו נעהמען זיך רעכטפערטיגען די רעליגיאן, אזוי וועט עס פאר די וויסענשאפטליכע אויסזעהן ווי אן אונזין צו נעהמען זיך פערטיידיגען די וויסענשאפט. דאך איז די צווייטע ארבייט גע־ווים אזוי נויטיג ווי די ערשטע. אויב עס עקזיסטירט א קלאס מענשען, וואס ממאס־זייענדיג די נארישקייטען פון רעליגיאן און עקלענדיג זיך פון איהרע פערדארבענקייטען, האבען זיי צו איהר געקריגען א מין געפיהל פון אבשטויסונג, וועלכער מאכט זיי זאלען פערזעהען די גרונד־ווארהייט, וואס עס שטעקט אין איהר; אזוי איז אויך פאראן א קלאס מענשען, וואס פיהלט זיך אזויפיעל בעליידיגט פון דער פערניכטענדער קריטיק, מיט וועלכער די וויסענשאפטס־מענער טרעטען ארוים אנטקעגען יענע לעהרען פון רעליגיאן, וואס די דאזיגע מענשען האלטען פאר די עקרים פון אמונה, אז עס האט זיך ביי זיי אויסגעארבייט א שטארקער פאראורטייל אנטקעגען די וויסענשאפט בכלל. זיי האבען ניט קיין אנגעגרייטע, אפענע און קלארע טעמים פאר זייער שנאה צו איהר. עס ליעגט זיי נור אין זכרון די שטארקע קלעפ, וואס די וויסענשאפט האט געגעבען א סך פון זייערע בעליעבטע איבערצייגונגען, און זיי האבען א חשד, אז זי קען נאך אפשר ווען עס איז עוקר מן השורש זיין אלץ וואס ביי זיי איז הייליג; און דעריבער רופט זי ארוים אין זיי א געוויסען אונפערנעהמליכען שרעק.

וואָס איז וויסענשאַפט? כדי צו זעהן ווי אונזיניג עס איז צו האָבען א פּאָראורטייל אנטקעגען איהר, דאַרפען מיר נור בע־מערקען, אז וויסענשאַפט איז פשוט נישט מעהר ווי א העכערע ענטוויקלונג פון געוועהנליכען וויסען; און אז דעריבער, אויב מען זאָגט זיך אָב פון וויסענשאַפט, מוז מען זיך צוגלייך אָבזאָגען פון יעדעס וויסען. דער ענגסטער פאַנאַטיק וועט קיין בייז ניט זעהן, למשל, אין דער בעאָבאַכטונג, אז זומער געהט די זון אויף פריהער און פערגעהט שפּעטער ווי אין ווינטער; ער וועט גאָר אדרבא האַל־טען אזא בעאָבאַכטונג פאַר א זאַך, וואָס העלפט איהם מקיים צו זיין די התחיבות'ן פון לעבען. נו, און וואָס איז אסטראָנאָמיע? די וויסענשאַפט פון אסטראָנאָמיע איז אַן אָרגאַניזירטער חבור פון אַט אזוינע בעאָבאַכטונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען מיט מעהר פּינקטליכקייט און נעהמען ארום א גרעסערע צאָהל זאַכען וואָס זיינען אזוי גוט צוגלידערט, אז עס מאַכט פאַר אונז קלאָר די ריכטיגע אָרדנונג פון די הימלען און טרייבט אוועק דעם פאַלשען בעגריף, וואָס מיר האָבען פריהער געהאַט וועגען זיי. דער גרעס־טער ירא שמים וועט אייך אהן שום פּחד לערנען, אז אייזען ווערט פערראָסט אין וואַסער, אז האָלץ ברענט, אָדער אז פלייש, וואָס מען האַלט צו־לאַנג, הויבט אָן פוילען, און ער וועט עס האַלטען פאַר זאַכען, וואָס זיינען גוט צו וויסען. אָבער אַט די אַלע זאַכען זיינען וואַרהייטען פון כימיע: די וויסענשאַפט פון כימיע איז א סיסטעמאַטישע קאָלעקציע פון אזוינע פאַקטען, וועלכע זיינען קלאָר בעשטימט אויפ'ן האָר, און אזוי קלאַסיפיצירט און גענעראַליזירט, אז עס גיט אונז די מעגליכקייט צו זאָגען אויף זיכער בנוגע צו יעדער זאַך, סיי אָן איינפאַכע, סיי א צוזאַמענגעזעצטע, וואָס פאַר שנוים עס וועט אונטער געוויסע בעדינגונגען אין איהר פאָרקומען. און אזוי איז עס מיט אַלע וויסענשאַפטען. איטליכע פון זיי שפּראָצט ארויס פון די ערפאַהרונגען פון טעגליכען לעבען; וואַק־סענדיג אונבעמערקבאַר, נעהמען זיי אריין ווייטערע, צאָהלרייכערע און מעהר קאָמפּליצירטע ערפאַהרונגען; און זיי געפינען אויס די כללים און געזעץ פון די ברייטערע פאַקטען אזוי קלאָר, ווי פון די

היימישע זאכען, וואס זיינען אלעמען בעקאנט. מען קען אין ערגעץ ניט געבען א פיהר מיט א ליניע און זאגען: אט דא הויבט זיך אן וויסענשאפט. און פונקט אזוי ווי דער צוועק פון די געוועהנ־ליכע בעאבאכטונגען איז אונז צו דיענען פאר א מורה דרך פון אויפפיהרונג, אזוי אויך איז די לעבענס־פיהרונג דער צוועק פון די העכסט פערבארגענע און אבסטראקטע פארשונגען פון וויסענשאפט. די פיזיקע רעגולירט אונזער געזעלשאפטליך לעבען, דורך די טויזענדער נייע אופנים פון פראדוקציאן און דורך די פערשיידענע פארמען פון טרייב־קראפט, וואס זי האט אונז געגעבען, ניט אין אן ערך מעהר, איידער דעם ווילדען'ס בעקאנטשאפט מיט די אייגענשאפטען פון די זאכען וואס רינגלען איהם ארום, רעגולירען זיין לעבען. די אנאטאמיע און די פיזיאלאגיע, דורך די ווירקונג וואס זיי האבען אויף דער מעדיצין און היגיענע, ענדערען אונזער פיהרונג כמעט אזוי פיעל, ווי אונזערע ידיעות וועגען די רעות אדער טובות, וואס די געוועהנליכע ארומיגע סבות קענען אונז ברייננען. וויסענשאפט מיינט — זעהען פאראויס; און יעדעס פאראויסזעהן העלפט אונז ענדליך אין א גרעסערען אדער קלענערען גראד צו פועל'ן עפעס גוטס און אויסמיידען עפעס שלעכטס. פונקט אזוי ווי דאס זעהן מיט די אויגען, אז עס ליעגט עפעס אויפ'ן וועג, ווארענט אונז פון צו ווערען געשטרויכעלט איבער דעם, אזוי זיכער ווארענט אונז אויך דאס העכערע זעהען, דאס זעהען מיט די אויגען פון שכל, — דאס דאזיגע, אייגענטליך, וואס וויסענשאפט איז — ניט צו פאלען איבער די שטרויכלונגען, וואס ליעגען אויפ'ן וועג פון אונזערע ווייטסטע ציעלען. וויבאלד דעריבער, אז די פשוט־סטע פארמען פון וויסען און די העכסט־קאמפליצירטע דערקענטנים זיינען איינס און דאס זעלביגע, אי אין דעם מקור פון וואנען זיי שטאמען, אי אין די עובדות וואס זיי האבען אויפצוטון, מוזען מיר זיך צוביידען פערהאלטען גלייך. אים נאמען פון אויסגעהאלטענ־קייט זיינען מיר מחויב, ענטוועדער אנצונעהמען די ברייטעסטע וויסענשאפט, וואס אונזערע חושים קענען גרייכען, אדער אוועקצו־ווארפען צוזאמען מיט דער וויסענשאפט אויך דאס ביסעל וויסען

וואָס אַלע פערמאָגען. עס איז ניטאָ קיין לאָגישער מיטען־וועג צווישען אָננעהמען אין גאַנצען אַלץ וואָס אונזער פערשטאַנד גיט אונז, אָדער פערוואַרפען אַפילו דעם נידעריגסטען פערשטאַנד, וואָס מיר פערמאָגען אין איינעם מיט די חיות.

שטעלען די פראַגע, וועלכע איז דאָ גלייך נוגע אונזער ארגו־מענט — די פראַגע, צי די וויסענשאַפט איז אין עצם אמת? — האָט א פנים ווי מען זאָל פרעגען, צי די זון גיט ליכט. און ווייל די טעאָלאָגישע פּאַרטיי פיהלט, ווי זיכער ריכטיג דאָס רוב וויסענ־שאַפטליכע לעהרען זיינען, דעריבער קוקט זי אויף דער וויסענשאַפט מיט אזא בעהאַלטענעם פּחד. זיי, די טעאָלאָגען, ווייסען, אז פאַר די גאַנצע צוויי טויזענד יאָהר, וואָס די וויסענשאַפט וואַקסט, זיי־נען עטליכע פון איהרע גרויסע אבטיילונגען — דהיינו, מאַטעמאַ־טיקע, פיזיקע און אַסטראָנאָמיע — אונטערוואָרפען געוואָרען אונ־טער די שטרענגסטע קריטיק דורות נאָך דורות, און זיינען פון דעסטוועגען אַלע מאָל מעהר פערפעסטיגט געוואָרען. זיי ווייסען, אז בעת א סך פון זייערע אייגענע לעהרען זיינען א מאָל געווען אָנגענומען איבעראַל, אָבער וואָס א דור ווייטער האָט מען אַלץ מעהר גענומען אין זיי צווייפלען; זיינען די וויסענשאַפטליכע לעהרען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען מיט אַן אָנהענגערשאַפט פון עטליכע צו־וואָרפענע פאַרשער, לאַנגזאַם אַלץ מעהר געוואַקסען אין צאָהל פון אָנהענגער, און זיינען איצטער אין א גרויסען טייל אזוי פעסט געוואָרען, אז מען ויכוח'ט זיך שוין ניט מעהר וועגען זיי. זיי ווייסען, אז די וויסענשאַפטס־מענער איבער דער גאַנצער וועלט קריטיקירען איינער דעם אנדערען'ס ארבייט מיט דער גרעס־טער שאַרפקייט; און אז יעדער טעות ווערט אָהן רחמנות אויפגע־דעקט און תיכף פערוואָרפען. און, לעצטענס, ווייסען זיי, אז גאָר די בעסטע עדות זיינען די מעשים בכל יום, וואָס עס ווערט מקוים אַלץ וואָס די וויסענשאַפט זאָגט פאָראויס, און די שטענדיגע נצחונות פון אַלע אונטערנעהמונגען, וועלכע די וויסענשאַפט פיהרט אָן.

זיך האַלטען פיינדליך צו א זאַך, וואָס האָט אזעלכע גרויסע

מעלות, איז א דומהייט. הגם די פערטיידיגער פון רעליגיאָן קענען געפינען א שטיקעל אויסרייד פאר זייער פיינדליכער האלטונג אין דעם טאָן, מיט וועלכען פיעלע וויסענשאפטס־מענער רעדען וועגען זיי; איז דאָס אבער זעהר א שוואכער אויסרייד. זיי מוזען מודה זיין פאר דעם צד פון דער וויסענשאפט, אזוי גוט ווי פאר זייער אייגענעם צד, אז די פערזענליכע פעהלערען פון די פאָרשטעהער האָבען אין עצם גאָר ניט צו טון מיט דער זאך, וועלכער זיי פערטיידיגען. מען מוז אורטיילען די וויסענשאפט ווי זי איז פאר זיך אליין. און אויב מען אורטיילט זי אָט אזוי, קען נור א העכסט־קרומער מוח פערפעהלען צו זעהן, אז זי פערדיענט אלע אכטונג. צי עס איז דאָ, צי עס איז ניטאָ א וועלכע עס איז אנדער ענטפלע־קונג — מיר האָבען אן אמת׳ע ענטפלעקונג אין דער וויסענשאפט: א נאָכאנאנדיגע אויפדעקונג פון דער פעסטגעשטעלטער אָרדנונג פון גאנצען אוניווערזום, דורך דעם פערשטאנד, מיט וועלכען מיר זיינען בעגאבט. די ריכטיגקייט פון די דאָזיגע אויפדעקונגען איז יעדער איינער מחויב אויסצוגעפינען אויף וויפיעל עס ליעגט אין זיינע כחות; און האָט ער זי אויסגעפונען ,איז ער מחויב זיי אָנ־צונעהמען מיט דער גרעסטער אונטערטעניגקייט.

§ 6. דער אמת, הייסט עס, מוז זיך געפינען ביי ביידע צדדים פון אָט דער גרויסער מחליקה. בעטראכטענדיג אָהן פניות אלע זייטען פון ויכוח, מוזען מיר קומען צום שלום, אז די רעליגיאָן, וועלכע געפינט זיך אומעדום ווי א שתי וואָס לויפט דורך דעם ערב פון דער מענשליכער געשיכטע, דריקט אוים א געוויסען אייביגען פאקט; בעת וועגען דער וויסענשאפט איז עס כמעט אן א״ב־אמת צו זאָגען, אז זי איז אן אָרגאניזירטע מאסע פון פאקטען ,וואָס וואקסט אלץ גרעסער און ווערט וואָס ווייטער אלץ גרינדליכער אויסגערייניגט פון טעות׳ן. און אויב זיי זיינען ביידע בעגרינדעט אויף דיווירקליכקייטען פון לעבען, מוז צווישען זיי זיין א גרינדליכע הארמאָניע. עס איז אן אונגלויבליכע השערה, אז עס זיינען פאראן צוויערליי סאָרטען װארהייט, אין אן אייביגען

און אבסאָלוטען ווידערשפּרוך איינע מיט די אנדערע. אזא השערה איז קוים בעגרייפליך, סיידען נור אויפ'ן גרונד פון א „מאניכעער־טעאָריע*), וועלכע קיין איינער, וויפיעל זיינע מיינונגען זאָלען ניט זיין אָנגעשטעקט מיט איהר, וואגט ניט ביי אונז אָפען צו האלטען. אז רעליגיאָן איז געטליך און וויסענשאפט איז טייפעליש, איז א מיינונג, וואָס אפילו דער פערביסענסטער פאנאטיק וועט זיך ניט ערלויבען דייטליך ארויסצוזאָגען, הגם פערשטעלטערהייט האָט זיך ניט איין גלח צו'דרשנט אויף דעם שטייגער. און יעדער איינער, וועלכער קען אזא מיינונג ניט האלטען, מוז מודה זיין, אז אונטער דער אויבענאויפיגער פיינדשאפט ליעגט בעהאלטען א פאָלקאָמענע אחדות.

יעדער צד מוז דעריבער אנערקענען דעם אנדערען'ס טענות אלס אזוינע וואָס דריקען אויס וואַרהייטען, וועלכע מען קען ניט אוועקמאכען מיט'ן האנד. דער וואָס קוקט אויף דער וועלט פון דעם רעליגיעזען שטאנדפּונקט, מוז זיך לערנען צו זעהן, אז דאָס, וואָס מיר רופען וויסענשאפט, איז א טייל פון דעם גרויסען בנין, און דעריבער מוז מען איהם בעטראכטען מיט דעמזעלביגען געפיהל, וואָס די איבעריגע טיילען פון דעם בנין רופען אין אונז ארויס. און ווידער, דער וואָס קוקט אויף דער וועלט פון דעם וויסענשאפטליכען שטאנדפּונקט, מוז זיך לערנען צו זעהן, אז דאָס, וואָס מיר רופען רעליגיאָן, איז אויך אזוי א טייל פון דעם גרויסען בנין; און וויבאלד אז זי איז אזא טייל, מוז זי בעהאנדעלט ווערען ווי א וויסענשאפטליכער געגענשטאנד, מיט אזוי וועניג פאָראורטייל, ווי מען בעהאנדעלט יעדען אנדער פאקט. יעדע פּארטיי דאַרף זוכען צו פערשטעהן די אנדערע, מיט דער איבערצייגונג, אז די אנדערע האָט עפּעס, וואָס איז ווערטה צו וועלען פערשטעהן;

---

*) די לעהרע פון דעם פערזישען פילאָסאָף מ אַ נ ע ס, וועלכער האָט געגלויבט, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי הויפּט־יסודות: אַ גוטער און אַ שלעכטער, וועלכע פיהרען צווישען זיך אַ שטענדיגע מלחמה וועגען דעם קיום פון דער וועלט. — דער איבערזעצער.

און מיט נאָך אַן איבערצייגונג, אַז אויב זיי ווע֫לען איינע די אַנ־דערע אַנערקענען, וועט אָט דער „עפּעס" זיין דער יסוד פון אַ פּאַלשטענדיגען שלום צווישען זיי.

ווי אַזוי געפינט מען אָט דעם „עפּעס", ווי אַזוי מאַכט מען שלום צווישען זיי? — ווערט אויף דעם אופן די פּראַגע, וועלכע מיר מוזען שטענדיג זוכען צו פּערענטפערען. ניט סתם מאַכען אַ שלום אבי־ווי, ניט גלאַט געפינען איינע פון יענע פּשרות, וואָס ווערען פאַרגעשלאָגען פון צייט צו צייט, און זייערע פאַרשלעגער גופא פיהלען ביי זיך, אַז זיי זיינען געמאַכטע, דערווייל֫עדיגע; נור מיר מוזען דערגרייכען די תנאים פון אַן אמת'ן, דויערהאַפטיגען שלום צווישען זיי. די זאַך וואָס מיר דאַרפען אויסזוכען, איז יענע ענדליכע וואַרהייט, וועלכע ביידע צדדים ווע֫לען אַנערקענען מיט פאָלשטענדיגער תמימות, אָהן די קלענסטע פאַרבעהאַלטונג אין געדאַנקען. עס טאָר ניט זיין קיין נאָכגעבען — קיין צד זאָל גאָר נישט נאָכלאָזען, וואָס ער וועט שפּעטער בּיסלעכווייז פאָדערען צוריק: דער געמיינשאַפטליכער באָדען, אויף וועלכען זיי בעגעגנען זיך, דאַרף זיין אַזעלכער, וואָס יעדער צד פאַר זיך וועט איהם זוכען אויפצוהאַלטען. מיר מוזען ענטדעקען אַזאַ מין פונדאַמענטאַלע וואַרהייט, וועלכע די רעליגיאָן וועט האַלטען מיט אַלער מעגליכער בעטאָנונג אונטער די אויגען פון דער וויסענשאַפט, און וועלכע די וויסענשאַפט וועט האַלטען מיט אַלער מעגליכער בעטאָנונג אונטער די אויגען פון דער רעליגיאָן — אַזאַ פונדאַמענטאַלע וואַרהייט, פאַר וועמעס פערטיידיגונג יעדער צד וועט געפינען אין דעם אַנדערען אַ חבר, אַ פריינד.

אָדער, קוקענדיג אויף דער זאַך פון אַנאַנדער בליק־פּונקט, הייסט עס, אַז אונזער צוועק מוז זיין צוזאַמענצוברייגען אין גלייכער ווירקונג די אויבען־אויפיג געגענגעזעצטע איבערצייגונגען, וועלכע זיינען פערקערפּערט אין רעליגיאָן און וויסענשאַפט. פון דעם צוזאַמענשטויס פון געגענגעזעצטע אידעען, וואָס האַלטען איין יעדע פאַר זיך אַ טייל אמת, וואַקסט שטענדיג אַרויס אַ העכערע ענטוויקלונג. אַזוי ווי אין דער געאָלאָגיע איז געמאַכט געוואָרען

א שנעלער פאָרטשריט, ווען די „פייער היפּאָטעזע“ האָט זיך פער־איינינגט מיט דער „וואסער־היפּאָטעזע“; אזוי ווי אין דער ביאָלאָגיע הויבען מיר אָן צו פּראָגרעסירען דורך די צונויפשמעלצונג פון דער לעהרע פון „בעזונדערע טיפּען“ מיט דער לעהרע פון „צופּאסונג צו די אומשטענדען“; אזוי ווי אין דער פּסיכאָלאָגיע הויבט זיך פון דאָס ניי אָן דער אָבגעהאַלטענער וואוקס, זינט די אנשויאונגען אי פון קאנט'ס, אי פון לאָקק'ס תלמידים ווערען איצט אנערקענט פון דער טעאָריע וואָס לערנט, אז די אָרגאניזירטע ערפאהרונגען שאפען פאָרמען פון געדאנק; אזוי ווי אין דער סאָציאָלאָגיע, ווען זי הויבט איצט אָן צו קריגען א פּאָזיטיווען כאראקטער, געפינט מען אן אָנערקענונג אי פאר א פּראָגרעסיווע פּארטיי, אי פאר די אָרדנונג־פּארטיי, אלס פערטרעטער, יעדער פאר זיך, פון ווארהייטען, וועלכע מאכען פולער איינע די אנדערע — אזוי מוז עס אויך זיין אין א פיעל גרעסערען מאסשטאב מיט רעליגיאָן און וויסענשאפט. אויך דאָ מוזען מיר זוכען אזא בעגריף, וועלכער פער־איינינגט זייערעביידענס שלוסען; און מיר קענען אויך דאָ דער־ווארטען וויכטיגע רעזולטאטען פון זייער פעראייניגונג. פערשטעהן ווי אזוי וויסענשאפט און רעליגיאָן דריקען אוים די געגען־זייטען פון דעמזעלביגען פאקט — איינע, די נאָהענטע זייט וואָס מען קען זעהן, די אנדערע, די ווייטע זייט וואָס מען קען ניט זעהן — אָט דאָס איז עס, פאר וואָס מיר מוזען זיך נעהמען; און כדי דאָס אויפצוטון, מוזען מיר גאנץ גרינדליך ענדערען אונזער אלגעמיינע טעאָריע פון דער וועלט.

שוין אין די פריהערדיגע בלעטער זיינען אָנגעגעבען געוואָרען אונבעשטימטע שטריכען פון דער מעטאָדע ווי צו זוכען די דאָזיגע פעראייניגונג. עס איז אָבער כדאי איידער מיר געהען ווייטער צו בעהאנדלען די פראגע פון דער מעטאָדע אביסעל קלערער. כדי צו קענען געפינען יענע ווארהייט, אין וועלכער רעליגיאָן און וויסענשאפט ווערען פערבונדען, מוזען מיר וויסען אין וועלכער ריכ־טונג זי צו זוכען, און אויך וואָס פאר א ס א ר ט ווארהייט זי מוז זיין.

§ 7. מיר האָבען איבען געזעהן, אז על פּי משקל ראשון (א פּריאָרי) האָבען מיר א גרונד צו גלויבען, אז אין אלע רעליגיאָנען, אפילו אין די גרעבסטע, ליעגט בעהאַלטען א פונדאמענטאלע ווארהייט. מיר זיינען געקומען צום שלוס, אז די פונדאמענטאלע ווארהייט מוז זיין יענער עלעמענט פון אלע רעליגיאָנען, וועלכער בלייבט איבער נאָכדעם ווי די ניט־איינשטימיגע פּונקטען זיינען מבטל איינע די אנדערע. און מיר האָבען נאָך ווייטער אויסגעפיהרט אז אָט דער עלעמענט איז כמעט געוויס א מעהר אבסטראקטער געדאנק, איידער וועלכע עס איז פון די גאנגבארע רעליגיעזע דאָקטרינען. עס איז דעריבער קלאָר, אז רעליגיאָן און וויסענשאפט קענען זיך צוזאמענקומען נור אויף דעם געמיינשאפטליכען באָדען פון א זעהר הויכען אבסטראקטען געדאנק. דער יסוד פון דער אחדות וואָס מיר זוכען, קען ניט זיין קיינע פון די דאָגמען, וועלכע עס האלט דער גלויבען אין דריי אָדער אין איין איינינגקייט, און אויך ניט אזא מין אידעע ווי קרבנות בריינגען, הגם זיי געפינען זיך ביי אלע רעליגיאָנען; וואָרים די וויסענשאפט קען אזעלכע אמונות ניט אָנערקענען: זיי ליעגען פון דרויסען פון איהר קרייז. דערפון זעהען מיר, אז דער עצם־אמת פון רעליגיאָן, אורטיילענדיג על פּי אנאלאָגיע, איז ניט נור דער העכסט־אבסטראקטער עלעמענט, וואָס דרינגט דורך אלע איהרע פאָרמען, נור אויך, אז אָט דער העכסט־אבסטראקטער עלעמענט איז דער איין־איינציגער, אויף וועלכען עס איז א סברא, אז רעליגיאָן קען איינשטימען מיט וויסענשאפט.

דאָס איינענע איז, ווען מיר הויבען אָן פון דעם אנדער ברעג און פרעגען זיך: וועלכע וויסענשאפטליכע ווארהייט קען פעראייניגען וויסענשאפט מיט רעליגיאָן? עס איז קלאָר אויפ׳ן קוק, אז די רעליגיאָן קען ניט אנערקענען קיינע ספּעציעלע וויסענשאפטליכע לעהרען, מעהר איידער די וויסענשאפט קען אָנערקענען ספּעציעלע רעליגיעזע תורות. די ווארהייט, וועלכע די וויסענשאפט שטעלט ארויס און צו וועלכער די רעליגיאָן איז מסכים, קען ניט זיין א ווארהייט, וואָס די מאטעמאטיק גיט, קען ניט זיין קיין

ווארהייט פון פיזיקע און זי קען ניט זיין קיין ווארהייט אין כימיע: זי קען ניט זיין א ווארהייט, וואס געהערט צו וועלכער עס איז ספּעציעלער וויסענשאפט. קיין כלל־געדאנק מכח די ערשיינונגען פון רוים, פון צייט, פון שטאָף אָדער פון קראפט, קען ניט ווערען קיין רעליגיעזער בעגריף. אויב עס איז פאראן וואו עס איז אין דער וויסענשאפט אזא בעגריף, מוז ער זיין א ברייטערער כלל־געדאנק איידער וועלכער עס איז פון אָט די אלע — ער מוז זיין א געדאנק, וועלכער איז כולל זיי אלעמען. אויב עס איז פאראן א פאקט, וועלכען די וויסענשאפט אָנערקענט אין איינעם מיט דער רעליגיאָן, מוז עס זיין אזא פאקט, פון וועלכען די פערשיידענע צווייגען פון וויסענשאפט שפּרייטען זיך פאנאנדער, ווי פון זייער אלעמענס וואָרצעל.

אננעהמענדיג, הייסט עס, אז וויבאלד אָט די צוויי גרויסע ווירקליכקייטען זיינען בעשטאנד־טיילען פון דעמזעלבען מענשליכען גייסט, און ענטשפּרעכען די פערשיידענע געשטאלטען פון דער זעלבער וועלט, מוז צווישען זיי מסתמא זיין א גרינדליכע הארמאָניע; איז די סברא אונז מחיב דערפון צו בעשליסען, אז די ווארהייט, אין וועלכער זיי גיסען זיךביידע צונויף, מוז זיין יענע העכסט־אבסטראקטע ווארהייט, וואָס געפינט זיך אי אין דער רעליגיאָן, אי אין דער וויסענשאפט. דער גרעסטער פאקט, וואָס קען זיך געפינען אין גאנצען קרייז פון אונזער גייסט — אָט אזא פאקט מוז זיין דער, וועלכען מיר זוכען. פעראייניגענדיג אָט די פּאָזיטיווע און נעגאטיווע פּאָליוסען פון מענשליכען געדאנק, מוז ער זיין דער ע נ ד ל י כ ע ר פאקט, וואס אונזער שכל קען בעגרייפען.

§ 8. איידער מיר הויבען אָן זוכען אָט דעם געמיינשאפטליכען פאקט, וואָלט איך בעטען דעם לעזער האָבען א ביסעל געדולד. די נעכסטע דריי קאפּיטלען, וועלכע וועלען ארויסגעהן פון פערשיעדענע פּונקטען און זיך צוזאמענקומען צו איין שלום, וועלען זיין פערהעלטניסמעסיג ניט־אָנציהענד. תלמידי חכמים וואָס זיינען זיך עוסק אין פילאָזאָפיע וועלען דאָרט געפינען א סך, וואָס

איז זיי מעהר אָדער וועניגער בעקאנט; אָבער פאר די מייסטע פון די, וועלכע זיינען ניט בעקאנט מיט דער היינטיגער מעטאפיזישער ליטעראטור, וועט עס אויסקומען א ביסעל שווערליך צו פערשטעהן.

אונזער חקירה קען אָבער אָהן די וויטערדיגע קאפיטלען ניט אויסקומען, און די וויכטיגקייט פון דער פראגע וואָס מיר בעהאנד־לען דאָ איז אזוי גרויס, אז מען וואָלט מעגען צוליעב איהר אפילו נאָך מעהר בעלעסטיגען דעם לעזער׳ס אויפמערקזאמקייט. דער ענין איז אזעלכער, וואָס איז נוגע יעדען איינעם פון אונז מעהר איידער וועלכער עס איז אנדער ענין אויף דער וועלט. הגם ער ריהרט אונז וועניג אָן דירעקט, מוז אָבער די אנשויאונג, צו וועלכער מיר וועלען קומען, אונז אָנריהרען אויף א ניט־דירעקטען אופן אין אלע אונזערע בעציהונגען — עס מוז בעשטימען אונזער בעגריף פון דער וועלט, אונזער בעגריף וועגען דאָס לעבען און די מענשליכע נאטור; עס מוז האָבען אן איינפלוס אויף אונזערע אידעען פון רעכט און אומרעכט, און דורך דעם אויף אונזער גאנצער אויפ־פיהרונג. גרייכען אזא שטאנדפונקט, וואו אלע אויבענאויפיגע חלוקים צווישען רעליגיאָן און וויסענשאפט ווערען פערשוואונדען און די ביידע גיסען זיך צוזאמען אין איינעם, מוז מיטברייגנען א רעוואָלוציע אין דענקען, וועלכע וועט זיין פרוכטבאר אין ניצליכע פאָלגען, און מוז אודאי ווערטה זיין זיך אָנצוטון א כח צוליעב דעם.

עד כאן די הקדמות; איצט לאָמיר זיך נעהמען פאר די העכסט־וויכטיגע חקירה אליין.

די ענדליכע אידעען פון רעליגיאָן.

צווייטער קאַפּיטעל.

די ענדליכע אידעען פון רעליגיאָן.

§ 9. ווען מיר בעמערקען, שטעהענדיג ביים ברעג ים, ווי די קאַסטענס פון די שיפען, וואָס שווימען פון ווייטען, זיינען בעהאַלטען הינטער'ן האָריזאָנט, און ווי פון די נאָך־וויייטערע שיפען זעהען זיך ארוים נישט מעהר ווי די גאָר־אויבערשטע זעגלען, בעגרייפען מיר גאָר ניש־קשה'דיג קלאָר דעם לייכט־געקרימטען בויג פון דעם טייל פון דער אויבערפלעך פון ים, וועלכער ליעגט פאַר אונזערע אויגען. ווען אָבער מיר ווילען מיט'ן כח הדמיון נאָכגעהן אָט די געקרימטע אויבערפלעך ווי זי עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט, ארומבויגענדיג זיך לאַנגזאַם ביז אלע איהרע מערידיאַן־ליניען בעגעגענען זיך ביי א פונקט אכט טויזענד מייל אונטער אונזערע פיס — געפינען מיר זיך אין גאַנצען גענאַרט. מיר קענען ניט בעגרייפען אין זיין ווירקליכער פאָרם און גרויס אפילו אזא קליינעם טייל פון אונזער ערדקוגעל, וואָס ציהט זיך אוועק איין הונדערט מייל אויף יעדער זייט, הײנט א פשיטא שוין דעם ערדקוגעל אין גאַנצען. מיר קענען זיך פאָרשטעלען מיט וויפיעל עס איז פאָלקאָמענהייט דעם שטיק פעלז, אויף וועלכען מיר שטעהען: מיר האָבען ביכולת צו דענקען אין דערזעלביגער צייט אי וועגען זיין שפיץ, אי וועגען זיינע זייטען, אי וועגען זיין אונטערשטען שטח; אָדער מיר קענען דענקען פון זיי אזוי כמעט א'ן דער זעלביגער צייט, אז עס דוכט זיך אונז ווי זיי שטעהען פאַר'ן בעוואוסטזיין אלע צוזאַמען; און בכן, קענען מיר אויפ־

בויען, וואָס מיר רופען אָן, א גאַנצען בעגריף (א קאָנצעפּט) פון דעם פעלז. אָבער טון דאָס אייגענע בנוגע צו דער גאנצער ערד, געפינען מיר פאר אונמעגליך. אויב אפילו נור זיך פאָר־שטעלען דיביידע עקען־וועלט (אנטיפּאָדען), ווי זיי געפינען זיך אין יענעם מרחק אין רוים, וואָס איז בפועל פערנומען פון זייער פּלאַץ, איז איבער אונזערע כחות, מכל שכן מוז עס זיין איבער אונזערע כחות זיך פאָרצושטעלען אין דערזעלבער צייט אלע אנדערע ווייטע פּונקטען אויף דער אויבערפלעך פון דער ערד, ווי זיי געפינען זיך אין זייערע ווירקליכע פּלעצער. דאָך רעדען מיר מעשי הרגל גאָר ווי מיר וואָלטען ווירקליך געהאַט א אידעע פון דער ערד, גאָר ווי מיר וואָלטען טאַקי געקענט דענקען וועגען איהר אויפ׳ן זעלבינען אופן וואָס מיר דענקען וועגען קלענערע זאכען.

איז וואָס פאר א בעגריף האָבען מיר פאָרט וועגען דער ערד? קען דער לעזער פרעגען. עס איז דאָך גאָר קיין ספק ניט, אז דער נאָמען ערד רופט אין אונז ארויס א געוויסען צושטאַנד פון בע־וואוסטזיין, היינט אויב דער דאָזיגער צושטאַנד איז ניט קיין קאָנ־צעפּט, ריכטיג אָנגערופען, איז וואָס דען איז ער? דער ענטפער אויף דעם שיינט צו זיין אָט דער: — מיר זיינען דערגאַנגען דורך געוויסע ניט־דירעקטע מעטאָדען, אז די ערד איז א כדור; מיר האָבען געמאַכט מאָדעלען, וואָס שטעלען פאָר כמעט גענוי איהר פאָרם און די פּלעצער פון איהרע בעזונדערע טיילען; און בכלל, בעת עס רעדט זיך וועגען דער ערד, דענקען מיר ענטוועדער פון אן אונבעשטימטער מאסע, וואָס איז אויסגעשפּרייט אונטער אונ־זערע פיס, אָדער, אויסלאָזענדיג פון געדאַנק די ווירקליכע ערד, דענקען מיר פון א חומר וואָס איז ענליך צו אן ערדקוגעל: ווען אָבער מיר זוכען זיך פאָרצושטעלען די ערד ווי זי איז אין דער ווירק־ליכקייט, פערבינדען מיר אָט די צוויי אידעען אזוי גוט ווי מיר קענען — מיר בעהעפטען דעם בעגריף (פּערצעפּט) פון דער ערד׳ס אויבערפלעך, וואָס אונזערע אויגען גיבען אונז, מיט דעם קאָנצעפּט פון א כדור. און אויף דעם אופן מאכען מיר זיך ניט קיין ווירק־

ליכען בעגריף פון דער ערד, נור נישט מעהר ווי א בילדליכע, סימבאָלישען בעגריף. *)

לפי ערך א גרויסער טייל פון אונזערע בעגריפען, אריינגערעכנט אין חשבון די היבש־אלגעמיינע בעגריפען, זיינען פון אָט דעם מין. גרויסע מאָסען, גרויסע צאָהלען, גרויסע צייט־פעריאָדען, ווערען קיינע ניטווירקליך בעגריפען, נור זיי ווערען אלע בעגריפען מעהר אָדער ווייניגער סימבאָליש; און אזוי אויך אלע קלאסען פון זאכען, וועלכע מיר בעצייכענען דורך אן אלגעמיינעם פאקט. ווען עס רעדט זיך מכח אן איינצעלנעם מענשען, מאכט מען זיך וועגען איהם א גאנץ פאָלשטענדיגע אידעע. אויב מען רעדט אָבער וועגען דער פאמיליע, צו וועלכער ער בעלאנגט, וועט וואהרשיינליך נור א טייל פון איהר ווערען פאָרגעשטעלט אין געדאנק: וואָרים בעת מען מוז האלטען אין רעיון, דאָס, וואָס ווערט געזאָגט וועגען דער פאמיליע, קענען מיר זיך מאכען א בילד נור פון איהרע וויכטיגסטע אָדער בעקאנטסטע מיטגליעדער, און פטר'ן אָב די איבעריגע מיט א ניט־פערטיגען בעוואוסטזיין, וועלכער, ווי מיר ווייסען, וואלט געקענט ווערען א פערטיגער אדער פאלשטענדיגער בעוואוסטזיין, אויב מען זאל נור דארפען. זאל מען אבער מאכען עפּעס א בעמערקונג, לאמיר זאגען וועגען דעם קלאס, דהיינו בויערן, צו וועלכען די פאמיליע בעלאנגט, דאן רעכענען מיר ניט אויס אין געדאנק אלע איינצעלנע וואס געפינען זיך אין דעם קלאס, און גלויבען ניט, אז מיר וואלטען עס געקענט אויסרעכענען, ווען מען זאל דארפען; מיר שטעלען זיך צופריעדען נעהמענדיג נור עטליכע עקזעמפלארען פון איהם און האָבענדיג אין זכרון, אז מען קען זיי אנרעכענען כפל־כפלים. אויב למשל דער געגענשטאנד וועגען וועלכען מען זאגט עפּעס, איז דער שם הכולל ענגלענדער, יעמאלט איז דער ענטשפרעכענדער צושטאנד פון בעוואוסטזיין נאך א ווייניגער־גע־

---

*) די לעזער וועלכע האָבען אָנגעטראָפען דאָס וואָרט „סימבאָליש" אַנדערסוואו, וועלען פערשטעהן אז מיר געברויכען עס דאָ אין אַ גאַנץ אַנדער זין.

ניגענדע פארשטעלונג פון דער ווירקליכקייט. און נאך וועניגער עהנ־ליך איז דער געדאנק פון דער זאך צו דער זאך גופא, ווען די רייד געהט וועגען אייראָפּעער, אדער מענשען בכלל. הייגט ווען מיר קו־מען צו געדאנקען, וואס זיינען נוגע די זויג־טיערען, אדער וואס זיי־נען נוגע אלע ברואים מיט א חוט השדרה, אדער אלע ברואים בכלל, אָדער וואָס זיינען נוגע אלע אָרגאנישע וועזענס, — יעמאָלט איז די ניט־עהנליכקייט פון אונזערע בעגריפען צו די זאכען וואס מיר האָ־בען אנגערופען, די גרעסטע וואס זי קען זיין. מיר זעהען פון אט דער גאנצער רייה ביישפיעלען, אז וואָס גרעסער עס איז די צאָהל פון זאכען, וועלכע ווערען צוזאמען גרופירט אין געדאנק, אלץ מעהר ווערט דער קאָנצעפּט, וואס איז געמאכט געווארען פון עטליכע טי־פּישע עקזעמפּלארען, און צונויפגעבונדען מיט דעם געדאנק פון פיעלפאכיגקייט, א בלויזער סימבאָל. ניט נור וויל ער הערט אויף בילדעכוויז פאָרצושטעלען די גרוים פון דער גרופּע, נור אויך וויל בעת די גרופּע ווערט מעהר כל־המינים׳דיג, ווערען די טיפּישע עק־זעמפּלארען, פון וועלכע מען דענקט, אלץ וועניגער עהנליך צו דעם דורכשניט פון די זאכען, וואס די גרופּע האלט איין.

דאס דאזיגע בויען פון סימבאלישע בעגריפען, וואס קומט אונ־פערמיידליך פאָר בעת מיר געהען אריבער פון קליינע און קאָנ־קרעטע זאכען צו גרויסע און דיסקרעטע (אויסגעשפרייטע) זאכען, איז מעהרסטענטיילס א זעהר ניצליכער און א ווירקליך נויטיגער פּראצעס. ווען אנשטאט זאכען, וואס זייערע אייגענשאפטען קענען גאנץ גיש־קשה׳דיג פערבונדען ווערען אין אן איינציגען צושטאנד פון בעוואוסטזיין, האָבען מיר צו טון מיט אזוינע זאכען, וועמעס אייגענשאפטען זיינען צופיעל אומפאסענד אָדער צו־גרויס אין צאָהל צו קענען אזוי פערבונדען ווערען, מוזען מיר ענטוועדער לאזען פאַ־לען אין געדאנק א טייל פון זייערע אייגענשאפטען, אדער גאָר אין גאנצען ניט דענקען וועגען זיי — ענטוועדער זיך מאכען א מעהר אדער וועניגער ס י מ ב אָ ל י ש ע ן בעגריף, אדער גאר קיין בעגריף ניט. מיר מוזען ענטוועדער גאר קיין בעצייכענונג ניט געבען פון זאכען וואס זיינען צו־גרויס אדער צו־פיעל־פאכיג זיי פארצו־

שטעלען אין געדאַנק; אדער מיר מוזען געבען אונזערע בעצייכענונגען מיט דער הילף פון זעהר ניט־גענוגענדע פאַרשטעלונגען פון אזוינע זאכען — מיט בלויזע סימבאָלען פון זיי.

בעת אבער וואס מיר זיינען נור דורך אָט דעם פּראָצעס אליין ביכולת צו בויען אלגעמיינע כללים, און צו גרייכען אלגעמיינע שלוסען, ווערען מיר דורך איהם שטענדיג אריינגעפיהרט אין געפאהר, און זעהר אָפט אין טעות. על פי טעות נעהמען מיר נאכאנאנד אָן אונזערע סימבאָלישע בעגריפען פאר ווירקליכע און פאַלען דורך דעם אריין אין א מאסע פאַלשע סברות. דאס שלעכטע דערביי איז ניט נור, וואס לפי ערך וויפיעל אונזער בעגריף מכח א זאך אדער א קלאס פון זאכען שטעלט פאַלש פאָר די ווירקליכקייט, זיינען מיר אזוי פיעל עלול זיך טועה צו זיין אין יעדער בעהויפּטונג, וואס מיר מאכען בנוגע דער דאזיגער ווירקליכקייט; נור די צרה איז אויך, וואס דער טעות איז אונז גורם צו מיינען, אז מיר האָבען ריכטיג בעגריפען א מאסע פערשיידענע זאכען, וועלכע מיר האָבען אין אמת'ן בעגריפען נור אויף אָט דעם ניט־עכטען אופן, און דערנאָך ווייטער צו פערמישען מיט זיי געוויסע אנדערע זאכען, וואס קענען גאר אויף קיין שום אופן ניט בעגריפען ווערען. ווי אזוי מיר פאַלען כמעט אונפערמיידליך אריין אין אָט דעם טעות, וועט איצט נויטיג זיין אָט דאָ צו בעמערקען.

דער אריבערגאנג פון די זאכען וואס לאזען זיך לייכט פאָרשטעלען אין גאנצען ווי זיי זיינען, ביז יענע זאכען פון וועלכע מען קען זיך אפילו קיין סימן פארשטעלונג ניט מאכען, איז אזעלכער וואס מען קען קוים בעמערקען. צווישען א קליין שטיינדעל און די גאנצע ערד קען מען אויסשטעלען א רייהע זאכען איינע גרעסער פאַר די אנדערע, פון וועלכע, יעדע איינע אונטערשיידט זיך פון איהר שכנה אזוי ווייניג, אז עס וואלט אונמעגליך געווען צו זאגען ביי וועלכען פונקט פון דער רייהע הויבט אָן אונזער בעגריף פון איהר מטושטש צו ווערען. אזוי אויך איז פאראן אן איבערגעהן פון שטופע צו שטופע צווישען אזוינע גרופען פון עטליכע איינצעלנע, וועגען וועלכע אלס גרופען מיר קענען דענקען מיט א ניש־קשה'דיגער

פאלשטענדיגקייט, און יענע אלץ גרעסערע און גרעסערע גרופען, פון וועלכע מיר קענען ניט האבען קיין סמן פון א ריכטיגער אידעע. מען זעהט דערפון קלאר, אז מיר געהען אריבער פון ווירקליכע בע־גריפען צו סימבאלישע מיט גאנץ אונבעמערקבארע קליינע טריט. לאמיר נאך דערצו בעמערקען, אז מיר בעגעהען זיך מיט די סימבא־לישע בעגריפען אקוראט ווי זיי וואלטען געווען ווירקליכע, ניט נור ד'ערפאר אליין וואס מיר קענען זיי ניט קלאר אבטיילען איינע פון די אנדערע, נור אויך דערפאר, ווייל די ערסטע דיענען אין די מעהרערע פעלען אונזער צוועק כמעט, אדער גאר אזוי גוט, ווי די לעצטע — זיי זיינען פשוט פערקירצטע סמנים, וואס מיר געברוי־כען אנשטאט יענע מעהר אויסגעארבייטע סמנים, וועלכע זיינען אונזערע עקוויוואלענטען (גלייך־גילטיגע, במקום־זאכען) פאר די ווירקליכע זאכען. מיר ווייסען, אז יענע זעהר ניט פאלקאמענע פאר־שטעלונגען פון געוועהנליכע זאכען, וועלכע מיר מאכען זיך נאכא־נאנד אין געדאנק, קענען, ווען עס איז נויטיג, זיך ענטוויקלען אלס גאנץ־פאלשטענדיגע פארשטעלונגען. און מיר געפינען, אז אויך יענע בעגריפען פון גרעסערע כמות'ן און ברייטערע קלאסען, וועלכע מיר קענען ניט פאלשטענדיג ענטוויקלען, קענען בעשטעטיגט ווערען דורך א וועלכען עס איז ניט־דירעקטען פראצעס פון אויסמעסטען אדער אויסצעהלען. און אפילו בנוגע אזא לגמרי־אונבעגרייפליכען געגענשטאנד ווי דער זונען־סיסטעם, קענען מיר אויך, זעהענדיג ווי עס ווערען מקוים די פאראויסזאגונגען, וואס זיינען בעגרינדעט אויף אונזער סימבאלישען בעגריף וועגען איהם, קומען צו דער אי־בערצייגונג, אז דער דאזיגער סימבאלישער בעגריף ענטשפרעכט א ווירקליכע עקזיסטענץ, און דריקט אין א געוויסען זין ריכטיג אוים געוויסע גרינדליכע שייכות'ן זיינע. הייסט עס, אזוי ווי פון אונזע־רע סימבאלישע בעגריפען קענען זיך דאס רוב ענטוויקלען פאל־שטענדיגע בעגריפען, און אזוי ווי זיי דיענען אין די מייסטע אנדע־רע פעלען ווי טרעפ פון א לייטער צו דערגרייכען אזוינע שלוסען וואס מען איז איבערצייגט אין זייער ריכטיגקייט, ווייל זיי שטימען מיט אונזערע בעאבאכטונגען — דעריבער קריגען מיר א פעסטע גע־

וועהנהייט צו בעגעהן זיך מיט זיי, ווי מיט אמת'ע בעגריפען, ווי מיט ראיעלע פארשטעלונגען פון ווירקליכע זאכען. אויסגעפינענדיג פון לאנגער ערפאהרונג, אז זייער ריכטיגקייט קען בעוויזען ווערען ווען מען דארף, איז ביי אונז געווארען א געוועהנהייט זיי אנצונעהמען גאר אהן בעווייזען. און אט אזוי גיבען מיר א פתח געוויסע בעגריפען, וואס גיבען זיך ארויס ווי זיי וואלטען ענטשפרעכען בעקאנטע זאכען, וועלכע אבער דריקען אויס אין אמת'ן אזוינע זאכען, וואס מען קען גאר בשום אופן ניט וויסען.

דער סך הכל פון דעם וואס מיר מוזען האלטען מכח בעגריפען בכלל, איז אזוי: א בעגריף איז נור יעמאלט א פאלשטענדיגער, ווען די אייגענשאפטען פון דער בעגריפענער זאך זיינען פון אזא סארט און צאהל, וואס קענען פארגעשטעלט ווערען אין בעוואוסטזיין אזוי נאהענט אין דערזעלביגער צייט, אז עס זאל אויסזעהן ווי זיי געפינען זיך אלע צוזאמען. ווען די בעגריפענע זאכען ווערען גרעסער און מעהר קאמפליצירט, פערשווינדען פון בעוואוסטזיין געוויסע אייגענשאפטען פון וועלכע מען האט פריהער געדענקט, איידער די איבעריגע אייגענשאפטען זיינען נאך פארגעשטעלט געווארען, און דער בעגריף ווערט אט אזוי א ניט־פאלקאמענער. ווען די מאס, די קאמפליצירטקייט אדער אויסגעשפרייטקייט פון דער בעגריפענער זאך ווערט זעהר גרויס, קען מען דענקען מיט אמאל נור פון א קליינעם טייל פון איהרע אייגענשאפטען, און דער בעגריף וואס מאכט זיך פון איהר איז אזוי ניט פאלשטענדיג, אז ער איז נישט מעהר ווי א סימבאל. אזוינע סימבאלישע בעגריפען, אהן וועלכע מען קען ניט אויסקומען אין אלגעמיינעם דענקען, זיינען פון דעסטוועגען גאנץ בערעכטיגט, בתנאי אויב דורך א געוויסען אנגעזאמעלטען אדער ניט־דירעקטען פראצעס פון דענקען, אדער וויל עס ווערען מקוים די פאראויסזאגונגען וואס בעגרינדען זיך אויף די דאזיגע בעגריפען, קענען מיר זיין בטוח, אז זיי ענטשפרעכען באמת געוויסע ווירקליכע זאכען. ווען אבער אונזערע סימבאלישע בעגריפען זיינען אזוינע, וואס קיין אנגעזאמעלטער אדער ניט־דירעקטער פראצעס פון דענקען קען אונז ניט העלפען אויסצו־

געפינען, אז עס זיינען פאראן ענטשפרעכענדע פאקטען, און מען קען אויך קיין נביאות ניט בויען אויף זיי און ברייננען א ראיה אז זיי זיינען ריכטיג פון דעם וואס די נביאות ווערט מקוים, יע־מאָלט זיינען זיי גאר אין גאנצען פעהלערהאפטיג און פערפיהרעריש, און שיידען זיך מיט גאר נישט ניט אב פון ריינע בבא־מעשיות.

§ 10. איצטער לאמיר זיך נעהמען בעטראכטען די שיכות, וואס אט די אלגעמיינע ווארהייט האָט מיט אונזער דירעקטען ענין — די ענדליכע אידעען פון רעליגיאן.

ווי נור דער שכל ענטוויקעלט זיך אין כח פון חקירה, שטעלט זיך פאר איהם אויף דאס פראָבלעם פון דער וועלט. וואס איז זי? און פון וואנען קומט זי? זיינען פראגען וואס מאָהנען אן ענט־פער, ווען דער כח הדמיון הויבט זיך אויף פון צייט צו צייט ארי־בער די אלטעגליכע קליינינקייטען. כדי אנצופילען די פוסטקייט פון געדאנק, שיינט אז אבי־וועלכע טעאריע, וואָס מען שלאָגט פאָר, איז בעסער ווי גאר נישט. און ווען קיין אנדערע זיינען ניטא, איז וואס פאר א טעאריע עס מאכט זיך, קריגט זי לייכט א חזקה און זוכט באלד צו פערפעסטיגען איהר פאזיציע: טיילווייז מחמת די מענשהייט איז תמיד גרייט אנצונעהמען די נאָהנטע ערקלערונגען, און טיילווייז צוליעב דער אויטאָריטעט, וואס קלייבט זיך באלד אָן ארום אזוינע ערקלערונגען, נאכדעם ווי זיי ווערען אָנגענומען.

א קריטישע אונטערזוכונג וועט אבער בעווייזען, ניט נור אז מען קען ניט האלטען קיינע פון די אלגעמיין אנגענומענע היפאָטע־זען, נור אז א היפאָטעזע, וואס מען זאל קענען האלטען, קען גאר ניט געמאכט ווערען.

§ 11. מכח דעם אורשפרונג פון דער וועלט קען מען אין קלאָ־רע דבורים מאכען דריי השערות. מיר קענען זאגען, אז זי עקזיס־טירט פון־זיך; אדער, אז זי איז זעלבסט־בעשאפען געווארען; אדער, אז זי איז בעשאפען געווארען פון אן אויסערליכער קראפט. וועלכע פון די דריי השערות לאָזט זיך מעהר גלויבען, איז דאָ ניט

נויטיג צו פרעגען. די טיעפערע פראגע, אין וועלכער יענע ווערט ענדליך פערשלונגען, איז, צי לאזט זיך וועלכע עס איז פון די דריי אפילו גאר בעגרייפען אין ריכטיגען זין פון וואָרט. לאמיר גהען כסדר זיי פרובירען.

ווען מיר רעדען וועגען א מענשען און זאגען, אז ער האלט זיך זעלבסט אויף, אדער וועגען אן אפפאראט, אז ער ווירקט פון זיך זעלבסט, אדער וועגען א בוים, אז ער האָט זיך זעלבסט ענט־וויקעלט, דריקען אונזערע ווערטער אויס, ווי ניט גענוי, דאך עפּעס וואס מען קען זיך גאר ניש־קשה'דיג פארשטעלען אין געדאנק. אונ־זער בעגריף מכח די ז ע ל ב ס ט־ע נ ט וו י ק ל ו נ ג פון א בוים איז בלי ספק סימבאליש. אבער הגם מיר קענען ווירקליך זיך ניט פארשטעלען אין בעוואוסטזיין די גאנצע רייהע פון קאמפּלי־צירטע ענדערונגען, וועלכע דער בוים מאכט דורך, קענען מיר דאָך זיך ווירקליך פארשטעלען די הויפט סמנים פון דער דאזיגער רייהע; און די אלגעמיינע ערפאהרונג לערנט אונז, אז דורך לאנג־אנגע־האלטענע בעאבאכטונגען וואלטען מיר געקענט קריגען די קראפט זיך פארצושטעלען אין געדאנק א רייהע ענדערונגען, וועלכע וואלט אונז געגעבען א גאנצערע פארשטעלונג פון דער ווירקליכער רייהע. דאָס הייסט: מיר ווייסען, אז אונזער סימבאָלישער בעגריף פון זעלבסט־ענטוויקלונג קען זיך אויסשפּרייטען און ווערען וויפיעל־ניט־איז א ווירקליכער בעגריף; און אז, ווי ניט אקוראטנע, פון דעסטוועגען דריקט ער דאך אויס א ווירקליכען פראצעס פון דער נאטור. ווען מיר רעדען אבער פון ז ע ל ב ס ט־ע ק ז י ס ט ע נ ץ, און מיט דער הילף פון די פריהערדיגע אנאלאָגיען מאכען מיר זיך א וועלכען עס איז ניט־קלארען סימבאָלישען בעגריף דערפון, נארען מיר זיך אליין אָב אויב מיר מיינען, אז אט דער סימבאָלישער בעגריף איז פון דעמזעלביגען סאָרט ווי די אנדערע. בעת מיר בינדען צונויף דאס וואָרט „זעלבסט" מיט דעם וואָרט „עקזיסטענץ", מאכט די קראפט פון אידעען־בעהעפטונג אונז גלויבען, אז מיר האָבען דאן אזא געדאנק, ווי דער וואס ווערט ארויסגערופען דורך דאס צו־זאמענגעזעצט וואָרט „זעלבסט־טהעטיג". אז מיר וועלען זיך אבער

מטריח זיין אויסצובערייטען אַט דעם סימבאָלישען בעגריף, וועלען מיר אויפהערען צו זיין גענאַרט. ערסטענס, איז קלאָר, אז ווען מיר זאגען זעלבסט־עקזיסטענץ, מיינען מיר ספּעציעל אַן עקזיסטענץ, וואס הענגט ניט אָב פון קיין אנדערער, וואס קומט ניט ארויס פון קיין אנד־ער עקזיסטענץ: די בעהויפּטונג פון זעלבסט־עקזיסטענץ מיינט פּשוט א ניט־דירעקטע אָבלייקענונג פון בעשאַפונג, פון יצירה. און אויסשליסענדיג אַט אַזוי די אידעע פון א פריהערדיגער סבה, שליסען מיר על פּי נויט אויך אויס די אידעע פון אַן אנהויב; וואָרים צוגעבען די אידעע פון אן אנהויב — צוגעבען, הייסט עס, אז עס איז געווען א צייט, ווען די עקזיסטענץ האָט זיך נאָך ניט געהאט אנגעהויבען — מיינט מודה זיין, אז עפּעס אנ׳אנדער זאך האָט גורם געווען איהר אנהויב, אדער איז געווען איהר סבה: איז עס דאך א ווידערשפּרוך. זעלבסט־עקזיסטענץ מיינט דעריבער על פּי נויט אַן עקזיסטענץ אהן אַן אנהויב; און מאכען זיך א בעגריף פון זעלבסט־עקזיסטענץ מיינט מאכען זיך א בעגריף פון אַן עקזיסטענץ אהן אַן אנהויב. דאס איז אבער א זאך, וואס מיר קענען דורך קיין אָנשטרענגונג פון מוח בשום אופן ניט טון. בעגרייפען עקזיסטענץ דורכ׳ן גאנצען לויף פון אונענדליכער פערגאַנגענהייט, שליסט איין דעם בעגריף פון אונענדליכער פערגאַנגענער צייט, וועלכער איז אַן אונמעגליכקייט. לאָמיר נאָך דערצו מוסיף זיין, אז אויב זעלבסט־עקזיסטענץ וואלט אפילו יאָ געווען בעגרייפליך, וואלט עס אויך אין קיין זין ניט געווען קיין ערקלערונג פון דער וועלט. קיי־נער וועט דאך ניט זאגען, אז עס איז לייכטער צו פערשטעהן די עקזיסטענץ פון א זאך אין איצטיגען מאָמענט, מחמת מען האָט געמאכט די ענטדעקונג, אז די זאך האָט עקזיסטירט מיט א שעה, א טאָג ,אדער מיט א גאנץ יאהר פריהער. און אויב איהר עקזיס־טענץ איצטער איז אפילו אין קלענסטען ערך ניט מעהר פערשטענד־ליך דורך איהר עקזיסטענץ אין פערלויף פון א פריהערדיגער ע נ ד־ל י כ ע ר פּעריאָדע פון צייט, קען קיין אָנזאמלונג פון א סך אַזעלכע ענדליכע פּעריאָדען, ווען אפילו מען זאָל זיי קענען אויסציהען ביז אויף אַן אונענדליכער פּעריאָדע, זי ניט מאכען

מעהר פערשטענדליך. די אטעאיסטישע טעאריע, הייסט עס, איז ניט נור לחלוטין ניט־דערקבאר, נור אפילו אז זי וואלט יא געווען דערקבאר, וואלט זי אויך ניט געווען קיין ענטפער. די בעהויפטונג, אז די וועלט איז א זעלבסט־עקזיסטענץ, א קדמון, ברייננגט אונז אין דער ווירקליכקייט ניט איין טריט ווייטער, איידער די דערקענטנים, אז זי עקזיסטירט איצטער; און אט אזוי לאזט אונז די השערה איבער ביי דערזעלביגער געהיימנים וואס פריהער.

די השערה פון זעלבסט־בעשאפונג, וועלכע איז אייגענטליך דאסזעלביגע וואס מען רופט *פאנטעאיזם*, איז אויך אזוי ווי די ערסטע ניט מעגליך פארגעשטעלט צו ווערען אין געדאנק. געוויסע ערשיינונגען, דהיינו דאס אבזעצען־זיך פון א אונמערקליכען דאמפף און זיין ווערען א וואלקען, העלפען אונז זיך צו מאכען א סימבאלישען בעגריף פון א זעלבסט־ענטוויקעלטער וועלט; און עס פעהלען ניט קיין סמנים אי אין די הימלען, אי אויף דער ערד, וואס העלפען אונז ארויסברייננגען אט דעם בעגריף ניש־קשה'דיג קלאר. אבער בעת מען קען אפשר דעם *שטופען־גאנג*, וואס די וועלט האט דורכגעמאכט ביז זי האט געגרייכט איהר איצטיגע פארם, בעגרייפען אלס א מין זעלבסט־בעשטימונג, דאך נעהמען אונזער סימבאלישען בעגריף פון *זעלבסט־בעשאפונג* און אויסציהען פון איהם א ווירקליכען בעגריף איז אלץ איינס א פאלשטענדיגע אונמעגליכקייט. ווירקליך בעגרייפען זעלבסט־בעשאפונג מיינט בעגרייפען, ווי פון א יש שבכח (פאטענציעלע עקזיסטענץ) ווערט א יש שבפועל (אקטועלע עקזיסטענץ) דורך א געוויסע אינוועהניגסטע נויטיגקייט, און דאס קענען מיר ניט טון. מיר קענען זיך ניט מאכען קיין אידעע פון א בכח'דיגער עקזיסטענץ פון דער וועלט, אלס עטוואס פערשיידענעס פון איהר בפועל'דיגער עקזיסטענץ. אויב בכח'דיגע עקזיסטענץ קען איבערהויפט פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק, מוז עס פארגעשטעלט ווערען ווי אן *עפעס* א יש, ד. ה. ווי א בפועל'דיגע עקזיסטענץ; ווארים זיך משער זיין, אז זי קען פארגעשטעלט ווערען ווי א *גארנישט*, ווי אן *אין*, שליסט עס איין צוויי אבסורדען — אז „גארנישט“

איז מעהר איידער „ניט“, און קען פארגעשטעלט ווערען אויף א פאזיטיווען אופן אין געדאנק; און אז גארנישט אונטערשיידט זיך פון אלע אנדערע גארנישטען דורך זיין כח זיך צו ענטוויקלען און ווערען אן עפעס. און דאס איז נאך ניט גאר. מיר האבען ניט אזא צושטאנד פון בעוואוסטזיין, וואס זאל ענטשפרעכען די ווערטער: אן אינוועהניגסטע נויטיגקייט, דורך וועלכע א יש שבכח איז געווארען א יש שבפועל. כדי איבערצוגעבען די ווערטער אין געדאנק, מוז מען בעגרייפען דעם יש, וועלכער איז פאר אן אונבעשטימטער צייט געבליבען אין איין פארם, ווי ער געהט אריבער אהן א שום אויסערליכען אדער נייען שטוים אין אנ׳אנדער פארם; דאס שליסט אבער איין די אידעע פון אן ענדערונג אהן אן אורזאך, און פון אזא מעשה איז ניט מעגליך צו האבען קיין אידעע. מען זעהט דערפון, אז די אויסדריקען פון אט דער השערה גיבען ניט איבער קייןווירקליכע געדאנקען; זיי רופען נור ארויס די אונקלארסטע סימבאלען, וועלכע קענען בשום אופן ניט דערקלערט ווערען.

נאך מעהר, ווען עס וואלט אפילו אמת געווען, אז מען קען א פאטענציעלע עקזיסטענץ בעגרייפען אלס א זאך וואס איז פערשיידען פון א ווירקליכער עקזיסטענץ, און אז דער איבערגאנג פון איין פארם אין דער אנדערער קען אין געדאנק פארגעשטעלט ווערען אלס א זעלבסט-בעשטימטע ענדערונג, וואלטען מיר אלץ ניט געווען א האר וייטער: דאס פראבלעם וואלט דאן נור געווען אבגערוקט מיט א טריט צוריק. ווארים עס איז דאך די אייגענע קשיא, פון וואנען האט זיך גענומען די בכח׳דיגע עקזיסטענץ? מען וואלט געדארפט פונקט אזוי אבגעבען חשבון פאר איהר ווי פאר דער בפועל׳דיגער עקזיסטענץ, און מיר וואלטען בעגעגענט פונקט דיזעלביגע שוועריגקייטען. מען וואלט קיין אנדער השערה מכח דעם אורשפרונג פון אזא בכח׳דיגער קראפט ניט געקענט מאכען, סיידען ווידער אמאל די דריי, וואס מיר האבען אויבען גערעכענט: זעלבסט-עקזיסטענץ, זעלבסט-בעשאפונג, בעשאפונג דורך אן אויסערליכען כח. די זעלבסט-עקזיסטענץ פון א

בכח'דיגער וועלט איז ניט מעהר בעגרייפליך איידער די זעלבסט־עקזיסטענץ פון א בפועל'דיגער וועלט. די זעלבסט־בעשאפונג פון אזא בכח'דיגער וועלט וואלט ווידער אמאָל אריינברייגנען די שוועריגקייטען, וואס זיינען אָקאָרסט געזאגט געווארען — עס וואלט איינשליסען הינטער אט דער בכח'דיגער וועלט א כח, וואס שטעהט הינטער דעם, און אזוי ווייטער, אין א רייהע אהן א סוף, און סוף כל סוף וואלטען מיר געשטאנען ניט ווייטער ווי פריהער. אלא וואס, זאגען אז דער מקור פון דער בכח'דיגער וועלט איז אן אויסערליכע קראפט? הייסט עס דאָך אריינפיהרען די אידעע פון א בכח'דיגער וועלט גאר אין גאנצען אָהן א שום צוועק.

עס בלייבט אונז נאָך איבער צו אונטערזוכען די געוועהנליך־אנגענומענע אדער טעאיסטישע השערה — בעשאפונג דורך אן אויסערליכע קראפט. אין די גרעבסטע אמונות, ווי אויך אין אונזער פון לאנג אנגענומענער קאָסמאָגאָניע (לעהרע פון דער ענטשטעהונג פון דער וועלט) ווערט געהאלטען, אז די מעשי בראשית פון הימעל און ערד זיינען אויסגעפיהרט געווארען אונגעפעהר אויף'ן זעלביגען שטייגער ווי א בעל מלאכה ארבייט אויס א שטיק מעבעל. און אט די סברא האלטען ניט נור די טעאָלאָגען אליין, נור אויך די גרויסע מאיאָריטעט פון פילאָזאָפען, פון אמאָל און היינט. מיר געפינען סיי אין די שריפטען פון פלאטאָן, סיי אין די שריפטען פון א היבש ביסעל היינטיגע וויסענשאפטס מענער, ווי זיי זיינען גאר ניט מסופק אין דעם, אז עס איז פאראן א פערגלייך צווישען דעם פראצעס פון יצירה און דעם פראצעס פון האנדווערק. נון, איז ערסטענס אט דער בעגריף ניט נור אזוינער וואס קען ניט בעוויזען ווערען אז ער ענטשפרעכט עפעס ווירקליכעס דורך קיין פראצעס פון אנגעזאמעלטע געדאנקען, און דורך קיין ראיה פון מקוים־געווארענע נביאות וואס מען האָט געבויט אויף איהם; און ניט נור איז ער קשה ועפאר, וואס ניט האבענדיג קיין ברעקיל ראיה בנוגע צו דעם פראצעס אדער אופן פון בעשאפונג, האָבען מיר קיין בעוויז ניט, אז עס איז פאראן א פערגלייך אפילו צווישען אט דעם בעגרעניצטען בעגריף און א וועלכען

עס איז בעגרעניצטען טייל פון דעם פאקט פון בעשאפונג; נור די הויפטזאך איז, וואס דער דאזיגער בעגריף שטימט ניט אפילו מיט זיך אליין, וואס ער קען ניט פארגעשטעלט ווערען אין גע־דאנק, אפילו ווען אלע זיינע פאראויסזעצונגען ווערען שוין צוגע־געבען. הגם עס איז אמת, אז די דרכים פון א מענשליכען בעל מלאכה קענען אונז געבען אן אונדייטליכען סימבאל פון א מעטא־דע, לויט וועלכער די וועלט האט געקענט בעשאפען ווערען, העלפט עס אונז אבער כלל ניט צו פערשטעהן דעם אמת'ן סוד — דעם מקור פון דעם מ א ט ע ר י א ל, פון וועלכען די וועלט בע־שטעהט. דער בעל מלאכה מאכט ניט דאס אייזען, דאס האלץ אדער דעם שטיין וואס ער געברויכט; ער שטעלט זיי נור צוזא־מען און גיט זיי א געוויסען געשטאלט. אויב מיר זיינען זיך משער, אז די זונען, די פלאנעטען און די כוכבים ומזלות זיינען אויך אויף אזא אופן געמאכט געווארען פון א „בעל מלאכה הגדול", מיינען מיר דערמיט נור, אז געוויסע, פריהער־געוועזענע עלעמענטען זיי־נען אויף אזא אופן צונויפגעשטעלט געווארען אין דער ארדנונג, וואס מיר זעהען זיי איצטער. אבער פון וואנען האבען זיך גענומען די פריהערגעוועזענע עלעמענטען? דער משל פון א בעל מלאכה העלפט אונז א ברעקיל ניט צו פערשטעהן אט דאס; און אויב ער העלפט אונז ניט דאס צו פערשטעהן, איז ער גארנישט ניט ווערטה. שאפען מאטעריע פון גארנישט, מאכען א יש מאין — דאס איז דער ריכטיגער סוד; און א משל וואס גיט אונז ניט די מעג־ליכקייט צו בעגרייפען אט דעם סוד, איז א משל וואס מען קען פונקט אזוי גוט אויסקומען אהן איהם.

אז אט די טעאריע פון בעשאפונג איז ניט קיין תירוץ מספיק, ווערט פאר אונז נאך קלערער, ווען מיר קעהרען זיך אב פון דער פראגע וועגען דעם מאטעריאל, און נעהמען זיך פאר דער זאך וואו די אלע עלעמענטען געפינען זיך — ד. ה. ווען אנשטאט די מ א ט ע ר י ע בעטראכטען מיר דעם ר ו י ם. ווען עס וואלט מעהר גארנישט עקזיסטירט א חוץ אן אונענדליך תהו ובהו, וואלט דאן אויך נויטיג געווען אן ערקלערונג, אזוי גוט ווי איצטער. עס

וואלט אלץ ארויפגעקומען די פראגע — ווי אזוי איז אָט דער תהו ובהו געווארען? אויב די טעאריע פון בעשאפונג דורך אן אויסער־ליכע קראפט וואלט געווען א תירוץ מספיק, וואלט זי געגעבען אן ענטפער; און דער ענטפער וואלט געווען — רוים איז געמאכט גע־ווארען אויפ׳ן זעלביגען אופן, ווי מאטעריע איז געמאכט געווארען. אבער די אונמעגליכקייט דאס צו בעגרייפען איז אזוי קלאר, אז קיי־נער וואגט ניט צו מאכען אזא בעהויפטונג. ווארים אויב רוים איז בעשאפען געווארען האָט עס געמוזט פריהער ניט עקזיסטירען. דאס ניט־עקזיסטירען פון רוים קען אבער דורך קיין שום אנשטרענגונג פון שכל ניט פארגעשטעלט ווערען. עס איז איינע פון די בעקאנט־סטע ווארהייטען, אז מיר קענען פאר איין רגע ניט לויז ווערען פון דער אידעע פון רוים, ווי ער רינגעלט אונז ארום אויף אלע זיי־טען; אז מיר זיינען געצוואונגען, ניט נור צו דענקען וועגען רוים, ווי ער איז איצטער אומעדום דאָ, נור אז מיר זיינען ניט ביכולת צו בעגרייפען זיין ניט־זיין, סיי אין דער פערגאנגענהייט, סיי אין דער צוקונפט. און אויב די ניט־עקזיסטענץ פון רוים איז לחלוטין אונבעגרייפליך, איז על פי נויט זיין בעשאפען ווערען אויך לחלוטין אונבעגרייפליך. און אחרי ככלות הכל, אננעהמענדיג אפילו אז די ענטשטעהונג פון דער וועלט קען ווירקליך פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק בתורת פועל יוצא פון אן אויסערליכער קראפט, וואלט די גע־היימנים אלץ זיין אזוי גרויס ווי פריהער; ווארים עס וואלט זיך אלץ אויפשטעלען די פראגע — ווי אזוי איז עס געקומען עס זאל זיין אן אויסערליכע קראפט? אבגעבען אן ערקלערונג דערפון קען מען ווידער אמאָל נור על פי איינע פון די דריי השערות: זעלבסט־עקזיסטענץ, זעלבסט־בעשאפונג און בעשאפונג דורך אן אויסערליכע קראפט. די לעצטע פון די דריי איז גאר ארויסגע־וואָרפען: זי פיהרט אונז צו א מעשה פון אויסערליכע קרעפטען אהן א סוף, און נאך אלעמען בלייבען מיר וואו מיר זיינען געווען אין אָנהויב. מיט דער צווייטער השערה געפינען מיר זיך פראקטיש אין דערזעלביגער לאגע; ווארים, ווי מיר האָבען שוין בעוויזען, די השערה פון זעלבסט־בעשאפונג שליסט איין אן אונענדליכע

רייהע פון בכח'דיגע עקזיסטענצען. זיינען מיר דעריבער געצוואונגען אנצוקומען צוריק צו דער ערסטער השערה פון זעלבסט־עקזיסטענץ, (ד. ה. מיר מוזען זאגען, אז די אויסערליכע קראפט עקזיסטירט פון זיך זעלבסט) וועלכע איז די געוועהנליך־אנגענומענע ערקלע־רונג און די, וואס מען האלט געוועהנליך פאר א תירוץ מספּיק. ווי מאָדנע אבער דאס איז! די וואס קענען ניט בעגרייפען א זעלבסט־עקזיסטירענדע וועלט, און דעריבער נעהמען זיי אן א בע־שעפער אלס דעם מקור פון דער וועלט, זיינען ביי זיך זיכער, אז זיי קענען בעגרייפען א זעלבסט־עקזיסטירענדען בעשעפער! זיי נעהמען די געהיימנים, וואס זיי דערקענען אין דעם גרויסען פאקט (פון דער עקזיסטענץ פון דער וועלט), וועלכע רינגעלט זיי ארום אויף אלע זייטען, און טראגען זי אריבער אויף א כלומר'שטיגען מקור פון אט דעם גרויסען פאקט, און מיינען, אז זיי האָבען דערמיט אויסגעפונען דעם סוד! זיי נארען זיך אבער אב. ווי עס איז בעווי־זען געווארען פון אנהויב פון אט דער חקירה, איז זעלבסט־עקזיס־טענץ שטרענג אונבעגרייפליך; און עס איז קיין חלוק ניט וועלכע זאך מיר דערקלערען מיט זעלבסט־עקזיסטענץ. יעדער איינער וואס שטימט איין, אז די אטעאיסטישע היפּאָטעזע לאָזט זיך ניט האל־טען, ווייל זי שליסט איין די אונמעגליכע אידעע פון זעלבסט־עקזיס־טענץ, מוז מודה זיין איבער געוואלט, אז די טעאיסטישע היפּאָ־טעזע לאָזט זיך אויך ניט האלטען, אויב זי שליסט איין דיזעלביגע אונמעגליכע אידעע.

הייסט עס, אז אט די דריי פערשיידענע השערות מכח דעם אורשפּרונג פון זאכען, הגם זיי זיינען אויסגעדריקט אין גאנץ פער־שטענדליכע ווערטער, און זיי קוקען אויס ביי זייערע אנהענגער גאנץ פערנינפטיג, לאזען זיך אויס נאָך א קריטישער אונטערזו־כונג צו זיין בוכשטעבליך אונדענקבאר. עס איז ניט קיין פראגע פון וואהרשיינליכקייט אדער פון גלויבליכקייט: עס איז פּשוט א פראגע פון בעגרייפליכקייט. עקספּערימענטען בעווייזען, אז די עלעמענטען פון די דאזיגע השערות קענען אפילו ניט צונויפגע־בראכט ווערען אין בעוואוסטזיין; אז מיר קענען זיי האלטען

נור א שטייגער ווי מען האלט אזוינע פאלשע אידעען, ווי „קוואד־ראטנע פליסיגקייט", אדער „מאַראלע סובסטאנץ"—ד. ה. אבהאל־טענדיג זיך פון דער טרחה צו וועלען זיי איבערגעבען ווי ווירקליכע געדאנקען. אדער, אומקעהרענדיג זיך צו אונזער ערסטען אויסדרוק, קענען מיר זאגען, אז אט די אלע השערות שליסען איין סימבאלי־שע בעגריפען פון דעם אונבערעכטיגטען און פערפיהרערישען סאָרט. ווי עס זאל זיך ניט אויסדרוכטען, אז זיי זיינען ווייט פער־שיידען איינע פון די אנדערע, האָבען די אטעאיסטישע, אי די פאנ־טעאיסטישע, אי די טעאיסטישע השערות, אין גרונד גענומען דעם זעלביגען לעצטען עלעמענט. עס איז אונמעגליך אויסצוקומען ניט אָננעהמענדיג די השערה פון זעלבסט־עקזיסטענץ ערגעץ וואו; און סיי מען נעהמט זי אָן הויל ווי זי געהט, סיי אין פערפלאנטערטע פערקליידונגען, איז זי אלץ איינס פעהלערהאפטיג, אלץ איינס אונ־דענקבאר. זאָל עס זיין א שטיקעל מאטעריע, אדער אן אויסגעטראכ־טע בכח'דיגע פאָרם פון מאטעריע, אדער נאך א ווייטיגערע און ווע־ניגער־דענקבארע סבה פון עפעס — ווען מיר ווילען זיך מאכען א בעגריף פון איהר זעלבסט־עקזיסטענץ, מוזען מיר פערבינדען מיט איהם דעם רעיון פון אונבעגרענצטען דויער דורך אלע פערגאנגענע צייטען. און אזוי ווי אונבעגרעניצטער דויער איז אוינבעגרייפליך, זיינען אלע רעגעלמעסיגע אידעען, אין וועלכע דער רעיון קומט אריין, אונבעגרייפליך; ניין, אויב מען מעג זיך אזוי אויסדריקען, קען מען זאגען, אז זיי זיינען אלץ מעהר אונבעגרייפליך, לפי ערך וויפיעל די אנדערע עלעמענטען פון די אידעען זיינען ניט קיין קלאָרע. אין פאקט, עס קומט אזוי אויס, אז ווי אונמעגליך עס זאל ניט זיין צו דענקען וועגען דער ווירקליכער וועלט בתורת זעלבסט־עקזיסטענץ, מאכען מיר די אונמעגליכקייטען פונ'ם דענ־קען נאך פיעלפאכיגער, וואס מעהר מיר זוכען צו דערקלערען איהר עקזיסטענץ.

§ 12. אויב מיר טהוען זיך א קעהר פון דעם **אור־שפרונג** צו דער **נאטור** פון דער וועלט, קומען ארויף

אויף אזוינע שווערע קשיות און שטעלען זיך אונז אנטקעגען פון אלע זייטען; אדער ריכטיגער געזאגט: דיזעלביגע קשיות שטע־לען זיך אויף פאר אונז אין נייע געשטאלטען. פון איין זייט געפי־נען מיר זיך געצוואונגען אנצונעהמען געוויסע השערות; פון דער אנדער זייט אבער געפינען מיר, אז די דאזיגע השערות קענען ניט פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק.

ווען מיר פרעגען זיך נאך, וואס איז די בעדייטונג פון די פערשיידענע ווירקונגען וואס ווערען געמאכט אויף אונזערע הושים — ד. ה. ווען מיר פרעגען, ווי אזוי זיינען עס געווארען אין אונזער בעוואוסטזיין איינדרוקען פון קלאנגען, פון פארבען, פון געשמאקען און פון אלערליי אנדערע אייגענשאפטען, וואס מיר זאגען אז זאכען האבען — זיינען מיר געצוואונגען זיי צו בעטראכ־טען אלס די ווירקונגען פון א געוויסער אורזאך. מיר קענען זיך אבשטעלען ביי דער מיינונג, אז די דאזיגע אורזאך איז דאס, וואס מיר רופען מאטעריע, און פטור. אדער, מיר קענען, ווי אנדערע טוען, קומען צום בעשלוס, אז מעטעריע גופא איז נור א געוויסע פארם פון די ענטפלעקונגען פון גייסט; און בכן איז גייסט גאר די אמת'ע אורזאך. אדער, אויב מיר בעטראכטען אי מאטעריע, אי גייסט אלס אונמיטעלבארע ווערקצייג, קענען מיר צושרייבען אלע ענדערונגען, וואס ווערען אריינגעבראכט אין אונזער בעוואוסטזיין, צו א דירעקטער געטליכער קראפט. אבער, זאל די אורזאך וואס מיר גיבען אן זיין וואס עס קען — ע פ ע ס אן אורזאך מוזען מיר אננעהמען. און ניט נור זיינען מיר מחויב אנצונעהמען א וועלכע עס איז אורזאך, נור מיר מוזען אויך אננעהמען אן ע ר ס ט ע אורזאך. די מאטעריע, אדער גייסט, אדער עפעס אנדערעס וואס מיר נעהמען אן אלס דאס ווערקצייג וואס מאכט אויף אונז אט די פערשיידענע איינדרוקען, מוז ענטוועדער זיין זייער ערסטע אורזאך, אדער ניט. איז עס יא די ערסטע אורזאך, איז דער שלום דער־מיט שוין געגרייכט. אויב עס איז ניט די ערסטע אורזאך, איז ממילא געדרונגען, אז עס מוז זיין אן אורזאך הינטער איהר, און בכן ווערט יענע די ווירקליכע אורזאך פון דער ווירקונג. עס איז

קלאָר, אז ווי קאָמפּליצירט די השערות זאָלען ניט זיין, מוז מען אונפערמיידליך קומען צו דעם זעלביגען שלום. מיר קענען לגמרי ניט דענקען מכח די איינדרוקען, וואס די אויסערליכע וועלט מאכט אויף אונז, סיידען בתורת ווירקונגען פון געוויסע אורזאכען; און מיר קענען ניט אנפיהרען קיין חקירה מכח די סבות וואס האָבען זיי ארויסגערופען, אוואו מיר דערקלערען זיך ניט אונבעדינגט פאר דער השערה, אז עס מוז זיין אן ע ר ס ט ע אורזאך, א ס ב ה כ ל ה ס ב ו ת.

אויב אבער מיר געהן איצט א טריט ווייטער און פרעגען, וואס איז די נאטור פון אט דער „סבה כל הסבות“, ווערען מיר גע־טריבען פון אן אונדערבארימליכער לאָגיקע צו געוויסע ווייטערדיגע שלוסען. איז די ערסטע סבה אן ענדליכע, אדער אן אונענדליכע? אויב מיר זאגען, זי איז אן ענדליכע, פערפלאָנטערען מיר זיך אין א דילעמא. דענקען וועגען דער ערסטער סבה אלס אן ענדליכע, מיינט עס דענקען וועגען איהר אלס א בעגרעניצטע. דענקען וועגען איהר אלס א בעגרעניצטע, שליסט על פי נויט איין א בעגריף פון עפּעס, וואס ליעגט הינטער איהרע גרעניצען: ווארים עס איז לחלוטין אונמעגליך צו בעגרייפען א זאך ווי אן ארומגעצוימטע, ניט בעגרייפענדיג דערביי א געגענד, וואס רינגעלט ארום איהרע גרעניצען. איז וואס זאל מען זאגען וועגען אט דעם געגענד? אויב די סבה כל הסבות איז א בעגרעניצטע, און פאָלגליך ליעגט עפּעס דרויסען פון איהר גרעניץ, מוז דאך אט דער „עפּעס“ ניט האָבען קיין ערסטע סבה: ער מוז זיין אהן א סבה. אויב מיר זיינען אבער מודה, אז וועלכע עס איז זאך קען זיין אהן א סבה, איז דאך ניטא קיין גרונד אנצונעהמען א סבה פאר קיין זאך ניט. אויב הינטער דעם „ענדליכען“ געגענד, איבער וועלכען עס שפּרייט זיך יאָ אויס דער איינפלוס פון דער ערסטער סבה, ליעגט א גע־גענד, וועלכען מיר זיינען געצוואונגען צו בעטראכטען אלס אונ־ענדליך, אויף וועלכען זי שפּרייט זיך ניט אויס — אויב מיר זיינען מודה, אז עס איז פאראן אן „אונענדליכעס“ אהן א סבה, וואס רינגעלט ארום דאס „ענדליכע“ מיט א סבה, ווארפען מיר דאך

בשתיקה אוועק די השערה פון סבות גאר אין גאנצען. הייסט עס, אז מען קען ניט בעטראכטען די סבה כל הסבות אלס אן ענדלי־כע. היינט וויבאלד זי קען ניט זיין ענדליך, מוז זי זיין אונענדליך.

עס איז פאראן נאך אן אויספיהר מכח דער ערשטער סבה, וועלכער איז פונקט אזוי אונפערמיידליך. זי מוז זיין אונאבהענגיג. אויב זי איז אבהענגיג, קען זי ניט זיין קיין ערסטע סבה; ווא־רים יעמאלט מוז יענע זיין די ערסטע סבה, פון וועלכער זי העננט אב. זאגען אז זי איז טייללוייז אונאבהענגיג, איז ניט גע־נוג; ווארים דאס שליסט איין דעם געדאנק פון א געוויסער נויי־טיגקייט, וועלכע בעשטימט די אבהענגיגקייט פון דעם אנדער טייל, און וואס אט די נויטיגקייט זאל ניט זיין, מוז זי זיין א העכערע סבה, אדער די אמת'ע ערסטע סבה; און דאס איז א ווידערשפרוך. פערקעהרט וויעדער, דענקען וועגען דער „סבה כל הסבות“ אלס לגמרי אונאבהענגיג, מיינט עס דענקען וועגען איהר ווי אזעלכע, וואס עקזיסטירט אפילו ווען עס איז גאר ניטא קיין אנדער עקזיס־טענץ; ווארים אויב זי קען ניט עקזיסטירען, ווען עס איז ניטא קיין אנדער עקזיסטענץ, מוז זי דאך טיילווייז אבהענגען פון יענער אנדער עקזיסטענץ, און אויב אזוי, קען זי ניט זיין די סבה כל הסבות. און ניט נור מוז די ערסטע סבה זיין א מין זאך, וואס האט ניט קיין נויטיגע שיכות צו קיין אנדער מין זאך, נור זי קען ניט האבען קיין נויטיגע שיכות אפילו אין זיך אליין. עס קען אין איהר קיין זאך ניט זיין, וואס ברייננט אן ענדערונג, און פער־קעהרט וויעדער קען אין איהר ניט זיין קיין זאך וואס האלט אב פון אן ענדערונג. ווארים אויב זי האט אין זיך עפּעס אזוינס, וואס שרייבט איהר פאר אזעלכע נויטיגקייטען אדער אבהאלטונגען, מוז אט דער „עפּעס“ זיין א העכערע סבה איידער די ערסטע סבה, און דאס איז אן אונזין. מען זעהט דערפון, אז די ערסטע סבה מוז אין יעדען זין זיין פאלקאם, פאלשטענדיג, גאנץ — זי מוז זיין עפּעס אזוינס, וואס שליסט אין זיך איין יעדע קראפט און שטייגט ארי־בער אלע געזעץ. אדער, געברויכענדיג דעם איינגעפיהרטען ווארט, זי מוז זיין אבסאלוט.

עס זעהט, הייסט עס, אויס, אז בנוגע דער נאטור פון דער וועלט זיינען מיר געבונדען צו געוויסע אונפערמיידליכע בעשלוסען. די זאכען און טהאטען וואס רינגלען אונז ארום, ניט וועניגער ווי די ערשיינונגען פון אונזער אייגענעם בעוואוסטזיין, צווינגען אונז צו זוכען אן אורזאך; זוכענדיג די אורזאך געפינען מיר זיך ניט קיין מקום מנוחה, ביז מיר קומען צו דער השערה פון אן ערסטער אורזאך, פון א „סבה כל הסבות"; און מיר האָבען ניט קיין אנדער אויסוועג, סיידען צו בעטראכטען די ערסטע סבה אלס אונענדליך און אבסאלוט. דאס זיינען אלץ געצוואונגענע אויספיהרונגען (הוכחות) פון ארגומענטען, פון וועלכע מען קען זיך ניט אויסדרעהען. עס איז אבער כמעט איבעריג צו בעווייזען פאר די לעזער, וועלכע האָבען נאכגעפאלגט דעם רעיון ביז איצטער, ווי פערבלענדענד עס זיינען אט די חקירות און זייערע רעזולטאטען. ווען עס וואלט ניט בעלעסטיגען דעם לעזער'ס געדולד אהן א שום צוועק, וואלט מען געקענט לייכט בעווייזען, אז די מאטעריאלען, פון וועלכע דער ארגומענט איז געבויט, אזוי גוט ווי די שלוסען וואָס זיינען בעגרינדעט אויף זיי, זיינען בלויז סימבאָלישע בעגריפען פון דעם אונבערעכטיגטען סאָרט. אנשטאט אבער נאך אמאָל צו ברייננגען די איפכא מסתברא'ס, וואס מיר האָבען שוין פריהער בענוצט, איז בעסער כדאי זיך צו נעהמען פאר אנ'אנדער מעטאדע — פאר אזעלכער, וואס בעווייזט די טעות'ן פון די דאזיגע בעשלוסען, אויפדעקענדיג זייערע געגענזייטיגע ווידערשפרוכען.

דאָס בעסטע וואָס איך קאן דאָ טון איז בענוצען זיך מיט דער חקירה, וואס הער מ א נ ס ע ל, אויספיהרענדיג אין איהרע פרטים די לעהרע פון סער וו י ל י א ם ה א מ י ל ט אָ ן, האָט געבראכט אין זיין בוך: „די גרעניצען פון רעליגיעזען גערעאנק". און איך טהו דאָס גערן, ניט נור דערפאר ווייל זיין פאָרם פון פאָרשטעלען די זאך קען גאר בעסער ניט זיין, נור אויך דעריבער, ווייל אזוי ווי ער שרייבט עס אלס א פערטיידיגונג פון דער היינטיגער טעאָלאָגיע, וועלען זיינע ארגומענטען זיין מעהר אנגענומען ביי דעם רוב לעזער.

§ 13. פערטייטשענדיג אפריהער די ווערטער „סבה כל הסבות“, „אין סוף“ און „אבסאָלוט“, זאָגט מאנסעל אזוי: —

„אבער אט די בעגריפען — די סבה, דער אבסאלוט, דער „אין־סוף“ — וועלכע זיינען אלע גלייך נויטוועגדיגע בעגריפען, שליסען זיי ניט איין א ווידערשפרוך איינער צום אנדערן, ווען מען בעטראכט זיי אין פערבינדונג, אלס אייגענשאפטען (אטריבוטען) פון איינעם און דעמזעלביגען וועזען? א סבה קען ניט, אלס סבה, זיין אבסאלוט: דער אבסאלוט קען ניט, אלס אבסאלוט, זיין א סבה. די סבה, אלס אזעלכע, עקזיסטירט נור בשיכות צו איהר ווירקונג: די סבה איז א סבה פון איהר ווירקונג; די ווירקונג איז א ווירקונג פון דער סבה. פון דער אנדער זייט אבער, שליסט איין דער בעגריף פון דעם „אבסאלוט“ די מעגליכקייט פון אן עקזיסטענץ אויסער אלע שייכות'ן. מיר פרובירען זיך אויסדרעהען פון אט דעם אויבענאויפיגען ווידערשפרוך ארייגפיהרענדיג דעם געדאנק פון כסדר'קייט אין צייט. צו־ערשט עקזיסטירט דער „אבסאלוט“ אליין פאר־זיך, און דערנאך ווערט ער א סבה. אָט דאָ אבער שטעלט אונז אב דער דריטער בעגריף, דער בעגריף פון „אין־סוף“. ווי אזוי קען אן „אין־סוף“ ווערען דאס, וואס ער איז ניט געווען פון אנהויב אן? אויב דאס פעראורזאכען איז א מעגליכע פאָרם פון עקזיסטענץ, איז דאס וואס עקזיסטירט ניט־פעראורזאכענדיג, ניט אונענדליך; דאס, וואס איז נאכדעם געווארען א סבה, איז אוועקגעגאנגען ווייטער ווי זיינע פריהערדיגע גרעניצען.“

* * *

„אננעהמענדיג אז דער „אבסאלוט“ ווערט א סבה, וועט דערפון זיין געדרונגען, אז ער ווירקט על פי פרייען ווילען און מיט בעוואוסטזיין. ווארים א געצוואונגענע, א נויטיגע סבה, קען מען ניט בעגרייפען בתורת אבסאָלוט און אונענדליך. אויב זי איז גענויטיגט פון עפעס אויסער פון זיך אליין, איז זי דערמיט בעגרעניצט דורך א העכערע קראפט; און אויב זי איז גענויטיגט דורך זיך אליין, הייסט עס „אז זי האָט אין איהר אייגענער נאטור א נויטיגע שיכות צו איהר ווירקונג. דער אקט פון קאַוזאציאָן (פון

מסבב זיין, פעראורזאכען) מוז דעריבער זיין א פריווויליגער, און וועלען איז מעגליך נור ביי א בעוואוסטזיניגען וועזען. בעוואוסט־זיניגקייט אָבער קען בעגריפען ווערען וויעדער א מאָל נור ווי א שיכות. עס מוז זיין א בעוואוסטזיניגער סוביעקט, און א זאך, אַן אָביעקט, פון וואס ער איז בעוואוסטזיניג. דער סוביעקט איז א סוביעקט צו דעם אָביעקט; דער אָביעקט איז אַן אָביעקט צו דעם סוביעקט: קיינער פון זיי פאר־זיך קען ניט עקזיסטירען ווי אַן אבסאָלוט. מען קען אפילו די קשיא אויך אויסמיידען פאר א ווייל׳ע, מאכענדיג א חילוק צווישען דעם אבסאָלוט, וואָס האָט א שיכות צו אנ׳אנדערן, און דעם אבסאלוט וואס האָט א שיכות צו זיך אליין. מען קען זאגען, דער „אבסאלוט" קען טאקי אפשר זיין בעוואוסט־זיניג, בתנאי אויב ער איז נור בעוואוסטזיניג פון זיך אליין. אבער אָט דער אויסוועג, ווי עס ווייזט זיך ארויס נאָך אַן ענדליכער צו־גלידערונג, צערשטערט זיך אליין ניט ווייניגער ווי דער פריהער־דיגער. ווארום סיי דער אָביעקט פון בעוואוסטזיין איז א פאָרם פון דעם סוביעקט׳ס עקזיסטענץ, סיי ניט, איז ער ענטוועדער געשאַ־פען אין בעוואוסטזיין און פ ו ן איהם, אָדער ער עקזיסטירט אונאב־הענגיג פון בעוואוסטזיין. אין ערסטען פאל הענגט דער אביעקט אָב פון דעם סוביעקט. און דער סוביעקט אליין איז ד׳ער אמת׳ער „אבסאלוט". אין דעם אנדער פאל הענגט דער סוביעקט אב פון דעם אָביעקט, און דער אָביעקט אליין איז דער אמת׳ער „אבסאלוט". אדער אויב מיר פּרובירען מאכען א דריטע השערה און האלטען, אז יעדער איינער עקזיסטירט אונאבהענגיג פון דעם אנדערן, האָבען מיר גאר ניט קיין אבסאלוט, נור א פּאָר ר ע ל א ט י ו ו ע ן; וואָרים שותפות׳דיגע עקזיסטענץ, צי אין בעוואוסטזיין, צי ניט, איז אליין גופא א שיכות (א רעלאטיווער בעגריף)."

„דער פּועל יוצא פון אָט דער חקירה איז גאנץ קלאָר. ניט נור קען דער אבסאלוט, ווי מען בעגרייפט איהם, ניט האָבען קיין נויטווענדיגע שיכות צו עפּעס אנ׳אנדער זאך, נור ער קען אויך ניט, מחמת דעם כאראקטער פון זיין אייגענער נאַטור, האָבען קיין עצם׳דיגע שיכות אין זיך גופא, דהיינו ווי א גאנצעס וואס בע־

שטעהט פון טיילען, אדער ווי א סובסטאנץ (א זאך) וואס בעשטעהט פון אטריבוטען (אייגענשאפטען), אדער ווי א בעוואוסטזיניגער סוביעקט, וואס שטעהט אין געגענזאץ צו אן אביעקט; ווארים אויב עס איז אין דעם אבסאלוט פאראן א וועלכער עס איז פרינציפ פון איינהייט, וואס איז עפעס אנדערש איידער דער בלויזער חבור פון טיילען אדער אייגענשאפטען, דאן איז דער דאזיגער פרינציפ אליין דער אמת'ער אבסאלוט. אויב פערקעהרט, עס איז ניטא אזא פרינציפ, דאן איז גאר אין גאנצען ניטא קיין אבסאלוט, נור בלויז א מעהרהייט פון רעלאטיווען. די כמעט־איינשטימיגע מיינונג פון דער פילאזאפיע, וועלכע דערקלערט, אז דער אבסאלוט איז איינס און איינפאכיג, מוז אנגענומען ווערען אויך אלס די מיינונג פון שכל הישר, אויף וויפיעל דער שכל הישר האט א וועלכע עס איז מיי־נונג אין דער זאך. אבער אט די אבסאלוטע איינהייט, א גלייכגילטי־גע און אהן קיינע אייגענשאפטען, קען ניט אבגעשיידט ווערען דורך קיין כאראקטעריסטישען סמן, פון דער פיעלפאכיגקייט פון „ענדליכע" זאכען, און קען אויך ניט אידענטיפיצירט (דערקלערט אלס איינס און דאסזעלביגע) ווערען מיט זיי אין זייער פיעלפאכיג־קייט. הייסט עס, אז מיר פאלען אריין אין א דילעמא, פון וועלכער מען קען זיך ניט ארויספלאנטערן. דער אבסאלוט קען ניט בעגריפען ווערען אלס בעוואוסטזיניג, און קען אויך ניט בעגריפען ווערען אלס ניט־בעוואוסטזיניג; ער קען ניט בעגריפען ווערען אלס פיעלפאכיג, און קען אויך ניט בעגריפען ווערען אלס איינפאכיג: ער קען ניט בעגריפען ווערען על פי חלוק, און קען אויך ניט בעגריפען ווערען דורך דעם סמן, וואס ער האט ניט קיין חלוקים; ער קען ניט אי־דענטיפיצירט ווערען מיט דער וועלט, און קען אויך ניט אבגעשיידט ווערען פון איהר. דער „איינער" און די „מעהרערע", בעטראכט מען זיי אלס דעם אנהויב פון עקזיסטענץ זיינען ביידע גאנץ עגאל אונפערשטענדליך."

„אויב די פונדאמענטאלע בעגריפען פון דער ראציאנעלער (שכל'דיגער) טעאלאגיע פערניכטען אויף דעם אופן זיך אליין, קע־נען מיר נאטירליך דערווארטען צו געפינען אז דערזעלביגער אנ־

טאגאָניזם וועט זיך אויך בעווייזען אין זייערע ספּעציעלע אנוועני־דונגען. * * * ווי אזוי, צום ביישפּיעל, קען די „אונענדליכע קראַפט" זיין בכח אלצדינג צו טון, און דאך זאל די „אונענדליכע גוטסקייט" ניט זיין בכח צו טון שלעכטס? ווי אזוי קען די „אונענדליכע גערעכטיגקייט" בעפעהלען די העכסטע שטראָף פאר יעדע עבירה, און דאך זאל דער „אונענדליכער חסד" מוחל זיין דעם בעל עבירה? ווי אזוי קען די „אונענדליכע חכמה" וויסען אלץ וואס עס דאַרף קומען, און דאך זאל די „אונענדליכע פרייהייט" זיין פריי צו טון אדער אבהאלטען זיך פון טון? ווי אזוי קען די עקזיסטענץ פון „שלעכטס" זיך פערהאלטען צוזאמען מיט דער עקזיסטענץ פון אן אונענדליך־פאָלקאָמענעם וועזען? די קשיא איז דאָך, ממה נפשך: וויל ער עס זאל עקזיסטירען שלעכטס, איז ער ניט אונענדליך גוט; וויל ער דאס ניט, הייסט דאך, אז זיין ווילען ווערט בטל און דער קרייז פון זיין טהעטיגקייט איז בעגרעניצט? * * *

„לאָמיר אָבער פאר א רגע זיך פאָרשטעלען, אז די אלע קשיות זיינען בייגעקומען געווארען, און אז די עקזיסטענץ פון דעם אבסא־לוט איז זיכער פעסטגעשטעלט געווארען אויף די עדות פון שכל. עס איז אונז אבער נאך אלץ ניט געלונגען צו פעראייניגען אט די אידעע מיט דער אידעע פון אן „אורזאך": מיר האָבען נאך גאר־נישט אויפגעטון אין פּרט פון ערקלערען, ווי אזוי דער „אבסאלוט" קען ארויסברייגגען א „רעלאטיוו", ווי אזוי דער „אין־סוף" קען שאַ־פען א זאך וואָס האָט א סוף. אויב דער אומשטאנד פון שאפענדער טהעטיגקייט, פון פעראורזאכען, איז א העכערער צושטאנד איידער דער אומשטאנד פון רוה, פון אונטהעטיגקייט, איז דער „אבסאלוט" בעת מעשה פון שאפען, סיי ער ווירקט פרייוויליג, סיי ניט פריי־וויליג, אריבערגעגאנגען פון א לפי ערך־אונפאָלקאָמענעם צושטאנד אין אַ צושטאנד פון לפי ערך'דיגער פאָל־קאָמענהייט; הייסט דאָס אז אין אָנהויב איז ער ניט געווען פאָלקאָם. פערקעהרט, אויב דער צושטאנד פון טהעטיגקייט איז א נידעריגערער איידער דער צושטאנד פון רוה, פערלירט דער „אבסאלוט" בעת מעשה פון שאפען זיין פריהערדיגע

פאָלקאָמענהייט. בלייבט נור איבער די השערה, אז דיביידע צו־שטאַנדען זיינען גלייכע, און אז דער אַקט פון שאַפען איז אַ מעשה פון פאָלשטענדיגער גלייכגילטיגקייט. אזא השערה אבער פערניכטעט די איינציגקייט פון דעם „אבסאָלוט", אדער — זי פערניכטעט זיך אליין. אויב דער אַקט פון בעשאַפען איז אַ ווירקליכער און דאך אַ גלייכגילטיגער, מוזען מיר מודה זיין, אז עס איז מעגליך צו האָבען צוויי בעגריפען וועגען דעם אבסאָלוט: אַן אבסאָלוט וואס איז פּראָדוקטיוו און אַן אבסאָלוט וואס איז ניט־פּראָדוקטיוו. אויב דער אַקט איז ניט קיין ווירקליכער, ווערט דאך גאָרנישט פון דער השערה גופא". * * *

„היינט ווידער, ווי אזוי קען מען בעגרייפען דאס געבאָרען ווערען פון דעם רעלאַטיף? אויב ער איז אַ ווירקליכקייט וואס איז אָבגעזונדערט פון דעם אבסאָלוט, מוז מען איהם בעגרייפען ווי פון ניט־עקזיסטענץ געהט ער אריבער אין אַ צושטאַנד פון עקזיסטענץ. אבער בעגרייפען אַ זאַך ווי זי עקזיסטירט ניט, איז ווידער אַמאָל אַ ווידערשפּרוך אין זיך אליין; ווארים דאס, וואס ווערט בעגרי־פען, עקזיסטירט שוין אַלס אַן אָביעקט פון געדאַנק אין דעם בעגריף און דורך איהם גופא. מיר קענען זיך אבהאַלטען און גאָר ניט דענקען וועגען אַ וועלכער עס איז זאך; דענקען מיר אָבער פון איהר יאָ, קענען מיר אנדערש ניט דענקען סיידען נור ווי זי עקזיסטירט. עס איז מעגליך אין איין צייט גאָר אין גאַנצען ניט צו דענקען וועגען אַ געוויסע זאך, און אין אַנ'אַנדער צייט צו דענקען פון איהר ווי זי איז שוין דאָ; אָבער דענקען פון איהר בעת מעשה פון ווערען, בעת'ן איבערגאַנג פון ניט־זיין אין זיין, מיינט דענקען אזוינס, וואָס אין געדאַנק גופא פערניכטעט עס זיך אליין. * * *

„די אונטערסטע שורה פון אַט דעם טייל פון מיין אַרגומענט איז בקיצור אזוי: דער בעגריף פון דעם „אבסאָלוט" און דעם „אין־סוף" שיינט צו זיין, פון וועלכער זייט מיר זאָלען ניט קוקען אויף דעם, איינגעטונקט אין ווידערשפּרוכען. עס איז אַ ווידערשפּרוך זיך משער צו זיין, אז אזא מין אָביעקט עקזיסטירט, סיי אליין, סיי אין פערבינדונג מיט אנדערע; און עס איז אַ ווידערשפּרוך זיך

משער צו זיין, אז ער עקזיסטירט ניט. עס איז א ווידערשפּרוך צו בעגרייפען איהם אלס איינער; און עס איז א ווידערשפּרוך צו בע־גרייפען איהם אלס מעהר ווי איינער. עס איז א ווידערשפּרוך צו בע־גרייפען איהם אלס פּערזענליך; און עס איז א ווידערשפּרוך צו בעגרייפען איהם אלס אונפּערזענליך. מען קען ניט אהן א ווידער־שפּרוך איהם פאַרשטעלען אלס טהעטיג, און מען קען ניט אהן פּונקט אזא ווידערשפּרוך איהם פארשטעלען אלס ניט־טהעטיג. מען קען איהם ניט בעגרייפען אלס די סומע פון אלץ וואָס עקזיסטירט; און מען קען איהם ניט בעגרייפען נור אלס א טייל פון דער דאזיגער סומע.״ —

§ 14. איצטער, וואס קענען מיר פון אט די רעזולטאטען ארויסטראגען בנוגע צו דער פראגע, וועלכע ליעגט אונז דאָ פאָר? מיר האָבען אנגעפיהרט אונזער אונטערזוכונג פון די ענדליכע אי־דעען פון רעליגיאן מיט דעם געדאנק קלאר צו שטעלען א וועלכע עס איז גרינדליכע ווארהייט, וואס עס האלט זיך אין זיי איין. דערווייל אבער זיינען מיר נור געקומען צו נעגאטיווע בעשלוסען. קריטיקירענדיג די עצם'דיגע בעגריפען, וואס זיינען איינגעשלאסען אין די פערשיעדענע מינים גלויבענס, געפינען מיר, אז קיינער פון זיי לאזט זיך ניט לאגיש פערטיידיגען. אויסלאזענדיג אין גאנצען די פראגע פון גלויבליכקייט, און האלטענדיג זיך שטרענג צום פּונקט פון בעגרייפליכקייט, זעהען מיר, אז אי דער אטעאיזם, אי דער פּאנטעאיזם, אי דער טעאיזם, ווייזען זיך ארויס נאך א גענויען אנאליז לחלוטין אונדענקבאר. אָנשטאָט אויפצודעקען א גרינדליכע ווארהייט, וואס עקזיסטירט ביי זיי אלעמען, שיינט אז אונזער פאר־שונג האָט אדרבא פערקעהרט גאר בעוויזען, אז עס איז ניטאָ קיין גרינדליכע ווארהייט ביי קיינעם פון זיי. עס וואלט אבער געוועזען א געפעהרליכער טעות ארויסצוטראגען פון דאנען אזא בעשלוס, ווי מיר וועלען עס אין גיכען זעהען.

א רעליגיעזער גלויבען, אויסלאָזענדיג דעם מאָראַל־קאָדעקס, וואָס בעגלייט איהם און איז אומעדום א הוספה'דיגער צו־וואוּקס,

לאזט זיך פערטייטשען אלס א טעאָריע מכח „מעשי בראשית“. די ווילדע פון דער נידעריגסטער שטופע קלערען ניט מכח דעם אור־שפּרונג פון זאכען: נור אונגעוועהנליכע ערשיינונגען דערוועקען אין זיי די פראגע וועגען דעם שליח דערפון. אבער אין אלע וויי־טערדיגע שטופען, סיי אין דער פּרימיטיווער „גייסט־טעאָריע“, וועלכע נעהמט אן, אז הינטער יעדער אויסערגעוועהנליכער ערשיי־נונג שטעקט די ארבייט פון א מענשליכער פּערזענליכקייט; סיי אין דעם פּאָליטעאיזם, אין וועלכען די פּערזענליכקייטען זיינען טיילווייז געווארען א כלל־בעגריף; סיי אין דעם מאָנאָטעאיזם, אין וועלכען זיי זיינען אין גאנצען געווארען א כלל־בעגריף, און סיי אין דעם פּאנטעאיזם, אין וועלכען די כלל־פּערזענליכקייט איז צונויפ־געגאסען אין איינעם מיט די ערשיינונגען — אומעדום גלייך געפי־נען מיר א היפּאָטעזע וואס נעהמט זיך די אויפגאבע צו דערקלערען די וועלט און צו מאכען זי פערשטענדליך. אפילו דער פּאזיטיווער אטעאיזם — די לעהרע וועלכע מען בעטראכט געוועהנליך אלס די פערלייקענונג פון אלע רעליגיאָנען — האלט אויך אוים די דעפיני־ציאָן פון א רעליגיעזען גלויבען. בעהויפּטענדיג די זעלבסט עקזיס־טענץ פון רוים, מאטעריע און בעוועגונג, וועלכע ער האלט פאר די גענינענדע אורזאכען פון אלע ערשיינונגען, בויט דער אטעאיזם אויף אן א־פּריאָרי טעאָריע, וואס קען ערקלערען לויט זיין מיינונג אלע פאקטען. יעדע טעאָריע אייגענטליך בעהויפּטעט בשתיקה צוויי זאכען: ערסטענס, אז עס איז עפּעס פאראן וואס פאדערט אן ערקלערונג, און צווייטענס, אז די ערקלערונג איז אזוי און אזוי. בכן, מעגען זיך פערשיידענע דענקער מי יודע ווי ווייט פאנאנדערגעהן אין די תירוצים וואס זיי גיבען אויף איין און דיזעלבע שאלה, שטי־מען זיי אבער אלע ממילא איין, אז עס איז דאָ א שאלה וואס דארף קריגען א תירוץ. אָט דא, הייסט עס, געפינט זיך אן עלעמענט, וועלכען אלע גלויבענס האלטען בשותפות. רעליגיאָנען וועלכע זיינען פונקט דער היפּוך איינע פון די אנדערע אין זייערע אויסגעשפּראכע־נע דאָגמען, זיינען דענאך פאלקאם אייניג בנוגע דער שטילער אי־בערציינונג, אז די עקזיסטענץ פון דער וועלט מיט אלץ וואס אין

איהר און ארום איהר איז א טיעפע געהיימניס, וואס מאַהנט נאכא־נאנד מען זאל זי פותר זיין. בנוגע צו דעם פונקט, אויב מיר זאלען שוין אויסלאָזען יעדען אנדערן, געפינט זיך א פאַלשטענדיגע אחדות.

מיר הויבען אט אזוי שוין אן בּיסלעכווייז צו דערזעהן דעם פונקט וואס מיר זוכען. אין דעם פאריגען קאפּיטעל זיינען אנגע־געבען געווארען טעמים פאר וואס מען דאַרף אננעהמען, אז מענש־ליכע גלויבענס בכלל און די אייביגע גלויבענס בפרט ענטהאלטען אונטער אלערליי טעות׳דיגע פערקליידונגען עפּעס א תמצית פון אמת; און אט האָבען מיר טאקי געפונען א ווארהייט, וועלכע ליעגט אין גרונד פון אפילו די גרעסטע אָבערגלויבענס. מיר האָבען דאָרט נאך ווייטער איינגעזעהען, אז דאס דאזיגע קערינדיל אמת מוז מסתמא זיין עפּעס אזא טייל, וואס ווערט געהאלטען בשותפות פון אלע געעגנגעזעצטע מיינונגען פון איין געוויסער גאטונג; און אט האָבען מיר אזא טייל, אויף וועלכען אלע רעליגיאנען קענען האָ־בען גלייכע תביעות. עס איז אנגעוויזען געווארען, אז דער דאזיגער תמצית אמת מוז כמעט זיכער זיין א מעהר אלגעמיינער (אבסטראק־טער) איידער יעדער גלויבען וואס שליסט איהם איין; און די ווארהייט צו וועלכער מיר זיינען געקומען איז טאקי אזעלכע, וואס שטייגט אריבער אין אלגעמיינהייט אלע העכסט־אלגעמיינע רעלי־גיעזע תורות. אונזער שלוס, הייסט עס, ענטפערט אב די פאדערונ־גען אין יעדען איינציגען פּרט. ער האָט אלע כאראקטעריסטישע צייכענס, וועלכע מיר האָבען בעשלאָסען על פּי סברא, אז יענע גרונד־ווארהייט וואָס אלע רעליגיאָנען בכלל דריקען אויס, מוז האָ־בען.

אלס א ווייטערדיגע ראיה, אז דאס איז דער לעבענס־עלעמענט ביי אלע רעליגיאנען, קען דיענען דער פאקט, וואס אט דער עלע־מענט לעבט ניט נור אריבער יעדע ענדערונג, נור ער ווערט נאך אלץ קלערער, וואָס העכער די רעליגיאָן איז ענטוויקעלט. די גאָר ערסטע אמונות, ווי זיי זיינען ניט דורכגענומען פונ׳ם געדאנק פון פּערזענליכע פערמיטלער, וועלכע בלייבען געוועהנליך אומגעזעהען,

בעגרייפען זיי דענגאָך די דאָזיגע פּערמיטלער אונטער גאַנץ ממשות־דיגע און פּשוט'ע פאָרמען—זיי שטעלען זיי אין איין קלאַס צוזאַמען מיט מענשליכע און טיערישע פּערמיטלער, וועלכע מען קען זעהן בחוש, און פאָרשטעלען אויף דעם אופן אַן אונבעשטימטען בעגריף פון געהיימנים אין אַזוינע אונגעהיימניספולע פּערקליידונגען ווי נור מעגליך. די פּאָליטעאיסטישע בעגריפען פון אַ העכערער שטופע שטעלען פאַר די העכערע פּערזענליכקייטען אין היבשליך־אידעאַליזירטע געשטאַלטען, ווי זיי לעבען ערגעץ־וואו אין אַ ווייטען געגענד, ווירקען אויף פּערפיינערטע דרכים און רעדען זיך צוזאַמען מיט מענשען דורך אותות ומופתים, אדער דורך מענשען וואָס האָבען אַ רוח הקודש. דאָס הייסט, מען קוקט שוין אויף די ענדליכע סבות פון זאַכען, ווי אויף ווענינער־בעקאַנטע און ווענינער פּערשטענדליכע כחות. דאָס וואַקסען פון אַ מאָנאָטעאיסטישען גלויבען, וועלכער געהט צוזאַמען מיט אַן אָבלייקענונג פון יענע אמונות, ביי וועלכע די געטליכע נאַטור איז בעהעפט צו דער מענשליכער נאַטור אין אַלע איהרע נידעריגערע אינסטינקטען, צייגט אונז אָן אַ ווייטערדיגען שריט אויפ'ן זעלבען דרך. און ווי ניט פאַלקאָם אַפילו אַט דער העכערער גלויבען ווערט פאָרגעשטעלט אין אָנהויב, דאָך זעהען מיר אין די מזבחות, וואָס מען האָט געבויט „צו דעם אונבעקאַנטען און ניט־דערקענבאַרען גאָט" און אין דעם דיענען „צו אַ גאָט, וואָס קיין זוכען העלפט ניט איהם אויסצוגעפינען", אַז דאָ איז שוין פאַראַן אַ קלערערע דערקענטניס פון דער אונמעגליכקייט צו פאַרשטעהן די סודות היצירה. די ווייטערדיגע ענטוויקלונגען פון דער טעאָלאָגיע, וועלכע ענדיגען זיך מיט אַזוינע בעהויפּטונגען, ווי דהינו, אַז „אַ גאָט, וועלכען מען וואָלט געקענט פערשטעהן, וואָלט גאָר קיין גאָט ניט געווען", און אַז „דענקען אַז גאָט איז אַזעלכער, ווי מיר קענען דענקען ער איז, איז גאָטעס־לעסטערונג" — צייגען ארויס די דאָזיגע דערקענטניס פון דער טיעפקייט פון די סודות היצירה נאָך פיעל קלערער; און אָט די געדאַנקען דרינגען דורך די גאַנצע געבילדעטע טעאָלאָגיע פון היינטיגער צייט. מען זעהט, אַז בעת אַנדערע טיילען פון די רעליגיעזע גלויבענס פאַלען ארויס איינער נאָך

דעם אנדערן, בלייבט אט דער טייל שטענדיג און ווערט נאָך אפילו קלערער; און דערמיט איז בעוויזען, אז ער איז דער עיקר טייל.

און דא האָבען זיך נאָך אויך ניט אויסגענומען אלע ראיות. ניט נור איז אט דער אומעדום־בנמצא׳דיגער עפּעס, וואס שטעהט למעלה מן השכל, דער העכסט־אבסטראקטער גלויבען אין אלע רע־ליגיאָנען, וועלכער ווערט אלץ קלערער, וואָס מעהר זיי ענטוויקלען זיך און פערבלייבט נאָכדעם ווי זייערע ניט־איינשטימיגע עלעמענ־טען האָבען זיך געגענזייטיג מבטל געווען, נור ער איז אויך דער גלויבען, וועמען די שטרענגסטע קריטיק קען ניט ריהרען פון אָרט,— וועמען, ריכטיגער געזאגט, די שטרענגסטע קריטיק ברייננט נאָך אלעמאָל קלערער ארויס. ער האָט גאר ניט וואס מורא צו האָבען פאר דער העכסט־אונדערבארימליבער לאָגיקע; אדרבא, די העכסט־אונדערבארימליכע לאגיקע בעווייזט, אז ער איז א פּיעל־טיעפערער אמת, ווי וועלכע עס איז רעליגיאָן מיינט אז ער איז. וואָרים יעדע רעליגיאָן, וועלכע הויבט דאכט זיך אָן מיט א שטילער בעהויפּטונג, אז עס איז פאראן א גרויסע געהיימנים, נעהמט זיך תיכף ומיד אונטער ווי עס איז צו דערקלערען די געהיימנים, און זאגט דערמיט אליין, אז עס איז גאר ניט אזא סוד, וואס שטייגט אריבער דעם כח פון מענשענ׳ס השגה. נעהמט מען זיך אבער אונ־טערזוכען די ענטפּערען, וואָס יעדע פון זיי שלאָגט פאָר, זעהט מען: אז זיי האָבען קיינער קיין ממשות ניט. די צוגלידערונג פון יעדער מעגליכער היפּאָטעזע בעווייזט, ניט נור אז קיינע פון זיי איז ניט קיין תירוץ מספּיק, נור אז קיינע פון זיי איז צו מאָל ניט אפילו דענקבאר. און עס צייגט זיך אט אזוי ארויס, אז די געהיימנים, וועל־כע אלע רעליגיאָנען אנערקענען, איז א פיעל מעהר־פאָרטרעפליכע געהיימנים, ווי וועלכע עס איז פון זיי מיינט: עס צייגט זיך ארויס, אז זי איז ניט א רעלאטיווע, נור אן א ב ס א ל ו ט ע גע־היימנים.

אט דאָ, הייסט עס, האָבען מיר אן ענדליכע רעליגיעזע וואר־הייט פון דעם מעגליך העכסטען גראַד זיכערקייט — א וואָרהייט, מכח וועלכער אלע רעליגיאנען בכלל זיינען איינינג צווישען זיך,

און אויך איינינג מיט א פילאזאפיע, וועלכע איז א פיינד פון אלע זייערע ספעציעלע דאגמען. און אט די ווארהייט, בנוגע צו וועלכער עס איז פאראן א פערבארגענע איינשטימונג ביי דער גאנצער מענשהייט, פון דעם פרימיטיווען געצען־דיענער ביז דעם קאלטסטען קריטיקער פון אלע אמונות — די מוז עס זיין, וועלכע מיר זוכען. אויב רעליגיאן און וויסענשאפט זאלען זיך פעראייניגען, מוז דער פונדאמענט פון דער פעראייניגונג זיין אט דער טיעפסטער, ברייטסטער און זיכערסטער פון אלע פאקטען, אז — די קראפט, וועלכע די וועלט ענטפלעקט פאר אונז, איז לחלוטין אונמעגליך צו דערפארשען.

די ענדליכע אידעען פון וויסענשאַפט

דריטער קאפּיטעל.

די ענדליכע אידעען פון וויסענשאַפט.

§ 15. וואס זיינען רוים און צייט? צוויי השערות זיינען פאראן מכח זיי: איין השערה איז, אז זיי זיינען אָביעקטיוו, ד. ה. אז זיי עקזיסטירען א חוץ אונז און זיינען נים אבהענגיג פון אונז; די אנדער השערה איז, אז זיי זיינען סוביעקטיוו, ד. ה. זיי עקזיסטירען נור אין אונז און געהערען צו אונזער אייגענעם בעוואוסטזיין. לאָמיר זעהן וואָס ווערט פון די השערות, ווען מען צוגלידערט זיי.

זאגען אז רוים און צייט עקזיסטירען פאר־זיך, אביעקטיוו, מיינט צו זאגען, אז זיי זיינען ממשות'ן, וועזענס. די בעהויפּטונג, פערקעהרט, אז זיי זיינען נים קיין וועזענס, אז זיי האָבען נים קיין ממשות, איז א בעהויפּטונג וואס צושטערט זיך אליין: אונ־וועזענס זיינען אונ־עקזיסטענצען; רעדען פון אונ־עקזיסטענצען ווי זיי עקזיסטירען אביעקטיוו, איז א תרתי דסתרא. מעהר ווי דאס: לייקענען אז רוים און צייט זיינען עפּעס'ן, און ממילא, הייסט עס, אנרופען זיי גאָר־נישט'ן, מיינט מאַכען די אונזיניגע בעהויפּטונג, אז עס זיינען פאראן צווייערליי סאָרטען פון גאָר־נישט. אויך קען מען זיי נים האלטען פאר אייגענשאפטען (אטריבוטען) פון א וועלכען עס איז וועזען, שוין נים נור דערפאר אליין, ווייל מען זעהט אז עס איז אונמעגליך ווירקליך צו בעגרייפען אזא מין זאך, פון וועלכער זיי זיינען די אטריבוטען, נור אויך ווייל מען זעהט ווייטער, אז מען קען וועגען זיי נים דענקען ווי זיי פערשווינדען, אפילו ווען יעדע אנדער זאך איז פערשוואונדען געווארען, בעת אבער אייגענשאפ־טען מוזען על פי נויט פערשווינדען צוזאמען מיט די זאכען, צו

וועלכע זיי געהערען. איז דעריבער, אזוי ווי ר ו י ם און צ י י ט קענען ניט זיין קיין אונ־וועזענס און אויך ניט קיין אייגענשאפטען פון וועזענס, האָבען מיר קיין אנדער ברירה ניט, סיידען זיי צו האלטען פאר וועזענס.

בעת אבער וואס, לויט דער השערה אז זיי זיינען אביעקטיוו, מוז מען רוים און צייט אריינרעכענען אין דעם קלאס פון זאכען, געפינט מען ביי דער פּראָבע, אז פאָרשטעלען זיי אין געדאנק בתורת זאכען איז גאר אונמעגליך. כדי צו קענען בעגרייפען א זאך איבער־הויפּט, מוז עס בעגריפען ווערען ווי עפּעס, וואס האָט אייגענשאפ־טען. מיר קענען מאכען א חילוק צווישען עפּעס און גאר־נישט נור לויט דעם כח, וואס דער עפּעס האָט צו ווירקען אויף אונזער בע־וואוסטזיין. די פערשיידענע איינדרוקען (אדער, לאמיר זאגען, די השערה׳דיגע סבות זייערע), וואס דער „עפּעס" מאכט אויף אונזער בעוואוסטזיין, אייגענען מיר איהם אָן, און רופען דאס זיינע איי־גענשאפטען: זיינען די דאזיגע אייגענשאפטען ניטא, זיינען ניטא קיין אויסדרוקען, אין וועלכע דער „עפּעס" קען בעגריפען ווערען, און בכן איז ניטא קיין בעגריף. היינט לאמיר זעהן, וואס זיינען די אייגענשאפטען פון רוים? די איין־איינציגע אייגענשאפט, וואס מען קען פאר א מינוט דענקען אז רוים פערמעגט, איז שטח (אויס־דעהנונג); אבער זאגען, אז רוים האָט שטח, בעווייזט נור א פער־טומלונג פון געדאנק. וואָרים שטח און רוים זיינען אייגענטליך צוויי אויסדרוקען פון דערזעלביגער זאך: ווען מען זאגט, אז די ארו־מיגע זאכען פערנעהמען א געוויסען שטח, מיינט מען, זיי פערנעה־מען א געוויסען רוים; און בכן, זאגען, אז רוים פערנעהמט א שטח, איז פונקט ווי מען זאל זאגען, אז רוים פערנעהמט רוים. אז מיר זיי־נען אקוראט אזוי ניט־ביכולת צו בעצייכענען צייט מיט א וועלכער עס איז אייגענשאפט, איז כמעט איבעריג זיך צו נעהמען בעווייזען.

און ניט נור דערפאר אליין וואָס זיי האָבען ניט קיין אייגענ־שאפטען, זיינען צייט און רוים ניט דענקבאר בתורת וועזענס; עס איז פאראן נאך א בעזונדער סמן — די וואס האָבען א ידיעה אין מעטאפיזיקע קענען איהם — צוליעב וועלכען מען מוז אויך אויס־

שליסען צייט און רוים פון דער דאזיגער קאטעגאריע. אלע וועזענס, וועלכע מיר קענען ווירקליך אלס אזעלכע, זיינען בעגרעניצטע; און אויב אפילו מיר זיינען זיך משער, אז מיר ווייסען, אדער זיינען ביכולת צו בעגרייפען עפעס א ניט־בעגרעניצטען וועזען, איז דער־מיט, וואס מיר שטעלען עס אין אזא קלאס, זונדערן מיר איהם פא־זיטיוו אב פון דעם קלאס בעגרעניצטע וועזענס. וועגען רוים און צייט אבער, קענען מיר ניט בעהויפטען, סיי יא בעגרעניצונג, סיי ניט־בעגרעניצונג. מיר זיינען לגמרי ניט בכח זיך צו מאכען א וועלכען עס איז גדאנקען־בילד פון ניט־בעגרעניצטען רוים; און ווידער פערקעהרט, פארשטעלען זיך גרעניצען, הינטער וועלכע עס איז גאר ניטא קיין רוים, זיינען מיר פונקט אזוי לגמרי ניט בכח צו טון. דאס אייגענע איז אויך בנוגע דעם אנדער עקסטרעם: עס איז אונמעג־ליך צו דענקען וועגען א גרעניץ צו דער צוטיילבארקייט פון רוים, און עס איז פונקט אזוי אונמעגליך צו דענקען, אז די צוטיילבאר־קייט האט גאר קיין סוף ניט. און עס איז קלאר גאר ניט אנווייזענ־דיג דערויף, אז בנוגע צו צייט געפינען מיר זיך פונקט אין דער־זעלביגער אונמעכטיגער לאגע. בקיצור: מיר קענען ניט בע־גרייפען רוים און צייט בתורת וועזענס, און מיר זיינען פונקט אזוי־פיעל ניט־ביכולת צו בעגרייפען זיי, סיי אלס אייגענשאפטען פון זא־כען, סיי אלס אונ־וועזענס. מיר זיינען געצוואונגען צו דענקען פון זיי ווי זיי עקזיסטירען, און דאך קענען מיר זיי ניט ברענגען אונ־טער די בעדינגונגען, אונטער וועלכע עקזיסטענצען ווערען פארגע־שטעלט אין גדאנק.

זאלען מיר דעריבער זיך אפשר אנכאפען אן קאנט׳ס לעהרע? זאלען מיר דעריבער זאגען, אז ר ו י ם און צ י י ט זיינען פארמען פון דעם פערשטאנד — די „א־פריארי געזעץ אדער בעדינ־גונגען פון דעם בעוואוסטזיניגען גייסט“? דאס מיינט אבער נעה־מען און ענטלויפען פון א גרויסער פערלעגענהייט כדי זיך אריינ־צוווארפען אין נאך א גרעסערע. די בעהויפטונג, מיט וועלכער קאנט׳ס פילאזאפיע פאהרט ארויס, הגם זי איז אויסגעדריקט אין גאנץ־פערשטענדליכע ווערטער, קען אבער דורך קיין אנשטרענגונג

ניט איבערגעגעבען ווערען אין געדאנק — זי קען ניט אריינגע־טייטשט ווערען אין א אידעע, וואס א אידעע אין ריכטיגען זין הייסט, נור זי דריקט בלויז אויס א כלומר׳שט־אידעע. ראשית, מאַ־כען די בעהויפּטונג, אז רוים און צייט, ווי מיר האָבען זיי אין אונ־זער בעוואוסטזיין, זיינען סוביעקטיווע בעדינגונגען, שליסט איין די בעהויפּטונג, אז זיי זיינען ניט קיין אָביעקטיווע ווירקליכקייטען: וואָרים אויב די דאָזיגע רוים און צייט, וואָס שטעהען פאר אונזער פערשטאנד, געהערען צו דעם עגאָ, דעם „איך", הייסט עס על פּי נויט, אז זי געהערען ניט צו דעם „ניט־איך". עס איז אבער לחלוטין אונמעגליך אזוי צו דענקען. דער פאקט גופא, אויף וועלכען קאַנט בעגרינדעט זיין היפּאָטעזע — דער פאקט, וואס רוים און צייט קע־נען ניט אויסגעמעקט ווערען פון אונזער בעוואוסטזיין — זאגט דערויף עדות; ווארים דאס דאזיגע בעוואוסטזיין פון רוים און צייט, פון וועלכען מיר קענען ניט לויז ווערען, איז א בעוואוסטזיין פון זיי, ווי זיי עקזיסטירען דרויסען פון אונז, אָביעקטיוו. עס איז קיין פּעולה ניט צו ענטפערן אויף דעם, אז דוקא ווייל זיי זיינען סוביעקטיווע פארמען, איז די סברא מחיב, אז מען קען זיי ניט אויסמעקען פון בעוואוסטזיין. די פראגע דאָ פאר אונז איז — וואס זאגט עדות דאס בעוואוסטזיין דירעקט? און די דירעקטע עדות פון בעוואוסטזיין איז, אז צייט און רוים זיינען ניט אין דעם פערשטאנד, נור פון דרויסען פון איהם; און אזוי לחלוטין־אונאבהענגיג זיינען זיי פון איהם, אז מען קען גאר ניט בע־גרייפען זייער אויפהערען צו עקזיסטירען, אפילו ווען דער פער־שטאנד גופא וואָלט אויפגעהערט עקזיסטירען. אבער א חוץ דעם וואָס קאַנט׳ס טעאָריע איז פּאָזיטיוו ניט־דענקבאר אין די פּרטים, וועלכע זי לייקענט אָב בשתיקה, איז זי פּונקט אזוי ניט־דענקבאר אין די פּרטים, וועלכע זי בעשטעטיגט אָפען. עס איז ניט נור דאָס אליין, וואָס מיר קענען ניט פערבינדען דעם געדאנק פון רוים מיט׳ן געדאנק פון אונזער אייגענער פּערזענליכקייט און איין זאך בע־מראכטען אלס די אייגענשאפט פון דער אנדער זאך — הגם דער דאָזיגער פאקט אליין וואָלט גענוג געווען צו בעווייזען די אונבע־

גרייפליכקייט פון דער היפאטעזע — נור דער פונקט איז, וואס די דאזיגע היפאטעזע טראגט אין זיך גופא דעם בעוויז פון איהר איי־גענער אונבעגרייפליכקייט. אויב רוים און צייט זיינען פארמען פון געדאנק, קען מען דאך קיינמאל ניט דענקען וועגען זיי גופא; ווארים עס איז אונמעגליך, אז עפעס זאל זיין אין דערזעלביגער צייט אי די פארם, אי דער מאטעריאל פון דענקען. אז רוים און צייט זיינען אביעקטען פון בעוואוסטזיין, בעהויפטעט קאנט גאנץ פעסט דערמיט וואס ער זאגט, אז מען קען זיי ניט אויס־מעקען פון בעוואוסטזיין. הייסט אויב זיי זיינען די אביעקטען פון בעוואוסטזיין, איז ווי אזוי קענען זיי אין דערזעלביגער צייט זיין די בעדינגונגען פון בעוואוסטזיין? אויב רוים און צייט זיינען די בעדינגונגען אונטער וועלכע מיר דענקען, מוזען דאך אונזערע געדאנקען, בעת מיר דענקען וועגען רוים און צייט גופא, זיין אונבעדינגטע; הייסט וויבאלד עס קענען אויף דעם אופן זיין אונבעדינגטע געדאנקען, איז וואס ווערט יעמאלט פון דער טע־אריע?

די אונטערסטע שורה איז דעריבער, אז רוים און צייט זיינען לגמרי אונבעגרייפליך. דאס דירעקטע וויסען וואס אונז דוכט זיך אז מיר האבען וועגען זיי, צייגט זיך ארוים נאך אן אונטערזוכונג, אז עס איז לגמרי ריינער אונוויסען. בעת אונזער גלויבען אין זייער אביעקטיווער ווירקליכקייט איז אזוי שטארק, אז מען קען איהם ניט בייקומען, האבען מיר פון דעסטוועגען ניט בכח צו געבען א וועלכע עס איז שכל׳דיגע ערקלערונג דערפון. פערקעהרט וויעדער, בעהויפטען ד׳ געגענזעצטע מיינונג (לייכט צו זאגען, אבער אונ־מעגליך צו בעגרייפען), הייסט פשוט אנרעדען נאך מעהר אונזין.

§ 16. ווען דער ויכוח וואלט עס ניט געפאדערט, וואלט גע־ווען אומפערצייהליך צו פערנעהמען דעם לעזער׳ס אויפמערקזאמ־קייט מיט די אויסגעטראגענע און דאך ניט געענדיגטע פלפולים מכח דער צוטיילבארקייט פון שטאף. שטאף איז אדער יא צו־טיילבאר אהן א סוף, אדער ניט: קיין דריטער „אדער" איז ניטא.

וועלכען פון זיי זאָלען מיר אָננעהמען? אויב מיר זאָגען, אז שטאָף איז צוטיילבאר אָהן א סוף, זאָגען מיר זיך ארויס פאַר א בעהויפּטונג, וועלכע לאָזט זיך ניט פאָרשטעלען אין געדאנק. מיר קענען צושניידען א זאך אויף העלפט, און די העלפט ווידער אויף העלפט און, נאָכאנאנד ווידערהאָלענדיג דעמזעלביגען אקט ביז מיר בעקומען אזא קליין טיילכעל, וואָס איז פיזיש ניט מעהר צוטיילבאר, קענען מיר אין דמיון ווייטער פאָרטזעצען דעמזעלביגען פּראָצעס עד לאין סוף. די דאָזיגע מעשה אָבער מיינט ניט, אז מען קען *ווירקליך בעגרייפען* די אונענדליכע צוטיילבארקייט פון שטאָף; דאָס מיינט נור, זיך מאכען א *סימבאָלישען* בעגריף, וועלכער איז ניט בכח זיך אויסצואַרבייטען אין א ווירקליכען בעגריף און לאָזט זיך אויך ניט בעשטעטיגען אויף קיין אנדער אופן. באמת בעגרייפען די אונענדליכע צוטיילבארקייט פון שטאָף מיינט, נאָכגעהן די צוטיילונג אין דמיון ביז אין אונענדליכקייט אריין; אָבער דערצו וואָלט מען געדארפט האָבען אן אונענדליכע צייט. פערקעהרט ווידער, זאָגען אז שטאָף איז ניט צוטיילבאר אָהן א סוף, מיינט מאכען די בעהויפטונג, אז ער קען געבראכט ווערען צו אזא מדרגה פון קליינקייט, וואָס קיין בעגרייפליכער כח קען איהם שוין קלענער ניט צוטיילען; און אָט די השערה פון הוילע ווערטער קען אויך ניט מעהר פאָרגעשטעלט ווערען אין געדאנק איידער די פריהערדיגע. וואָרים אויב עס וואָלטען זיין אזעלכע טיילען, וואָלט דאָך יעדער איינער פון זיי געמוזט האָבען אן אויבען און אן אונטען, א רעכטע און א לינקע זייט, אקוראט ווי יעדער גרעסערער טייל. עס איז אָבער אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען איין זייט פון דעם דאָזיגען קלענסטען טייל אזוי נאָהענט צו דער אנדערער, אז מען זאָל גאָר ניט קענען בעגרייפען די מעגליכקייט פון א שניט־ליניע צווישען זיי; און ווי גרויס מען זאָל ניט משער זיין די קראפט וואָס האלט זיי צוזאמען, איז אלץ אונמעגליך אויסצושליסען די אידעע פון א גרעסערער קראפט, וועלכע קען בייקומען יענע. עס קומט אויף דעם אופן אויס, אז דער מענשליכער שכל קען ניט אָננעהמען איין השערה מעהר איידער די אנדערע; און פון דעסטוועגען איז דער

מענשליכער שכל געצוואונגען צו בעשליסען, אז איינע פון דיביידע השערות מוז דאך שטימען מיט די פאקטען.

היינט וויעדער, לאזענדיג אט די ניט־פערענטפערטע פראגע צורוה, לאמיר זיך פרעגען, צי האט גאר שטאף אין דער ווירקליכ־קייט אזא מין האפטיגקייט וואס פערנעהמט א שטח, ווי ער שטעלט זיך פאר אין אונזער בעוואוסטזיין. דער טייל רוים, וואס איז פער־נומען מיט א שטיק מעטאל, זעהט אויס אין אונזערע אויגען און פיהלט זיך צו די פינגער אין גאנצען אויסגעפילט: מיר זעהען בחוש א דורך־און־דורך הארטע מאסע, וואס האלט זיך צוזאמען אין איין שטיק. זאלען מיר דעריבער זאגען, אז די טיילען פון שטאף, סיי ער בעשטעהט פון אן אונענדליך־צוטיילבארען עלעמענט, סיי פון ענדליכע חלקים וואס לאזען זיך ניט מעהר צוטיילען, זיינען אומע־דום אין ווירקליכער בעריהרונג איינע מיט די אנדערע? בעהויפטען עפעס דערגלייכען מיינט אריינדרעהען זיך אין פערלעגענהייטען, פון וועלכע מען קען ניט ארויסקריכען. וואלט שטאף געווען אט אזוי לחלוטין סאליד פון איין שטיק, וואלט ער לחלוטין ניט געקענט ווערען, — וואס אין אמת'ן קען ער יא ווערען — צונויפגעדריקט; ווארים די אייגענשאפט פון קענען ווערען צונויפגעדריקט, אונטער וואס עס פערשטעהט זיך דאס נעהענטערע צונויפקומען זיך פון די טיילען, איז נישט דענקבאר, סיידען ווען צווישען די דאזיגע טיילען איז פאראן א ניט־פערנומענער פלאץ. און דאס איז נאך ניט אלץ. עס איז א פעסטגעשטעלטעווארהייט אין מעכאניקע, אז אויב א קערפער וואס בעוועגט זיך מיט א געוויסען אימפעט, קלאפט אב אנאנדער עהנליכען קערפער וואס ליעגט רוהיג, אויף אזא אופן, אז ביידע נעהמען זיך בעוועגען צוזאמען, וועט זייער פעראייניגטער אימפעט האבען נישט מעהר ווי א העלפט פון דער שנעלקייט, וואס דער אימפעט פון ערשטען קערפער האט געהאט. און עס איז א געזעץ וואס דער שכל איז מחיב, ווארים מען קען ניט בעגרייפען עס זאל ניט זיין אזוי, אז דורכגעהענדיג פון איין שטופע פון גרויס אין אנאנדער שטופע, מוזען אלע צווישענדיגע שטופען דורכגעגאנ־גען ווערען. דהיינו א קערפער וואס בעוועגט זיך, לאמיר זאגען,

מיט אן אימפעט 4, קען ניט ארונטערפאלען, ווען ער קלאפט זיך אב אן אנאנדער קערפער, אויף אן אימפעט 2, אוואו ער מאכט ניט דורך אלע מדרגות פון שנעלקייט צווישען 4 און 2. ווען אבער שטאף וואלט באמת געווען סאליד דורך און דורך, ווען זיינע טיילען וואלטען געשטאנען אין אבסאלוטער בעריהרונג און וואלטען לחלוטין ניט געקעט צוזאמענגעדריקט ווערען — יעמאלט וואלט אט דאס „געזעץ פון ניט־אונטערבראכענקייט", ווי מען רופט איהם, בטל געווארען יעדעס מאל, וואס עס קומט פאר א צוזאמענשטויס. ווארים בעת איינער פון אזוינע צוויי קערפער, וואס בעוועגט זיך מיט אן אימפעט 4, קלאפט אב דעם אנדערען, וואס ליעגט רוהיג, וואלט דער אימפעט פונ'ם אבקלאפען מוזען ארונטערפאלען מיט א מאל אויף אימפעט צוויי; ער וואלט מוזען דורכגעהן פון אימפעט 4 אויף אימפעט 2 ניט אוועקנעהמענדיג קיין שום צייט און ניט דורכגעהענדיג קיינע צווישענדיגע שטופען פון שנעלקייט; ער וואלט, הייסט עס, מוזען זיך בעוועגען אין זעלביגען מאמענט אי מיט אימפעט 4, אי מיט אימפעט 2, וואס עס איז אונמעגליך.

איז היות ווי די השערה, אז שטאף איז לחלוטין סאליד, לאזט זיך ניט האלטען, שטעלט זיך אונז פאר די ניוטאנישע השערה, לויט וועלכער שטאף בעשטעהט פון סאלידע אטאמען, וואס קומען ניט אין בעריהרונג איינע מיט די אנדערע, נור ווירקען איינע אויף די אנדערע דורך צוציהענדע און אבשטויסענדע קרעפטען, וועלכע זיינען פערשיידען לויט דעם מהלך צווישען זיי. אבער אננעהמען אט די השערה מיינט נור איבעררוקען די קשיא: דאס פראבלעם ווערט פשוט אריבערגעטראגען פון די צונויפגעשטעלטע שטיקער שטאף אויף די היפאטעטישע (השערה'דיגע) אטאמען. ווארים צוגעבענדיג אז דער שטאף, ווי מיר זעהען איהם בחוש, איז צונויפגעשטעלט פון אזוינע שטייפע, שטח־פערנעהמענדע איינצעל־טיילען, ארומגערינגעלט מיט לופט־קרייזען פון קראפט, שטעלט זיך נאך אלץ אויף די פראגע, ווי זיינען די דאזיגע איינצעל־טיילען גופא געבויט? מיר האבען קיין אנדער ברירה ניט, סיידען בעטראכטען יעדען אטאם אלס א בעזונדער שטיקעל שטאף. יעדער אטאם, אז מען קוקט אויף

איהם דורכ'ן מיקראָסקאָפּ פון שכל, איז אליין א שטיק סובסטאנץ פאר־זיך, אקוראט ווי די שטאָף־מאסע, ארום וועלכע מיר רעדען דא. מען קען שטעלען פונקט די זעלביגע פראגען מכח די טיילען, פון וועלכע יעדער אטאָם בעשטעהט, און מען טרעפט אָן פונקט די זעלביגע משקולות אויפ'ן וועג פון יעדען ענטפער. און דאָס איז דאָך קלאָר, אז אויב מען זאָל אפילו אָננעהמען, דאָס דער אטאָם בעשטעהט פון נאָך־קלענערע טיילען, וואָלט זיך די זעלביגע פראגע בעוויזען א טריט שפעטער; אויך וואָלט מען פון איהר ניט פטור געוואָרען אפילו אָננעהמעניג אן אונענדליכע רייהע פון אזעלכע השערות.

עס בלייבט אונז נאָך איבער באָסקאָוויטש'ס אויפפאסונג. זעהענדיג אז שטאָף קען ניט זיין, ווי לייבניטץ האָט גערעכענט, צונויפגעשטעלט פון מאָנאדען, וואָס פערנעהמען ניט קיין שטח, (היות ווי די צוזאמענשטעלונג פון אן אונענדליכער צאָהל פּונקטען וואָס האָבען ניט קיין שטח, קען קיינמאָל ניט געבען דעם שטח־פערנעהם וואָס שטאָף האָט); און דערזעהענדיג איינווענדונגען אנ־קעגען די מיינונג, וואָס ניוטאָן האָט געהאלטען, האָט באָסקאָוויטש פאָרגעשלאָגען א מיטען־וועג טעאָריע, וועלכע פעראייניגט, נאָך זיין מיינונג, ביידענס גוטע זייטען און מיידט אויס זייערע שוועריגקייטען. זיין טעאָריע איז, אז די טיילען פון שטאָף זיינען קראַפט־צענטערם — פּונקטען אָהן שטח, וועלכע ציהען צו און שטויסען אָב איינע די אנדערע אויף אזא ארט, וואָס מאכט זיי צו האלטען זיך אָבגעזונדערט אויף א בעשטימטען מהלך איינע פון די אנדערע. ער ארגומענטירט מאטעמאטיש, אז די קרעפטען, וואָס אזעלכע צענטערם פערמאָגען, וואָלטען קענען לויט דעם מהלך צווישען זיי זיך אזוי ענדערען, אז אונטער געוויסע אומשטענדען וועלען די צענ־טערם בלייבען אין א דויערהאפטיגען גלייכגעוויכט, אָבגעזונדערט דורך א בעשטימטען צווישען־רוים; און דאָך אונטער אנדערע אומ־שטענדען וואָלטען זיי דעם דאָזיגען צווישען־רוים קענען מאכען גרעסער אָדער קלענער. אָט די חקירה אָבער, ווי גאוניש זי איז ניט אויסגעארבייט, און וויפיעל זי זאָל ניט אויסמיידען פערשיידענע

שווערינקייטען, שטעלט אוועק אַ בעהויפּטונג, וועלכע קען בשום אופן ניט פאַרגעשטעלט ווערען אין געדאנק: זי דרעהט זיך אויס פון די אַלע אונבעגרייפליכקייטען, וועלכע מיר האָבען אויבען אָנגעוויזען, דורך דעם וואָס זי מישט זיי אַלעמען צוזאמען אין דער איין גרויסער אונבעגרייפליכקייט, מיט וועלכער זי פאָהרט ארויס פון אָנהויב אָן. א צענטער פון קראפט לחלוטין אָהן א שטח־פערנעהם איז אונדענקבאר: א חוץ א סימבאָלישען בעגריף פון דעם אונרעכטמעסיגען סאָרט, קענען מיר קיין בעגריף וואָס זאָל ענטשפּרעכען די דאָזיגע ווערטער זיך ניט מאַכען. די אידעע פון ווידערשטאנד קען אין געדאנק ניט אָבגעטיילט ווערען פון דער אידעע פון א שטח־פערנעהמיגען קערפּער, וועמעס ווידערשטאנד מען פיהלט. זיך משער זיין, אז עס קענען זיך געפינען צענטראַלע קרעפטען אין פונקטען, וואָס זיינען ניט אונענדליך קליין, נור זיי פערנעהמען ניט קיין שום שטח — פונקטען וואָס האָבען נור פּאָזיציאָן, און גאָר נישט וואָס זאָל אָנצייכענען זייער פּאָזיציאָן — פונקטען, וואָס מען קען ניט אין קיין פּרט אונטערשיידען פון אַנדערע פונקטען, וועלכע זיינען ניט קיין קראפט־צענטערס — זיך דאָס משער צו זיין איז לגמרי איבער די מענשליכע כחות.

מען קען אונז דאָ אפשר זאָגען: זאָל אפילו זיין אז אַלע השערות מכח דעם געבוי פון שטאָף פיהרען אונז, ווען מען ענטוויקעלט זיי לאָגיש, צו אונבעגרייפליכע שלוסען; דאָך אָבער האָבען מיר א גרונד צו דענקען, אז איינע פון זיי מוז פאָרט שטימען מיט די פאַקטען. הגם דער בעגריף, אז שטאָף בעשטעהט פון שטייפע, אונצוטיילבארע אטאָמען איז נישט מעהר ווי א סימבאָלישער בעגריף און קען ניט פאָלשטענדיג דורכגעפיהרט ווערען אין געדאנק, פון דעסטוועגען קען מען מיינען, אז ניט־דירעקט ווערט ער דאָך בעשטעטיגט דורך די ווארהייטען פון כימיע. די דאָזיגע ווארהייטען, טענה'ט מען, נויטען אונז צו האלטען די מיינונג, אז שטאָף בעשטעהט פון קליינע טיילכלעך, וועלכע האָבען ספּעציפישע געוויכטען, און בכן אויך ספּעציפישע מאָסען. דאָס אַלגעמיינע געזעץ פון „בעשטימטע פּראָפּאָרציעם" שיינט צו זיין אונמעגליך, אויסער

אין פאַל אויב עס עקזיסטירען ענדליכע אטאָמען; און הגם די בע־מיקער רופען אָן די פערבינדונגס־געוויכטען פון די פערשיידענע עלעמענטען מיט'ן נאָמען „עקוויוואַלענטען" (אויסגלייכונגען), כדי אויסצומיידען א ניט־זיכערע השערה, קענען מיר דאָך אנדערש ניט דענקען וועגען די פערבינדונגען פון אזוינע בעשטימטע געוויכטען, אויב מיר זיינען זיך ניט משער, אז די פערבינדונג קומט פאָר צווי־שען גאַנץ בעשטימטע צאָהלען פון בעשטימטע טיילכלעך. און וויבאַלד אזוי, קען עס אויסזעהן, אז דער ניוטאָנישער בליק האָט על כל פנים א יתרון איבער באָסקאָוויטש'ס בליק. באָסקאָוויטש'ס א תלמיד קען אָבער אויף דעם ענטפערען, אז אפילו ניוטאָן'ס היפּאָ־טעזע נעהמט אויך אריין זיין רבי'ס טעאָריע, אָהן וועלכער מען קען באמת גאָר ניט אויסקומען. „וואָס — קען ער פרעגען — האַלט צוזאַמען די טיילען פון די דאָזיגע „ענדליכע אטאָמען"? און דער צד שכנגד מוז ענטפערען: „א צוזאַמענהאַלטונגס־קראַפט".
„און וואָס אַן ערך — קען ער ווייטער פרעגען — האַלט צוזאַמען די טיילען פון אזוינע פּיצלעך, אויף וועלכע א גענוג־שטאַרקע קראַפט וואָלט געקענט צוברעכען די ענדליכע אטאָמען?" דער ענטפער מוז ווידער זיין — א צוזאַמענהאַלטונגס־קראַפט.
„און אויב אן ענדליכער אטאָם, קען ער ווייטער פרעגען, וואָלט צובראָכען ווערען, ווי מיר מעגען זיך פאָרשטעלען אין דמיון, אויף אזוינע קליינע פּיצלעך, אז לגבי דעם אטאָם זאָל יעדעס פּיצעל נישט מעהר בעטרעפען, ווי דער אטאָם גופא בעטרעפט לגבי א שטיק שטאָף וואָס מען קען אָנטאַפּען בחוש — וואָס וואָלט יעמאָלט גע־געבען יעדען טיילכעל די מעגליכקייט זיך צוזאַמען צו האַלטען און פערנעהמען רוים?" קיין אנדער ענטפער קען אליין ניט זיין, א חוץ — א צוזאַמענהאַלטונגס־קראַפט. מיר מעגען פיהרען דעם פּראָצעס אין געדאַנק ווי ווייט מיר קענען — ביז וואַנען דער שטח־פערנעהם פון די טיילכלעך וועט ווערען וועניגער איידער מען קען זיך פאָר־שטעלען — וועלען מיר אליין זיך ניט קענען אויסדרעהען פון מודה צו זיין, אז עס זיינען פאַראַן קרעפטען, דורך וועלכע דאָס דאָזיגע פּיצעל שטח־פערנעהם ווערט אויפגעהאַלטען; און מיר געפינען ניט

קיין גרעניץ וואו זיך אָבצושטעלען, ביז מיר קומען ניט צום בעגריף פון קראפט־צענטערס, וואָס פערנעהמען גאָר קיין שום שטח ניט.

מיר זעהען, הייסט עס, אז בנוגע זיין ענדליכער נאטור איז שטאָף לחלוטין אזוי אונבעגרייפליך ווי רוים און צייט. מיר מעגען בויען וואָסערע סברות מיר קענען, הויבט מען אָבער אָן אויסצו־פּאָרשען די פּונקטען וואוהין זיי פיהרען, געפינט מען, אז אלץ וואָס אונז בלייבט, איז די ברירה אויסצוקלייבען זיך איין אונזין אָדער אנאנדערען.

§ 17. נעהמט א קערפּער און טהוט איהם א שטופּ מיט'ן האנד, וועט איהר קלאָר זעהן, ווי ער ריהרט זיך פון אָרט און ווי ער געהט אין א בעשטימטער ריכטונג. לכתחילה קען דאָ, דאכט זיך, גאָר קיין מעגליכקייט פון א ספק ניט זיין, אז ער בעוועגט זיך אויף אן אמת'ן, אָדער אז ער געהט צו א געוויסען פּונקט. פון דעסט־וועגען איז לייכט צו בעווייזען ניט נור אז מיר קענען זיין, נור אז מיר זיינען געוועהנליך היבש אומגערעכט אין אָט די ביידע מיינונ־גען. אָט איז צום ביישפּיעל א שיף, וועלכע מיר וועלען זאָגען, כדי קלאָר צו מאכען דעם ענין. אז זי שטעהט געאנקערט ביים עק־וואטאָר, מיט'ן קאָפּ צו מעריב זייט צו. ווען דער קאפּיטאן שפּאַ־צירט פון פאָדער־טייל צום הינטער־טייל פון שיף, אין וועלכער ריכטונג בעוועגט ער זיך יעמאָלט? „אין מזרח זייט", איז דער ענטפער פון אויבען אויף — אן ענטפער, וואָס קען פאר דערווייל־ע דורכגעהן אָהן קריטיק. איצט האָט מען אויפגעהויבען דעם אנקער און די שיף זעגעלט אין מעריב זייט, לאָמיר זאָגען, מיט דער זעל־ביגער שנעלקייט, וואָס דער קאפּיטאן שפּאצירט. אין וועלכער ריכטונג בעוועגט ער זיך איצטער, ווען ער שפּאצירט פון פאָדער־טייל צום הינטער־טייל פון שיף? איהר קענט ניט זאָגען צו מזרח־צו, וואָרים די שיף טראָגט איהם אזוי שנעל צו מעריב, ווי שנעל ער שפּאצירט צו מזרח; און איהר קענט ניט זאָגען צו מעריב־צו, צוליעב דעם פּערקעהרטען טעם. אין שיכות צום רוים וואָס רינ־

נעלט איהם ארום, שטעהט ער אויף איין אָרט; הגם פאר די מענ־
שען אויפ'ן דעק שיף זעהט עס אויס ווי ער בעוועגט זיך. אָבער
זיינען מיר איצטער מיט דעם בעשלוס שוין גאָר זיכער? שטעהט
ער ווירקליך אויף איין אָרט? ווען מיר נעהמען אריין אין חשבון
די ערד'ס בעוועגונג ארום איהר אַקס געפינען מיר, אז אַנשטאַט
צו שטעהן אויף איין אָרט, מאכט ער גאָר א נסיעה פון אַן ערך
1000 מייל א שטונדע צו מזרח־צו; דאָס הייסט, אז ניט דאָס
זעהן בחוש פון דעם, וואָס קוקט אויף איהם, און ניט דער אויס־
פיהר פון דעם, וואָס נעהמט אריין אין חשבון די בעוועגונג פון שיף,
זיינען אפילו וויפיעל עס איז קרוב לאמת. אין אמת'ן גערעדט איז,
ווען מען טראכט זיך אריין א ביסעל טיעפער, אפילו אַט דער פער־
בעסערטער שלוס אויך ניט פיעל ריכטיגער. וואָרים מיר האָבען
פערגעסען אריינצונעהמען אין חשבון די בעוועגונג פון דער ערד
אין איהר רונדען שטעג ארום די זון. אזוי ווי דאָס גרייכט א קימא־
לן פון 68,000 מייל א שטונדע, קומט אויס, אַננעהמענדיג אז דאָס
פאסירט אין מיטען טאָג, אז ער בעוועגט זיך, ניט אַן ערך פון
טויזענד מייל א שטונדע צו מזרח, נור אן ערך פון 67,000 מייל א
שטונדע גאָר צו מעריב זייט צו! ניין, אפילו איצטער האָבען מיר
נאָך אויך ניט אויסגעפונען דעם ריכטיגען ערך און אמת'ן מאר־
שרוט פון זיין בעוועגונג. מיט דער ערד'ס פאָרווערטס־גאַנג אין
איהר רונדען שטעג מוזען מיר פערבינדען דעם גאנג פון גאנצען
זונען־סיסטעם אין דער ריכטונג פון דער קאָנסטעלאציע (שטערען־
צונויפשטעלונג) הערקולעס; און יעמאָלט זעהען מיר, אז ער בע־
וועגט זיך גאָר ניט צו מזרח און ניט צו מעריב, נור אין א ליניע,
וואָס איז געניינט צו דער פלעכע פון דעם עקליפטיק (דעם באהן
פון דער זון), און זיין שנעלקייט איז גרעסער אָדער קלענער (לויט
די צייט פון יאָהר) איידער די שנעלקייט, וואָס מיר האָבען פריהער
אָנגעגעבען. לאָמיר נאָך מוסיף זיין דערצו, אז אויב מיר וואָלטען
אין גאנצען געווען בעקאנט מיט דעם דינאמישען סדר פון אונזער
שטערען־סיסטעם, וואָלטען מיר מסתמא אויסגעפונען, אז די ריכ־
טונג און די שנעלקייט פון זיין ווירקליכער בעוועגונג זיינען א היבש

ביסעל אנדערש איידער אפילו די חשבונות וואָס מיר האָבען אָקאָרשט געמאכט.

דערפון זעהט מען גענוג קלאָר, ווי פעראירט עס זיינען אונ־זערע אידעען פון בעוועגונג. וואָס עס זעהט אויס אז עס בעוועגט זיך, ווערט בעוויזען אז עס שטעהט אויף איין אָרט; וואָס עס זעהט אויס, אז עס שטעהט אויף איין אָרט, ווערט בעוויזען אז עס בעוועגט זיך; בעת וואָס מיר בעשליסען, אז עס געהט שנעל אין איין ריכ־טונג, לאָזט זיך אויס, אז עס געהט גאָר א סך שנעלער אין דער פער־קעהרטער ריכטונג. און מיר לערנען זיך אָב דערפון, אז דאָס, פון וואָס מיר זיינען בעוואוסטזיניג, איז גאָר ניט די ווירקליכע בעוועגונג פון א וואָסער עס איז זאך, הן אין איהר שנעלקייט, הן אין איהר ריכטונג; וואָס דען? מיר ווייסען נור איהר בעוועגונג מעסטענדיג פון אן אָנגעצייכענטען פונקט: ענטוועדער פון דעם פלאַץ וואו מיר אליין שטעהען, אָדער פון א געוויסען אנדער פלאַץ. דאָך אָבער, בעת מעשה גופא וואָס מיר בעשליסען, אז די בעוועגונגען, וועלכע מיר זעהען, זיינען ניט די ווירקליכע בעווע־גונגען, זיינען מיר ממילא משער, אז עס זיינען פאראן ווירקליכע בעוועגונגען. כסדר אויסבעסערענדיג אונזערע מיינונגען בנוגע דעם מארשרוט אָדער דער שנעלקייט פון א קערפער, נעהמען מיר אָן אויף זיכער, אז עס איז פאראן א ווירקליכער מארשרוט און א ווירקליכע שנעלקייט — מיר נעהמען אָן אויף זיכער, אז עס זיינען פאראן אין רוים געוויסע פעסטגעזעצטע פונקטען, אין שיכות צו וועלכע אלע בעוועגונגען קענען זיך רעכענען פאר אבסאָלוטע; און מיר געפינען, אז עס איז גאָר אונמעגליך זיך צו בעפרייען פון אָט דעם געדאנק. פון דעסטוועגען קען מען דאָך פון אבסאָלוטער בעוועגונג אפילו קיין פאָרשטעלונג זיך ניט מאכען, ווער רעדט שוין וויסען. בעוועגונג פאר־זיך, ווי זי קומט פאָר אפארט פון יענע רוים־בעגרעניצונגען, וואָס מיר בעהעפטען מיט איהר על פי גע־וואוינהייט, איז לגמרי אונדענקבאר. וואָרים בעוועגונג מיינט ענ־דערונג פון פלאַץ; אין ניט־בעגרעניצטען רוים אָבער איז ענדע־רונג פון פלאַץ ניט בעגרייפליך, ווייל פלאַץ גופא איז יעמאָלט ניט

בעגרייפליך. פלאַץ קען מען נור בעגרייפען דורך די שיכות, וואָס איין פלאַץ האָט צו אנדערע פלעצער; ווען עס זיינען אָבער ניטאָ קיין זאכען פאנאנדערגעוואָרפען אין רוים, (וואָס זאָלען דיענען פאר סמנים אָבצוטיילען איין פלאַץ פון דעם אנדערען) קען מען א פלאַץ בעגרייפען נור דורך זיין שיכות צו די גרעניצען פון רוים. איז דערפון געדרונגען, אז אין אונבעגרעניצטען רוים איז פלאַץ ניט בעגרייפליך, וויל אלע פלעצער מוזען זיין גלייך־ווייט פון גרעניצען וועלכע עקזיסטירען ניט. עס קומט בכן אויס, אז אין דער זעלביגער צייט וואָס מיר זיינען געצוואונגען צו דענקען, אז עס איז פאראַן אן אבסאָלוטע בעוועגונג, געפינען מיר אז אבסאָלוטע בעוועגונג איז גאָר אונבעגרייפבאר.

נאָך א קלאָץ־קשיא שטעלט זיך אונז אויף, בעת מיר נעהמען בעטראכטען דאָס אריבערפיהרען פון בעוועגונג. די געוועהנהייט פערבלענדעט אונזערע אויגען בנוגע צו דער וואונדערליכקייט פון דער דאָזיגער ערשיינונג. זייענדיג בעקאנט מיט דעם פאקט פון קינדווייז־אָן, האלטען מיר עס גאָר ניט פאר מערקווירדיג, וואָס א בעוועגענדיגע זאך האָט בכח צו שאפען בעוועגונג אין א שטיל־שטעהענדיגע זאך. אָבער פערשטעהן די מעשה איז אונמעגליך. אין וועלכען פרט איז א קערפער, נאָכדעם ווי ער האָט געקריגען א שטויס, אנדערש ווי ער איז געוועזען פריהער איידער דעם שטויס? וואָס אזוינס איז איהם דאָ צוגעגעבען געוואָרען, וואָס ענדערט ניט, אויף וויפיעל מען קען עס זעהן בחוש, קיינע פון זיינע אייגענשאפטען, און דאָך גיט עס איהם די פעהיגקייט דורכצוגעהן רוים? אָט ליעגט־זיך א זאך רוהיג, און אָט נעהמט די זעלביגע זאך און בעוועגט זיך. אין דעם ערשטען צושטאנד האָט זי קיין נייגונג ניט צו בייטען איהר פלאַץ; אין דעם אנדער צושטאנד איז זי שוין גאָר געצוואונגען יעדע רגע צו פערנעהמען א נייע פּאָזיציע. וואָס איז עס אזוינס, וואָס וועט אייביג ארויסברייגגען אָט די ווירקונג און קיינמאָל זיך ניט אויסנעהמען? און ווי אזוי האלט זיך די קראפט אין דעם געגענשטאנד? די בעוועגונג, זאָגט איהר, איז איבערגעגעבען געוואָרען — אָבער ווי אזוי? וואָס איז איבער־

געגעבען געוואָרען? דער קערפּער, וואָס האָט א שטויס געטון, האָט ניט איבערגעגעבען קיין זאַך דעם קערפּער וועלכען ער האָט א שטויס געטון; און עס איז פּונקט אזוי ניט שייך צו זאָגען, אז ער האָט איהם איבערגעגעבען עפּעס אן *אייגענשאַפט*. איז וואָס פאַרט האָט ער איהם איבערגעגעבען?

מיר האָבען דאָ נאָך א מאָל דעם אלטען פלאָנטער מכח דער פערבינדונג צווישען בעוועגונג און רוה. מיר זעהען טאָג־טעגליך ווי די בעוועגונג פון זאכען, וועלכע מען האָט א שטויס געטון מיט'ן האנד אָדער אנדערסווי, ווערט ביסלעכווייז שוואכער און שוואכער, ביז עס הערט אויף גאָר אין גאנצען; און פּונקט אזוי אָפט זעהען מיר פערקעהרט די ענדערונג פון רוה צו בעוועגונג, וואָס קומט דורך די אָנוועגדונג פון קראפט. ריכטיג אָבער זיך פאָרשטעלען אָט די איבערגיינג אין געדאנק, געפינען מיר אז עס איז אונמעגליך. אין דער מעשה שטעקט דאכט זיך נויטיגערווייז אן איבערטרעטונג פונ'ם געזעץ פון ניט־אויפהערליכקייט; און דאָך איז קיין שום איבערטרעטונג פון איהם ניט בעגרייפליך. א קערפּער וואָס געהט מיט א געוויסען אימפּעט, קען ניט אָבגעשטעלט ווערען און בלייבען אין א צושטאנד פון רוה, פון אויס־אימפּעט, אוואו ער מאכט ניט דורך אלע צווישענדיגע שטופען פון שנעלקייט. אויפ'ן ערשטען קוק קען, דאכט זיך, קיין זאך ניט זיין לייכטער זיך פאָרצושטעלען ווי דאָס. עס איז גאנץ מעגליך צו דענקען ווי זיין בעוועגונג ווערט אונבעמערקבאר רק וועניגער און וועניגער, ביז עס ווערט אונענדליך קליין; און פיעלע וועלען דענקען, אז עס איז פּונקט אזוי מעגליך אריבערצוגעהן אין געדאנק פון אָט דער אונענדליך־קליינער בעוועגונג ביז גאָר קיין בעוועגונג ניט. אָבער דאָס איז א טעות. געהט נאָך אין געדאנק די רק־וועניגער ווערענדע שנעלקייט אזוי לאנג ווי איהר ווילט, און עס וועט אלץ בלייבען *וויפיעל עס איז* שנעלקייט. האלבירט אָבער און ווידער דעם גראַד בעוועגונג ביז אייביג, *עפּעס* בעוועגונג בלייבט אָבער אלץ; און צווישען די קלענסטע בעוועגונג און גאָר קיין־בעוועגונג ליעגט אן אָבגרונד, וועלכען מען קען ניט אריבערשפּרייזען. אזוי ווי אן „עפּעס", ווי

קליין ער זאָל ניט זיין, איז אונענדליך גרויס אין פערגלייך מיט א „גאָר־נישט“, אזוי איז אפילו די בעגרייפליך־קלענסטע בעוועגונג אונענדליך גרויס אין פערגלייך מיט רוה. — די פערלעגענהייטען, וויעדער, אין וועלכע מען געפינט זיך אין פערקעהרטען פאַל, ד. ה. ביים איבערגאנג פון רוה צו בעוועגונג, איז גאָר ניט נויטיג אויס־צורעכענען. די, אזוי ווי יענע, בעווייזען אונז, אז הגם מיר זיינען געצוואונגען צו דענקען, אז אזוינע ענדערונגען קומען בפועל ממש פאָר, קען מען אָבער די מעשה גופא, ווי אזוי די ענדערונגען קומען פאָר, ניט תופס זיין מיט'ן שכל.

מיר זעהען דערפון, אז מען קען קיין ווירקליכע קענטשאפט פון בעוועגונג ניט האָבען, סיי מען בעטראַכט זי אין פערבינדונג מיט רוים, סיי אין פערבינדונג מיט מאטעריע, אָדער ווען מען בע־טראכט זי אין פערבינדונג מיט רוה. אַלע אָנשטרענגונגען צו פער־שטעהן איהר עצם נאטור פיהרען נור צו געגענזייטיגע אונמעג־ליכקייטען פון דענקען.

§ 18. בעת מיר הויבען אויף א שטוהל, האַלטען מיר, אז די קראַפט וואָס איז דערויף פערטון געוואָרען, איז גלייך צו דער געגען־קראַפט, וועלכע ווערט אָנגערופען דאָס געוויכט פון שטוהל; און מיר קענען ניט דענקען אז דיביידע קרעפטען זיינען גלייכע,, סיידען מיר דענקען, אז זיי זיינען ביידע פון איין סאָרט, וואָרים גלייכהייט לאָזט זיך נור בעגרייפען צווישען זאכען, וואָס זיינען פון דער זעל־ביגער נאטור. מען קען די אקסיאָמע (פעסטען כלל), אז „ווירקונג און געגענווירקונג זיינען גלייך אין קראַפט און געגענגעזעצט אין ריכטונג“, וואָס מען בעווייזט געוועהנליך טאקע מיט אָט דעם ביי־שפיעל פון מוסקול־אָנשטרענגונג כנגד געוויכט, אויף קיין אַנ־דער אופן ניט בעגרייפען מיט שכל. דאָך, פערקעהרט רעדענדיג, איז עס אונמעגליך, אז די קראַפט ווי זי געפינט זיך אין שטוהל זאָל ווירקליך זיין עהנליך צו דער קראַפט, וואָס שטעהט פאר אונזער גע־דאנק. עס איז קוים נויטיג אָנצו־ווייזען, אז דאָס געוויכט פון שטוהל רופט אין אונז ארויס פערשיידענע עמפינדונגען לויט נאָך

דעם ווי מיר האלטען איהם, צי מיט איין פינגער, צי מיט דער גאנ־צער האנד, אָדער מיט׳ן פוס; עס איז איבעריג צו ארגומענטירען אויף דעם סמך, אז וויבאלד די קראפט פון שטוהל קען ניט זיין גלייך צו דער קראפט פון אָט די אלע עמפינדונגען, איז ניטאָ קיין גרונד צו גלויבען, אז זי איז גלייך אפילו צו איינע פון זיי. עס איז נור געגוג צו בעמערקען, אז וויבאלד די קראפט, ווי זי איז אונז בעקאנט, איז אן איינדרוק פון בעוואוסטזיין, קענען מיר ניט בעגרייפען ווי אזוי די דאָזיגע קראפט זאָל אין דער זעלביגער פאָרם קענען עקזיסטירען אין דעם שטוהל, און איהם ניט מזכה זיין מיט בעוואוסטזיין. עס קומט אויס, אז דענקען וועגען קראפט אלס א זאך, וועלכע אין איהר עצם איז עהנליך צו דער עמפינדונג וואָס מיר האָבען פון איהר, איז אן אונזין; און דאָך מוז מען אזוי דענקען פון איהר, אויב מיר האָבען פון איהר איבערהויפּט א פאָרשטעלונג אין בעוואוסטזיין.

היינט ווי קענען מיר ווידער א מאָל פערשטעהן די פערבינ־דונג צווישען קראפט און שטאָף? שטאָף איז אונז בעקאנט נור דורך זיינע קראפט־ערשיינונגען; אונזער לעצטע פראָבע פון שטאָף איז זיין כח פון ווידערשטאנד: נעהמט אוועק זיין ווידערשטאנד־האפטיגקייט און עס בלייבט גאָרנישט א חוץ א לעדיגער פערנעהם פון שטח. און דאָך, פון דער אנדער זייט, איז ווידערשטאנד־האפ־טיגקייט אליין, אָבגעזונדערט פון שטאָף, ד. ה. פון עפּעס, וואָס האָט א שטח־פערנעהם, פונקט אזוי ניט־דענקבאר. ניט נור איז עס אונמעגליך, ווי מיר האָבען אויפגעוויזען מיט עטליכע בלעטלעך פריהער, זיך פאָרצושטעלען קראפט־צענטערס וואָס האָבען ניט קיין שטח־פערנעהם; נור עס איז אויך געדרונגען פון דעם, אלס אן אונ־פערמיידליכער שלוס, אז מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען קיין קראפט־צענטערס, סיי זיי האָבען א שטח־פערנעהם, סיי זיי האָבען ניט קיין שטח־פערנעהם, וועלכע ציהען צו און שטויסען אָב אנ־דערע אזעלכע צענטערס פון דער ווייטען, אָהן די פערמיטלונג פון א וועלכען עס איז סאָרט שטאָף. מיר מוזען דאָ בעמערקען, וואָס מיר האָבען פריהער, רעדענדיג וועגען שטאָף, ניט געקענט טון,

ווייל דאן וואלט עס געהייסען פערכאפען אין פאראוים, אז אי ניו־טאן׳ס אי באסקאוויטש׳עס היפאטעזען ליידען פון דעם פעהלער, וואס זיי זיינען משער, אז איין זאך קען ווירקען אויף דער אנדערער אין אן אבסאלוט לעדיגען רוים — א השערה, וועלכע קען ניט פאר־געשטעלט ווערען אין געדאנק. אמת טאקע, דער פעהלער ווערט פערריכט דערמיט, וואס מען ברייננגט אריין די נייע השערה, אז עס עקזיסטירט אזא מין פליסיגקייט צווישען די אטאמען אדער צענטערס. אבער דאס פראבלעם איז דערמיט ניט געלעזט: עס איז נור אביסעל אבגעשטופט, און עס בעווייזט זיך גלייך וויעדער, ווען מען הויבט אן חוקר ודורש זיין די צונויפשטעלונג פון דער דאזיגער פליסיגקייט גופא. ווי זעהר אונמעגליך עס איז בייצו־קומען די קשיא, וואס די איבערטראגונג פון קראפט אין רוים רופט ארוים, קען מען זעהן בעסער ווי אומעדום ביי די אסטראנאמישע קרעפטען. די זון ווירקט אויף אונז אויף אזא אופן, וואס רופט אין אונז ארוים די עמפינדונג פון ליכט און היץ; און מיר האבען אויסגעפונען, אז צווישען די סבה, וואס עקזיסטירט אין דער זון און די ווירקונג, וואס מיר ערפאהרען דא אויף דער ערד, געהט אוועק א משך פון ארום אכט מינוט צייט: פון וואנען עס ווערען אונפערמיידליך געשאפען אין אונז די בעגריפען אי פון א קראפט, אי פון א בעוועגונג. דאס הייסט, דער תירוץ פאר וואס מיר נעה־מען אן די סברא פון א ליכט־שטראהלענדען עטהער, איז ניט נור דער פאקט, וואס מען קען ניט בעגרייפען אז קראפט זאל קענען אויסגעאיבט ווערען דורך א מהלך פון 95 מיליאן מייל פון אבסא־לוטער לעערקייט, נור אויך דערפאר, וואס מען קען ניט בעגרייפען קיין בעוועגונג, ווען עס איז ניטא קיין זאך וואס זאל זיך בעוועגען. דאס אייגענע איז אויך בנוגע גראוויטאציאן. ניוטאן האט בע־שריבען ווי ער אליין איז ניט געווען ביכולת צו דענקען, אז די צו־ציהונג פון איין קערפער צו אנאנדערען זאל קענען פארקומען וואו עס איז ניטא קיין פערמיטלער צווישען זיי. לאמיר אבער איצטער פרעגען, אויף וויפיעל ווייטער שטעהען מיר בעת אפילו מיר נעה־מען שוין יא אן די סברא פון א פערמיטלער צווישען זיי? אט דער

עטהער, וועמעס הין־און־הער בעוועגונגען מאכען, לויט דער אָנגע־נומענער היפּאָטעזע, היץ און ליכט, און וועלכער איז דער הילפס־מיטעל פון גראוויטאציאָן — ווי אזוי איז ער געבויט? מיר מוזען איהם בעטראכטען, אזוי ווי די פיזיקער בעטראכטען איהם טאקע, אלס א זאך וואָס איז צונויפגעשטעלט פון אטאָמען, וואָס ציהען צו און שטויסען אָב איינע די אנדערע — זיי מעגען זיך זיין אונענדליך קליין אין פערגלייך מיט די אטאָמען פון געוועהנליכען שטאָף, אָבער דאָך אטאָמען זיינען זיי. און געדענקענדיג, אז דער עטהער האָט ניט קיין געוויכט, מוזען מיר דערפון שליסען, אז דער ערך פון ווייטקייט צווישען די אטאָמען און זייערע צווישען־רוימען איז אָהן א שיעור גרעסער, איידער אין אנאנדער שטאָף וואָס האָט גע־וויכט; וואָרים אז ניט, וואָלט ניט געווען אזא גרויסער חלוק אין דעם ערך פון זייער געדיכטקייט. הייסט עס, אז אָנשטאָט א די־רעקטע ווירקונג פון דער זון אויף דער ערד אָהן א שום צווישען־זאך, האָבען מיר איצט צו בעגרייפען די ווירקונג פון דער זון, וואָס גיט זיך איבער דורך א פערמיטלונג, וועמעס מאָלעקולען זיינען וואהרשיינליך אזוי קליין אין פערגלייך מיט'ן רוים וואָס געפינט זיך צווישען זיי, ווי די זון און די ערד זיינען קליין אין פערגלייך מיט זייער צווישען־רוים. אין אנדערע ווערטער: מיר זיינען מחויב צו בעגרייפען, ווי אָט די אונענדליך קליינע מאָלעקולען ווירקען איינע אויף די אנדערע אין אבסאָלוט לעערע צווישען־רוימען, וועלכע זיינען אונגעהויער גרויס אין פער־גלייך מיט דער גרויס פון די מאָלעקולען אליין. היינט ווי אזוי איז אָט דער בעגריף לייכטער פאר דעם אנדערען? מיר מוזען דאָך אלץ זיך פאָרשטעלען אין געדאנק א קערפּער, וואָס ווירקט דאָרט וואו ער איז ניטאָ, און וואו עס איז קיין אנדער זאך ניטאָ, וואָס זאָל קענען אריבערפיהרען זיין ווירקונג — איז וואָס מאכט עס אוים צי אזא מעשה קומט פאָר אויף א גרויסען אָדער א קליינעם מאָסשטאב?

מיר זעהען דערפון, אז די אויסאיבונג פון קראפט איז א מעשה,

וואס איז ארום־און־ארום ניט קלאר. מיר קענען דאס זיך ניט פאר־שטעלען אנדערש ווי על פי פערמיטלונג פון עפעס א זאך וואס פערנעהמט א שטח; און ווען מיר האבען זיך שוין משער געווען אט דעם „עפעס", געפינען מיר אויס, אז די שוועריגקייט איז ניט בעזייטיגט געווארען, נור אבגעלעגט אויף שפעטער. מיר זיינען געצוואונגען צו בעשליסען, אז שטאף — סיי געוויכטיגער, סיי ניט־געוויכטיגער, סיי אין א צונויפגעשטעלטער פארם, סיי אין דער פארם פון היפאטעטישע איינצעלטיילען — ווירקט אויף שטאף דורך אן אבסאלוט לעערען רוים; און דאך איז אזא בעשלוס פאזי־טיוו אונדענקבאר.

נאך א זאך, וואס איז שווער צו בעגרייפען — וואס לויט איהר נאטור נאך איז זי דער היפך פון דער פריהערדיגער, אבער פונקט אזוי שווער בייצוקומען — מוז מען דא נאך צולעגען. אויב פון איין צד איז אונמעגליך צו זעהן מיט'ן שכל, ווי אזוי שטאף ווירקט אויף שטאף דורך זעהר א גרויסען צווישען־רוים וואס איז אבסאלוט לעער, איז פון דעם אנדער צד אונפערשטענדליך, ווי אזוי די צו־ציהונג פון איין ברעקיל שטאף צו אנאנדערען, און צו אלע אנדערע, זאל קענען זיין לחלוטין די זעלביגע, סיי דער רוים וואס צווישען זיי איז אנגעפילט מיט שטאף, סיי ניט. אט נעהם איך למשל און הויב אויף פון דר'ערד א פונט געוויכט, און האלט עס אין האנד. זאל מען איצט, אין דעם לעערען רוים וואס געפינט זיך צווישען דער ערד און דעם פונט געוויכט, אנלעגען א מאסע שטאף פון וועל־כען עס איז סארט וואס קען נור געבען און אין וואס פאר א צו־שטאנד איהר ווילט — היים אדער קאלט, פליסיג אדער געדיכט, דורכזיכטיג אדער פינסטער, לייכט אדער שווער — וועט עס אויף דער גראוויטאציאן פון דעם פונט געוויכט קיין שום איינדרוק ניט מאכען. די גאנצע ערד, אזוי גוט ווי יעדער איינצעל טייל פון דער אונענדליכער צאהל טיילכלעך וואס שטעלען צונויף די ערד, ווירקט אויף דעם פונט געוויכט לחלוטין אויפ'ן זעלביגען אופן, סיי ווען עס ליעגט עפעס צווישען, סיי ווען עס ליעגט גאר ניט צווישען. דורך אכט טויזענד מייל פון דער ערד'ס דיקקייט ווירקט יעדער

מאַלעקול, וואָס געפינט זיך ביי דיביידע אנטיפּאָדען (עקען וועלט), אויף יעדען מאַלעקול פון דעם געוויכט וואָס איך האלט אין האנד, לגמרי אָהן אַ שום חילוק, צי דער רוים צווישען זיי איז פול, צי ליידיג. עס הייסט, אז יעדער טייל שטאָף, ווען ער האָט צו טון מיט ווייטע טיילען, בעהאנדעלט ער די טיילען, וואָס געפינען זיך צווי־שען, ווי זיי וואָלטען פאר איהם גאָר ניט עקזיסטירט; אין דער זעל־בער צייט אָבער רעכענט ער זיך מיט זיי דוקא זעהר פּינקטליך, ווען ער האָט מיט זיי צו טון דירעקט. מיר מוזען אויף דעם אופן בע־טראכטען די גראוויטאציאָן ווי א קראפט, פאר וועלכער יעדע זאך אויף דער וועלט איז אין דער אייגענער צייט פאָלקאָם טונקעל בשיכות צו זיך אליין און פאָלקאָם דורכזיכטיג בשיכות צו אלע אנדערע זאכען.

הייסט עס, אזוי ווי עס איז אונמעגליך צו מאכען זיך א אידעע פון קראפט „אַן און פיר זיך", פּונקט אזוי איז עס אונמעגליך צו בעגרייפען דעם אופן, אויף וועלכען זי ווערט אויסגעאיבט.

§ 19. לאָמיר איצט זיך א קעהר טון פון דער אויסערליכער צו דער אינערליכער וועלט און בעטראכטען, ניט די כחות וואָס זיינען ממונה אויף אונזערע סוביעקטיווע ענדערונגען, נור די סוב־יעקטיווע ענדערונגען גופא. אָט די ענדערונגען שטעלען צונויף א סעריע. ווי שווער עס זאָל ניט זיין קלאָר אָבצוזונדערען יעדע ענ־דערונג פון די אנדערע און זיי אלעמען בעטראכטען ביחידות, איז עס פון דעסטוועגען גאָר קיין פראגע ניט, אז די צושטענדען פון אונזער בעוואוסטזיין קומען פאָר כסדר איינע נאָך די אנדערע.

איז אָט די קייט פון בעוואוסטזיינס־צושטאנדען אונענדליך אָדער ענדליך? אונענדליך קענען מיר ניט זאָגען; ניט נור ווייל מיר זיינען אויף אַ ניט־דירעקטען אופן געקומען צום שלוס, אז עס איז געווען א צייט, ווען די קייט האָט זיך אָנגעהויבען, נור אויך דערפאר, ווייל אלע אונענדליכקייטען זיינען אונבעגרייפליך, ובתוכם — אויך אַן אונענדליכע סעריע. מיר קענען אויך ניט זאָגען ענדליך, וואָרים מיר האָבען קיין ידיעה ניט וועגען קיינע

פון איהרע ענדען. מיר מעגען זוכען אין זכרון אזוי וויט צוריק ווי מיר קענען, האָבען מיר אַלץ ניט ביכולת צו אידענטיפיצירען (זאָגען כי הוא זה) אונזערע ערשטע צושטאנדען פון בעוואוסטזיין: די פּערספּעקטיווע פון אונזערע געדאנקען פערשווינדעט אין א מאַ־טעווער טונקעלקייט, אין וועלכער מען קען קיין טאָלק ניט דער־געהן. דאָס אייגענע אויך ביי דעם אנדער ברעג. מיר האָבען ניט קיין דירעקטע ידיעה מכח אן אָבשטעל פון דער סעריע ווען עס איז אין דער צוקונפט; און מיר קענען ניט ווירקליך אָנכאפּען דעם צייטווייליגען אָבשטעל פון דער סעריע וואָס פּאסירט אין איצטיגען מאָמענט. וואָרים דער צושטאנד פון בעוואוסטזיין, וועלכען מיר דערקענען אלס אונזער לעצטען, איז אין אמת'ן ניט אונזער לעצ־טער. כדי מען זאָל קענען בעטראַכטען א וועלכען עס איז גייס־טיגען איינדרוק אלס איינער פון דער סעריע, מוז ער ארויסגערופען ווערען אין זכרון, ד. ה. ער מוז פּ אָ ר ג ע ש ט ע ל ט ווערען, ניט סתם ג ע ש ט ע ל ט ווערען פאר'ן געדאנק. דער אמת'ער לעצטער צושטאנד איז דער, וואָס פערגעהט בעת מעשה גופא פון בעטראַכ־טען א צושטאנד, וועלכער איז אָקאָרשט פּאַראיבער — דער צו־שטאנד, בעת מיר דענקען וועגען דעם פריהערדיגען אלס דעם לעצ־טען. אָט אזוי זעהט מען, אז דער נאָהענטער ברעג פון דער קייט ווייכט אונז אויס, אזוי גוט ווי איהר ווייטער ברעג.

מען קען אפשר דערויף זאָגען: „זאָל טאקע זיין אז מיר קענען דירעקט ניט ו ו י ס ע ן צי אונזער בעוואוסטזיין האָט א סוף, ווייל מען קען בפועל ממש ניט גרייכען קיינע פון זיינע גרעניצען, אָבער ב ע ג ר י י פ ע ן אז ער האָט א סוף קענען מיר פון דעסטוועגען גאַנץ גוט". ניין, אפילו דאָס איז ניט אמת. ערשטענס, קענען מיר טאקע פונקט אזוי וועניג ב ע ג ר י י פ ע ן (קאָנצעפּטירען) די ברעגען פון דעם איינציגען בעוואוסטזיין וועלכען מיר קענען, ד. ה. אונזער אייגענעם, ווי מיר קענען בחוש אָ נ ג ר י י פ ע ן (פּער־צעפּטירען) זיינע ברעגען. וואָרים אין אמת'ן זיינען דאָ די ביידע אקטען אַלץ איינס. סיי אין איין פאַל, סיי אין דעם אנדערען, מוזען די דאָזיגע ברעגען, ווי געזאָגט, פּ אָ ר ג ע ש ט ע ל ט ווערען, ניט

געשטעלט ווערען פאר'ן געדאנק; און פאַרגעשטעלט ווערען מוזען זיי ווי בעת מעשה וואָס זיי קומען פאָר. אָבער פאַרשטעלען די ענדע פון בעוואוסטזיין ווי זי קומט פאָר אין אונז גופא, מיינט אז מיר מוזען דענקען וועגען זיך, ווי מיר זיצען און בעטראכטען דאָס אויפהערען פון דעם לעצטען צושטאנד פון בעוואוסטזיין; און טראכטען וועגען דעם געוועזענעם לעצטען, אננעהמען, הייסט עס, אז עס איז נאָך דאָ בעוואוסטזיין נאָכדעם ווי ער איז אוועק, איז אן אונזין. צווייטענס, ווען מיר קוקען אויף דער זאך אָביעקטיוו — ווען מיר שטודירען די ערשיינונג אין אבסטראקט, אָדער ווי זי קומט פאָר ביי אנדערע — געפינען מיר זיך אויך אין דער זעלבער פערלעגענהייט. בעוואוסטזיין מיינט — שטענדיגע ענדערונג און שטענדיגע אויפשטעלונג פון שיכות'ן צווישען זיינע בסדר־קומענדע געשטאלטען און פאָרמען. קיין גייסטיגער איינדרוק קען איבערהויפּט ניט זיין בעקאנט, אוואו מען קען איהם ניט אלס אזוינער און אזוינער, ד. ה. אלס אזוינער וואָס איז עהנליך, אָדער וואָס איז ניט עהנליך צו די פריהערדיגע איינדרוקען. אויב מען דענקט ניט וועגען איהם אין פערבינדונג מיט אנדערע איינדרוקען — אויב מען זוכט ניט קיינע חלוקים אָדער עהנליכקייטען צווישען איהם און אנדערע — הייסט ניט אז מען קען איהם, עס הייסט, אז ער איז דאן גאָר אין גאנצען ניט קיין צושטאנד פון בעוואוסטזיין. א לעצטער צושטאנד פון בעוואוסטזיין, ווי יעדער אנדער בעוואוסטזיינס־צושטאנד, קען עקזיסטירען נור דורך א בעגרייפונג פון זיינע שיכות'ן צו פריהערדיגע צושטאנדען. אָבער אָט אזא בעגרייפונג פון זיינע שיכות'ן מוז שאפען א צושטאנד וואָס איז שפּעטער פאר דעם שפּעטסטען, הייסט עס א ווידערשפּרוך. אָדער לאָמיר שטעלען די קשיא אין אנאנדער פאָרם: אויב בעוואוסטזיין קען עקזיסטירען נור בתנאי ווען זיין צושטאנד ענדערט זיך אָהן אן אויפהער, איז בעת עס איז אָנגעקומען דער געמיינטער לעצטער צושטאנד דורך דעם וואָס עס האָט זיך געענדיגט די פריהערדיגע ענדערונג, הערען שוין אויף די ענדערונגען; הייסט עס, בעוואוסטזיין האָט אויפגעהערט; הייסט עס, אז דער

געמיינטער לעצטער צושטאנד איז גאר אין גאנצען ניט קיין צו־שטאנד פון בעוואוסטזיין; הייסט עס, אז עס קען איבערהויפט גאר ניט זיין קיין לעצטער צושטאנד פון בעוואוסטזיין. בקיצור, עס איז די זעלבע פערלעגענהייט אין וועלכער מיר האבען זיך געפונען בנוגע צו דער שיכות פון בעוועגונג און רוה. פונקט ווי מיר האבען געפונען, אז עס איז אונמעגליך ווירקליך צו בעגרייפען ווי אזוי פון בעוועגונג ווערט רוה און פון רוה בעוועגונג, אזוי אויך גע־פינען מיר דא, אז עס איז אונמעגליך ווירקליך צו בעגרייפען סיי דעם אנהויב, סיי דעם אויסלאז פון יענע ענדערונגען, וועלכע שטעלען צונויף בעוואוסטזיין.

דערפון זעהט מען, אז פונקט ווי מיר קענען ניט גלויבען אדער בעגרייפען, אז די דויערהאפטיגקייט פון בעוואוסטזיין איז אונענד־ליך, אזוי זיינען מיר אויך ניט בכח איהם צו קענען אדער בעגריי־פען בתורת ענדליך.

§ 20. מיר האבען אויך ניט קיין גרעסערען ערפאלג, ווען אנשטאט דעם צייט־פערנעהם פון בעוואוסטזיין, נעהמען מיר זיך בעטראכטען זיין עצם. די פראגע: וואס איז עס, וואס דענקט? לאזט זיך ניט בעסער פערענטפערען איידער די פראגע, וואס מיר האבען אקארשט בעהאנדעלט, און פאר וועלכע מיר האבען קיין אנדערע א חוץ אונבעגרייפליכע ענטפערען ניט געפונען.

יעדען איינצעלנעם'ס עקזיסטענץ, ווי ער אליין פיהלט עס, איז תמיד געווען פערערכענט ביי דער גאנצער מענשהייט פאר די זיכערסטע פון אלע וואהרהייטען. דאס ווערטעל: „איך בין אזוי בטוח אין דעם, ווי איך בין בטוח אז איך עקזיסטיר", איז אין גע־וועהנליכען רעדען דער שטארקסטער אויסדרוק פון זיכערקייט. דער פאקט פון פערזענליכער עקזיסטענץ, פאר וועמען דער כלל־בע־וואוסטזיין פון אלע מענשען זאגט עדות, איז געמאכט געווארען פאר דעם פונדאמענט פון פערשיידענע פילאזאפיען; מען קען דע־ריבער ציהען דערפון דעם שלוס, אז סיי די דענקער, סיי דער המון האלטען איהם פאר דעם זיכערסטען פון אלע פאקטען.

דער גלויבען אין דער אייגענערווירקליכקייט **איז אין אמת'ן** א גלויבען, פון וועלכען מען קען זיך דורך קיין היפּאָטעזע ניט אָב־רייסען. וואָס פאר א מיינונג אָבער זאָלען מיר האלטען מכח די אידעען און איינדרוקען, וואָס קומען כסדר איינע נאָך די אנדערע, און וועלכע שטעלען צונויף דאָס בעוואוסטזיין? זאָלען מיר זאָגען, אז זיי זיינען די איינדרוקען פון עפּעס, וואָס מען רופט אָן ג ײ ס ט, וועלכער, אלס דער סוביעקט וואָס רופט זיי ארויס, איז דער אמת'ער ע ג אָ, דער ווירקליכער „איך"? אויב מיר זאָגען **דאָס, גיבען** מיר בפירוש צו פערשטעהן, אז דער „עגאָ" איז א ממשות, א זאך פאר־זיך. זאָלען מיר ווידער מאכען די בעהויפּטונג, אז די איינדרוקען און אידעען זיינען ניט בלויז די אויבערפלעכליכע ענדערונגען, וואָס דרוקען זיך אָב אויף אזא מין דענקונג־סובסטאנץ, נור **אז זיי אליין** זיינען דער חומר פון דעם דאָזיגען סובסטאנץ; ד. ה. זיי אלע צו־זאמען זיינען די געענדערטע פאָרמען, אין וועלכע ער געשטאלטעט זיך אלע וויילע? די השערה, ווי די פריהערדיגע, שליסט אויף איין דעם געדאנק, אז דער „איך" עקזיסטירט אלס בעשטענ־דיגע, אָבגעזונדערטע זאך פאר זיך; וואָרים די ווערטער: ז ײ ן חומר, ז ײ נ ע געענדערטע פאָרמען, שליסען על פי נויט איין דעם געדאנק פון עפּעס א זאך, וואָס ווערט געענדערט. זאָלען מיר דע־ריבער זיך אוועקשטעלען אויף דעם סקעפּטיקער'ס פּאָזיציע און אר־גומענטירען, אז מיר ווייסען פון גאָרנישט אחוץ אונזערע איינדרו־קען און אידעען — אז נור זיי אליין עקזיסטירען פאר אונז, און אז די פּערזענליכקייט, אויף וועלכער, מען זאָגט, זיי זיינען געבויט, איז נישט מעהר ווי א פיקציע, אן אויסגעטראכטע מעשה? זיינען מיר אָבער אפילו אויף דעם אופן אויך גאָר ניט געהאָלפען; ווייל אָט די סברא, וועלכע איז אין דער ווירקליכקייט ניט דענקבאר, דיגם זי איז אויסגעדריקט אין פערשטענדליכע ווערטער, נעהמט אליין אָן די זעלבע השערה, וואָס זי טרעט ארויס אָבצולייקענען. וואָרים ווי אזוי קען בעוואוסטזיין בעשטעהן אין גאנצען פון איינ־דרוקען און אידעען, ווען אן איינדרוק שליסט נויטיגערווייז איין אן עפּעס, וואָס ווערט בעאיינדרוקט? און ווידער, ווי אזוי קען

דער סקעפּטיקער, וועלכער האָט פּאָנאנדערגענומען זיין בעוואוסט־זיין אויף איינדרוקען און אידעען, דערקלעהרען דעם פאקט וואָס ער בעטראכט זיי פאר ז י י נ ע איינדרוקען און אידעען? און נאָך א מאָל, אויב ער איז מודה, ווי ער מוז מודה זיין, אז ער האָט אַן איינדרוק פון זיין אייגענער, פּערזענליכער עקזיסטענץ, איז וואָס פאר א רעכט האָט ער אוועקצו־וואַרפען אָט דעם איינדרוק אַלס ניט קיין ווירקליכען, בעת ער נעהמט אָן אלע זיינע אנדערע איינ־דרוקען פאר יאָ ווירקליכע? ביז וואנען ער וועט ניט געבען קיין ריכטיגע תירוצים אויף אָט די שאלות, — און ער קען אויף זיי ניט געבען קיין ריכטיגע תירוצים — וועט ער מוזען אוועקוואַרפען זיינע בעשלוסען, און וועט מוזען מודה זיין אין די ווירקליכקייט פון דעם אינדיווידועלען גייסט.

נאָך אלעם דעם אָבער, ווי אונפערמיידליך אָט דער גלויבען זאָל **ניט זיין**,—הגם ער איז פעסטגעשטעלט, ניט נור דורך די איינ־שטימונג פון דער מענשהייט בכלל און דורך די ערבות פון אלערליי פילאָזאָפען, נור אויך דורך דעם, וואָס דעם סקעפּטיקער'ס ארגו־מענטען הרג'נען זיך אליין אוועק — פון דעסטוועגען איז עס פּאָרט א גלויבען, וואָס האָט ניט קיין בערעכטיגונג פון שכל; ניין, אדרבא פערקעהרט, ווען מען דריקט דעם שכל שטארק־צו און מען פּאָדערט פון איהם א קלאָרען ענטפער, פערוואַרפט ער דעם דאָזיגען גלויבען גאָר אין גאנצען. איינער פון די נייעסטע שרייבער, וואָס האָט בעריהרט די דאָזיגע פראגע — הערר מאנסעל — טענה'ט דוקא יאָ, אז אין דעם בעוואוסטזיין פון דעם אייגענעם „איך" פערמאָגען מיר עפּעס, וועגען וואָס מיר קענען ווירקליך זאָגען, אז מיר ווייסען. ער האלט, אז אין דעם פּרט קען מכח דער ריכטיגקייט פון דירעק־טער אינטואיציאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, און ער מאכט די בעמער־קונג: „לאָזען די פילאָזאָפישע סיסטעמען־מאכערס זאָגען וואָס זיי ווילען, דער ניט־פערשפּיצטער שכל פון דער מענשהייט ענטזאגט זיך צו האלטען, אז גייסט איז נישט מעהר ווי א פּאַק בעוואוסט־זיינס־צושטאנדען, אלהי ווי שטאָף איז (א סברא) א פּאַק אייגענ־

שאפטען, וועלכע מען פיהלט מיט די חושים". אויף אזא פּאָזיציע קען מען אפילו פון אויבען אויף זאָגען, אז זי איז גאָר ניט זעהר קאָנסעקווענט (לשטתו) פאר א קאנטיאנער, וועלכער שענקט דוקא קנאפּע אכטונג דעם „ניט־פערשפּיצטען שכל פון דער מענשהייט", בעת ער, דער שכל, זאָגט עדות, אז רוים עקזיסטירט אָביעקטיוו. אָבער שוין לאָזענדיג דאָס געהן, קען מען לייכט בעווייזען, אז אָט די זעלבסט־קענטניס, ווי דער ריכטיגער נאָמען איז דערפאר, ווערט אבסאָלוט אָבגעווייזען (אוועקגעשטעלט בכלל לאו) פון די גרעסטע פון דענקען. דער גרונד־תנאי פאר יעדען בעוואוסטזיין, אויף וועלכען מאנסעל צוזאמען מיט סער וויליאם האמילטאָן און אנדערע בע־שטעהען אזוי שטארק, איז די אנטי־טעזע (דער געגענזאץ) פון סוביעקט און אָביעקט. אויף אָט דעם „פּרימיטיווען דואליזם פון בעוואוסטזיין, פון וועלכען אלע פילאָזאָפישע ערקלעהרונגען מוזען זיך אָנהויבען", בעגרינדעט טאקע הער מאנסעל זיין ווידערלעגונג פון די דייטשע אבסאָלוטיסטען. צו וועלכען שלום אָבער פיהרט אונז אָט די לעהרע בנוגע דעם פּרט פון זעלבסט־בעוואוסטזיין? דער גייסטיגער אקט, דורך וועלכען דער „איך" ווערט דערקענט, שליסט איין, ווי יעדער אנדערער גייסטיגער אקט, א סוביעקט וואָס בעגרייפט, און אן אָביעקט וואָס ווערט בעגריפען. היינט אויב דער אָביעקט וואָס ווערט בעגריפען איז דער „איך", איז וואָס איז דער סוביעקט וואָס בעגרייפט? אָדער אויב פערקעהרט, דער אמת'ער „איך" איז דער וואָס בעגרייפט, וואָס דענקט, — איז וועל־כער אנדערער „איך" קען זיין, וואָס פון איהם דענקט מען? עס איז קלאָר, אז אן אמת'ע דערקענטניס פון זיך־זעלבסט שליסט איין א צושטאנד, אין וועלכען דער דערקענער און דער דערקענטער זיינען איינס — וואו דער סוביעקט און אָביעקט זיינען ביידע איין פּער־זאָן — און דאָס האלט דאָך הער מאנסעל גאנץ ריכטיג, אז עס מיינט די פערניכטונג פון ביידען.

הייסט עס, אז די פּערזענליכקייט, פון וועלכער יעדער איינער איז בעוואוסטזיניג, און וועמעס עקזיסטענץ איז פאר יעדערען דער זיכערסטער פון אלע פאקטען, איז נאָך אלעמען א זאך, וואָס קיינער

קען באמת גאר אין גאנצען ניט וויסען: א זאך, וואס על פי נאטור פון דענקען גופא איז עס פערבאטען צו וויסען.

§ 21. די ענדליכע אידעען פון וויסענשאפט, הייסט עס, שטעלען אלע מיט זיך פאר ווירקליכקייטען, וועלכע מען קען ניט תופס זיין מיט'ן שכל. נאכדעם ווי מיר האבען געמאכט מי יודע וואס פאר א גרויסען פראגרעס אין דער ארבייט פון צונויפבינדען די פאקטען און אויפשטעלען אלץ ברייטערע און גרעסערע אלגע־מיינע כללים; נאך דעם ווי מיר האבען מי יודע ווי פועל געווען אריינצושליסען די בעגרעניצטע און געדרונגענע ווארהייטען אין דעם כלל פון אלץ גרעסערע און טיעפערע ווארהייטען — בלייבט די גרונד־ווארהייט אלץ אזוי שווער צו דערגרייכען ווי אימער. די דערקלערונגען, וואס מיר קריגען פון די דערקלערבארע זאכען, שטע־לען נור אלץ דייטליכער ארוים די אונדערקלערבארקייט פון דאס, וואס בלייבט הינטער דעם. גאנץ גלייך, צי אין די אויסערליכע, צי אין די אינערליכע וועלטען, דער וויסענשאפטס־מאן געפינט זיך אומעדום אין מיטען צווישען שטענדיגע ענדערונגען, פון וועלכע ער קען ניט אויסגעפינען ניט קיין אנהויב, ניט קיין סוף. אויב ער ערלויבט זיך, בעת ער נעהמט פארשען די ערשטע שטופען פון ענטוויקלונג, צו האלטען די היפאטעזע, אז די וועלט האט א מאל עקזיסטירט אין א צוגאסענער, פאנאנדערגעלאזענער פארם, געפינט ער, אז עס איז לגמרי אונמעגליך צו בעגרייפען, ווי אזוי זי איז געקומען צו יענעם צושטאנד. און אזוי אויך, ווען ער טוט זיך אריין אין חקירות מכח דער צוקונפט, קען ער ניט בעשטימען קיין גרעניץ וואו עס וועט זיך אבשטעלען די גרויסארטיגע אבוועקסלונג פון ערשיינונגען, וועלכע האלטען אין איין אויפוויקלען זיך פאר זיינע אויגען. אויפ'ן זעלביגען אופן, ווען ער נעהמט אריינקוקען אין זיך, זעהט ער איין, אז ביידע ברעגען פון דעם פאדים פון בע־וואוסטזיין ליעגען צו־ווייט פון איהם צו קענען זיי אנכאפען: אז עס איז איבער זיינע כחות אפילו נור צו דענקען וועגען זיי אלס זאכען, וואס האבען עקזיסטירט, אדער וואס וועלען ווען עס איז

שפּעטער עקזיסטירען. און ווידער ווען ער קעהרט זיך אָב פון דער אויסערליכער אָדער אינערליכער אָבוועקסלונג פון ערשיינונגען און נעהמט זיך פאר זייער עצם־נאטור, שטויסט ער זיך אָן. אויף פונקט די זעלביגע שוועריגקייטען. אננעהמענדיג אפילו, אז ער האָט בכח אויסצולעגען אומעדום די ערשיינונגען, איינענשאפטען און בעוועגונגען פון זאכען אלס ערשיינונגען פון קראפט אין רוים און צייט, געפינט ער נאָך אלעם דעם, אז ק ר א פ ט, ר ו י ם און צ י י ט גופא שטייגען אריבער אלע כחות פון זיין פערשטאנד. און דאָסגלייכען, ווען אפילו די צוגלידערונג פון די גייסטיגע טהאטען פיהרען איהם שוין סוף כל סוף אָנצונעהמען די עמפינדונגען אלס די אורשפּרינגליכע מאטעריאלען, פון וועלכע אלע געדאנקען זיינען געוועבט, שטעהט ער נאָך אלץ ניט פיעל ווייטער; וואָרים ער קען זיך קיין רעכענונג ניט אָבגעבען, ניט פון די עמפינדונגען אליין, און ניט פון יענעם „עפּעס", וועלכער איז בעוואוסטזיניג פון די עמפינדונגען. אזוי אויך געפינט ער אוים ווייטער, אז די אָביעקטיווע ווי די סוביעקטיווע זאכען קענען ניט אויסגעפאָרשט ווערען, ניט בנוגע זייער עצם און ניט בנוגע זייער מקור. וואו ער זאָל זיך ניט קעהרען, ברייגגען איהם צום סוף זיינע פאָרשונגען פנים אל פנים מיט א רעטעניש, וואָס מען קען ניט אויסגעפינען; און וואָס ווייטער זעהט ער אלץ מעהר איין, אז די זאך איז ווירקליך א רעטעניש, וואָס מען קען ניט אויסגעפינען. ער דערזעהט אויף איין מאָל אי די גרויסקייט, אי די קליינקייט פון דעם מענשליכען שכל: אי זיין מאכט, ווען ער האָט צו טון מיט זאכען, וואָס שטעהען אין דעם קרייז פון ערפאהרונגען, אי זיין מאכטלאָזיגקייט, ווען ער האָט צו טון מיט זאכען, וואָס שטייגען אריבער די ערפאהרונג. ער בעגרייפט יעמאָלט מיט א בעזונדער קלאָרקייט, ווי לגמרי אונמעגליך עס איז איהם אומצופאסען אפילו דעם איינפאכסטען פאקט, אויב ער וויל איהם בעטראכטען „אן און פיר זיך". ער, דער וויסענשאפטס־מאן, מעהר איידער ווער עס איז, ו ו י י ס אויף אן אמת, אז אין תכלית העצם קען מען קיין זאך ניט וויסען.

דער רעלאַטיווער כאַראַקטער
פון יעדעס וויסען.

פיערטער קאַפּיטעל.

דער רעלאַטיוועד כאַראַקטער פון יעדעס וויסען.

§ 22. מיר קומען אָט אזוי צום זעלביגען שלוס, פון וועלכען פונקט מיר זאָלען ניט אָנהויבען. נעהמען מיר אָן א וועלכע עס איז השערה מכח דעם מקור און דער טבע פון זאכען, געפינען מיר אויס, אז זי טרייבט אונז מיט אַן אונדערבארעמליכער לאָגיקע אונפערמיידליך אריין אין געגענזייטיגע אונמעגליכקייטען פון דענקען; און דאָס געהט אויף יעדער השערה, וואָס מיר קענען זיך נור פאָרשטעלען. פערקעהרט, מאכען מיר ניט קיין השערות, נור הויבען אָן אונזער פאָרשונג פון די אייגענשאפטען, וואָס מיר שפירען אין ארומיגע זאכען, און אויסגעפינענדיג די ספּעציעלע געזעץ, פון וועלכע זיי הענגען אָב, געהען מיר וויטער און זיינען זיי כולל אין געזעץ, וואָס זיינען אלץ מעהר און מעהר אלגעמיין, ביז מיר נעהמען זיי אלעמען אריין אין כלל פון געוויסע העכסט-אלגעמיינע געזעץ — דערזעהען מיר, אז מיר זיינען נאָך אלץ אזוי ווייט ווי אימער פון וויסען וואָס דאָס איז אזוינס, וואָס ענטפּלעקט פאַר אונז די דאָזיגע אייגענשאפטען. ווי קלאָר עס שיינט אונז ניט, אז מיר ווייסען, שטעלט די אונטערזוכונג ארויס, אז דאָס כלומר'שטע וויסען הויבט גאָר ניט אָן איינשטימען אפילו מיט זיך אליין. עס שטעלט זיך ארויס, אז די ענדליכע אידעען פון רעליגיאָן, אזוי גוט ווי די ענדליכע אידעען פון וויסענשאפט, זיינען בלויז סימבאָלען פון דאָס ווירקליכע, ניט קיין קענטניסען פון איהם.

די איבערצייגונג, צו וועלכער מיר זיינען דאָ געקומען, אז דער

ספּענסער 113.

מענשליכער פערשטאנד האָט ניט דעם כח פון אבסאָלוטען וויסען, איז אַן איבערצייגונג וואָס איז ביסלעכוויז אַלץ פעסטער געוואָרען מיט דעם פּאָרטשריט פון דער ציוויליזאציע. נאָך יעדער נייער אַנטאָלאָגישער*) טעאָריע, וואָס איז פון צייט צו צייט אויפגע־שטעלט געוואָרען אַנשטאָט די פריהערדיגע טעאָריען, וועלכע האָבען זיך ארויסגעצייגט פאר ניט־ריכטיגע, איז געקומען א נייע קריטיק, וואָס האָט געפיהרט צו א נייעם סקעפּטיציזם. אַלע מעגליכע בע־גריפען זיינען פּרובירט געוואָרען און אַלע האָבען זיך ארויסגעוויזען מיט חסרונות. דער גאנצער קוואַל פון חקירה איז אָט אזוי ביס־לעכוויז אויסגעשעפּט געוואָרען, ניט ברייגנענדיג קיינע פּאָזיטיווע רעזולטאטען. דאס איינציגע צו וואס מען איז געקומען, איז צו דעם נעגאטיווען רעזולטאט, וואס מיר האָבען פריהער דערקלערט — אז די ווירקליכקייט, וועלכע שטעקט הינטער אַלע ערשיינונגען איז, און מוז אייביג בלייבען, אונבעקאנט. אונטער דעם בעשלוס האָט זיך אונטערגעשיעבען כמעט יעדער אנגעזעהנער דענקער. „מיט דער אויסנאהמע — זאגט סער וויליאם האמילטאָן — פון עטליכע אב־סאָלוטיסטישע טעאָרעטיקער אין דייטשלאנד, איז אט די וואר־הייט אפשר די איינציגע פון אַלע ווארהייטען, וועלכע רופט ארויס א העכסט־הארמאנישען אבקלאנג ביי יעדען פילאזאף פון יעדער שול". און ער רעכענט אָן צווישען די דאָזיגע פילאָזאָפען די נעמען פון — פּראָטאגאָראס, אריסטאָטעל, סאנקט־אגוסטין, בעטיוס, אווערראָס, אלבערטוס מאגנוס, גערסאָנידעס (רלב"ג), לעאָ העברי, מעלאנכטאָן, סקאליגער, פראנסיס פּיקאָלאָמיני, דזשיאָרדאנאָ ברונאָ, קאמפּאנעלא, בעקאָן, ספּינאָזא, ניוטאָן, קאַנט.

עס בלייבט נאָך איבער אנצוצייגען, ווי מען קען אט די מיי־נונג פעסטשטעלען על פּי שכל, אזוי גוט ווי על פּי ערפאהרונג (עמפּיריש). עס איז ניט נור די מעשה וואָס, איינזעהענדיג אז די איינדרוקען פון די חושים נארען אונז אָב, קריגען מיר, ווי יענע אמאָליגע דענקער, וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָנט, אַן אונבע־

*) וואָס געהערט דער נאַטור און די אייגענשאַפטען פון זאכען.

שטימטען בעגריף פון דער אונמעגליכקייט צו דערגעהן דעם סוד פון זאכען „אן און פיר זיך“; און עס איז אויך ניט נור דער פונקט, וואס בעשטימטע עקספערימענטען, ווי עס איז בעוויזען געווארען אין די פאריגע קאפיטלען, וויקלען ארויס פון יעדען ענדליכען בעגריף, וואס מיר קענען אויפבויען, געגענזייטיגע אונמעגליכקייטען פון דענקען: וואס מיר מיינען דא איז, אז עס לאזט זיך בעווייזען אויך אנאליטיש (על פי מעטאדע פון אנאליז, צוגלידערונג), ווי אונזער גאנצעס וויסען טראגט אין זיך א רעלאטיווען כאראקטער. די אינדוקציע*), וואס מיר האבען ארויסגעפיהרט פון אלגעמיינע און ספעציעלע ערפאהרונגען, קען אויך פערשטארקט ווערען דורך א דעדוקציע*), וועלכע מען קען דרינגען פון דער טבע פון אונזער פערשטאנד. עס זיינען פאראן צוויי וועגען ווי צו קומען צו אזא דעדוקציע. אז אונזערע קענשאפטען פון זאכען, זיינען ניט, און קענען קיינמאל ניט זיין קיין אבסאלוטע, קען בעוויזען ווערען אנאליזירענדיג ענטוועדער דעם פראדוקט פון דענקען, אדער דעם פראצעס פון דענקען. לאמיר אנאליזירען יעדערן.

§ 23. אויב אמאל שפאצירענדיג אין די פעלדער איין שעהנעם טאג אין סעפטעמבער, דערהערט איהר א גערויש ניט ווייט פון אייך אין פאראויס, און ווען איהר בעטראכט די זייט פעלד ביים גראבען וואו דער גערויש קומט פאר, דערזעהט איהר, אז די גראז איז אויפגערודערט, וועט איהר מסתמא זיך א קעהר טון צו יענעם פלעק אויסצוגעפינען די סבה, וואס האט געמאכט דעם דאזיגען קלאנג און גערודער. ווי איהר געהט צו נעהענטער, פלאטערט אריין אין גראבען א פעלד־הוהן; דערזעהענדיג זי ווערט אייער נייגעריגקייט בעפרידיגט — איהר האט שוין וואס איהר רופט אן ערקלערונג פון די ערשיינונגען. די ערקלערונג, מערקט אייך,

---

*) אינדוקציע — דער שלום פון פרט צום כלל; דעדוקציע — דער שלום פון כלל צום פרט.

איז אין גאנצען נור אט דאס: אזוי ווי איהר האָט אין לעבען גע־
האט אונצעהליגע ערפאהרונגען מכח אונרוהען צווישען קליינע אונ־
בעוועגליכע זאכען, וואס קומען פאָר בעת אנדערע זאכען בעוועגען
זיך צווישען זיי, און איהר האָט ביי זיך געמאכט א כלל וועגען די
שיכות צווישען אזוינע אונרוהען און בעוועגונגען, בעטראכט איהר,
אז אט דער בעזונדערער געדרודער איז אויך ערקלערט, ווען איהר
געפינט אז ער שטעלט מיט זיך פאָר איין פרט פון נאָך אזוינע
שיכות'ן. נעהמען מיר אָן א שטייגער, אז איהר כאפּט די פעלד־
הוהן; און וועלענדיג אויסגעפינען פאר וואס זי איז ניט ענט־
לאָפען, אונטערזוכט איהר זי און געפינט אויף איין פלאץ א סמן פון
בלוט אויף איהרע פעדערן. איצטער פ ע ר ש ט ע ה ט איהר'
שוין, אזוי זאגט איהר, פאר וואס זי איז ניט ענטלאפען. די ערקלע־
רונג: „זי איז פערוואונדעט געווארען פון א יעגער", לעגט צו נאָך
איין פאל צו די פיעלע, וואָס איהר האָט געזעהן, ווי פויגלען ווערען
דער'הרג'ט אָדער גע'ניזק'ט פון די שראָט, מיט וואָס מען שיסט אויף
זיי פון א ביקס. אייער פערשטעהן בעשטעהט אין דער בעהעפטונג
וואס איהר בעהעפט דעם פאל מיט אנדערע אזוינע פעלען. איצט
אבער, איבערטראכטענדיג די זאך, ווערט אייך עפּעס קשה. איין
שראָט נור האָט געטראפען דער פעלד־הוהן, און דוקא ניט אין קיין
געפעהרליכען פלאץ: והא ראיה די פליגלען זיינען ניט געשעדיגט,
די מוסקולען וואס בעוועגען זיי, אויך ניט; און איהר רייסען זיך
פון אייערע הענד בעווייזט, אז אט די בריאה האָט נאָך גענוג כחות.
איז פאר וואס־זשע, פרעגט איהר זיך, פליהט זי ניט? ביי געלע־
גענהייט שטעלט איהר די פראגע א מענשען וואָס ווייס אנאטאָמיע,
און ער בעזארגט אייך מיט אַן ע ר ק ל ע ר ו נ ג. ער צייגט אָן,
אז דער דאזיגער איינציגער שראָט איז דורכגעלאָפען הארט נעבען
דעם אָרט וואו דער נערוו, וואָס געהט צו די פליגעל־מוסקולען,
קריכט ארויס פון חוט השדרה; און אז א לייכטע פערוואונדונג
פון אט דעם נערוו, זאל עס זיין אפילו ניט מעהר ווי א פּאָר איבער־
געריסענע פעדימלעך, איז גענוג, מחמת עס צערשטערט די גלייך־
ווירקונג פוןביידע פליגלען, צו פערניכטען דעם כח פון פליהען.

איהר זייט שוין ניט מעהר פערוואונדערט. אבער וואס אייגענטליך האָט דאָ פּאסירט? וואס האָט אומגעביטען אייער לאַגע פון דער פריהערדיגער פערלעגענהייט צו דער איצטיגער פ ע ר ש ט ע נ ד נ י ס? פּשוט נור די ענטדעקונג פון א קלאַס פריהער־בעקאנטע פאקטען, צווישען וועלכע מען קען ארייַנשטעלען אויך אָט דעם פאַל. אייך איז שוין א סך מאָל פריהער אויסגעקומען צו בעמערקען די פערבינדונג וואס געפינט זיך צווישען א פעהלער פון דעם נערווען־סיסטעם און א פּאַראַליז פון די גליעדער, און דא געפינט איהר אויך א שיכות צווישען אורזאך און ווירקונג, וועלכע איז אין עצם עהנליך צו יענע.

לאָמיר אננעהמען, אז אָט די מעשה האָט אייך געפיהרט זיך ווייטער נאָכצופרעגען מכח אָרגאַנישע ווירקונגען, וועלכע פריהער, ווי אנזיכטיג און מערקווירדיג זיי זיינען ניט געווען, האָט אייך דאָך ניט געאהרט צו וועלען פערשטעהן. איהר פרעגט: ווי אזוי ווערט אויסגעפיהרט דער פּראָצעס פון אָטהעמען? פאר וואס שטראָמט אריין רעגעלמעסיג לופט אין די לונגען? דער ענטפער איז, די לופט שטראָמט אריין ביי די העכערע מינים רוקען־ביינינע חיות, ווי אויך ביי אונז, צוליב די פערגרעסערונג פון ברוסט־קאַסטען, וואָס קומט פאָר טיילווייז ווייל די שייד־הויט צווישען ברוסט און בויך לאזט זיך ארונטער, און טיילווייז ווייל די ריפּען הויבען זיך אויף. אבער ווי אזוי קען דאס אויפהויבען זיך פון די ריפּען פערגרעסערען דעם ברוסט־קאַסטען? אלס ענטפער בעווייזט אייך דער אנאטאָם, אז יעדע פּאָר ריפּען מאכט א „שארפען ווינקעל“ מיט'ן רוקען; אז אָט דער ווינקעל ווערט ברייטער, ווען די בעוועגענדע עקען פון די ריפּען זיינען אויפגעהויבען; און ער גיט אייך צו פערשטעהן פאר וואס דער קאסטען ווערט ברייטער, בעווייזענדיג ווי דער שטח פון א פּאַראלעלאָגראַם ווערט גרעסער, וואס מעהר זיינע ווינקלען ווערען „רעכטע ווינקלען“. איהר פערשטעהט אָט דעם ספּעציעלען פאקט, ווען איהר זעהט איין, אז ער איז א פרט פון אן אלגעמיינעם געאָמעטרישען פאקט. עס שטעלט זיך אבער ווייטער די פראַגע: פאר וואס רייסט זיך די לופט אריין אין א פערגרעסער־

טען קאסטען? איז דער תירוץ, אז ווען דער ברוסט־קאסטען ווערט גרעסער, ווערט די לופט פון דארטען, וואס איז טיילוויז בע־פרייט געווארען פון פריהערדיגען דרוק, פאנאנדער געשפּרייט, און זי פערלירט דעריבער א טייל פון איהר ווידערשטאנדס־קראפט; הייסט עס, אז זי גיט ארויס װעניגער דרוק־קראפט אנטקעגען די דרוק־קראפט פון דער דרויסענדיגער לופט, און אזוי ווי דער דרוק פון לופט, פונקט ווי דער דרוק פון אנ'אנדער פליסיגקייט, איז גלייך אין אלע ריכטונגען, מוז געהן א בעוועגונג אין יעדער ליניע וואו דער ווידערשטאנד איז וועניגער איידער אנדערסוואו — דעריבער מוז די לופט לויפען אינוועניג. און אויב מען אילוסטרירט דאס פאר אייך מיט א פּאָר פאקטען פון דעמזעלביגען סאָרט, דהיינו פון אזא זיכטיגער פליסיגקייט ווי וואסער, מיט וועלכער מען קען בעווייזען די זאך פיעל קלערער, נעהמט איהר עס יעמאָלט אָן גאָר פאר די ריכטיגע א ו י ס ט י י ט ש ו נ ג פון דער מעשה. הײנט וויעדער, ווען מען צייגט אייך אָן, אז די גליעדער פון קערפּער זיינען צונויפ־געשטעלטע הויבשטאנגען, וועלכע ווירקען בעצם אויפ'ן זעלביגען אופן ווי הויב־שטאנגען פון אייזען אדער פון האָלץ, קענט איהר מיינען, אז אט האָט איהר שוין טיילוויז אויסגעפונען דעם שכל, וואס שטעקט אין די בעוועגונגען פון לעבעדיגע ברואים. דאס צו־נויפּציהען זיך פון א מוסקול, א מעשה וואס האָט פריהער אויסגע־זעהן לגמרי אונערקלערליך, וואלט אייך אויסזעהן וועניגער אונער־קלערליך, ווען מען צייגט אייך, ווי מען קען מיט א גאלוואניש־עלעקטרישען שטראָם מאכען, אז א רייהע ווייכע אייזען־מאגנעטען זאל פון זיך אליין קירצער ווערען דורך די צו־ציהונג, וואס יעדער מאגנעט איבט אוים אויף זיינע חבירים. אט דער אנגעגעבענער פער־גלייך (צווישען די צונויפציהונג פון מוסקולען און די צונויפציהונג פון עלעקטרישען מאגנעט) פּאסט ספּעציעל צום צוועק פון אונזער ארגומענט; וואָרים צי דער פערגלייך איז א ריכטיגער, צי ער איז אן אויסגעטראכטער, בעווייזט ער אלץ איינם ווי ליכטיג עס ווערט אין די אויגען בעת מען געפינט א קלאס פאקטען, אין וועלכען עס זעהט זיך א מעגליכקייט איינצושליסען א געוויסען ספּעציעלען פּרט.

און מען קען נאָך ווייטער בעמערקען, אז אין אט דעם פאל וואס מיר האָבען דאָ דערמאָנט, פיהלט זיך גראָד נאָך מעהר ווי מען וואָלט טאקי פערשטאנען די גאנצע מעשה, געדיינקענדיג אז אויב אפילו דער איינפלוס וואס גיט זיך איבער צו די מוסקולען דורך די נערווען, איז ניט קיין פּאָזיטיווע עלעקטרישע קראפט, איז ער אָבער דאָך א פאָרם פון קראפט, וואס איז א נאָהענטער קרוב צו דער עלעקטרישער קראפט. דאס אייגענע ווען איהר דערווייסט זיך, אז די היטץ פון א לעבעדיגען קערפּער קומט פון כעמישע פערבינדונגען, און ענטוויקעלט זיך אויף דעם זעלביגען אופן ווי היטץ ענטוויקעלט זיך ביי אנדערע כעמישע פערבינדונגען; אדער ווען איהר דערווייסט זיך, אז דאס אריינזויגען פון נעהרונג־פליסיגקייט, וואס די הויט־צודעקען פון די געדערים טהוען אויף, איז א מעשה פון אָזמאָטישער*) ווירקונג; אדער ווען איהר געפינט אויס, אז די ענדערונגען, וואס די שפּייז מאכט דורך בעת דעם פּראצעס פון פערדייהען, איז עהנליך צו די ענדערונגען, וואס מען קען קינסטליך אויספיהרען אין לאבאָראטאָריום: ווען איהר געפינט אויס די דאזיגע זאכען מיינט איהר, אז איהר ו ו י י ס ט עפּעס וועגען די נאטורען פון אָט די אלע ערשיינונגען.

איצט בעטראכט, וואס מיר האָבען דאָ געטון. אומקעהרענדיג זיך צו דער הויפּט־פראגע, לאמיר זעהען וואוהין האָבען אונז אט די כסדר׳דיגע ערקלערונגען אוועקגעטראגען. מיר האָבען אנגעהויבען מיט גאנץ ספּעציעלע און קאנקרעטע פאקטען. ערקלערענדיג יעדען פאקט און נאָכדעם ערקלערענדיג די מעהר־אלגעמיינע פאקטען, פון וועלכע זיי זיינען נור ביישפּיעלען, זיינען מיר דערגאנגען ביז צו געוויסע זעהר אלגעמיינע פאקטען — צו א געאָמעטרישען פּרינציפּ אָדער אייגענשאפט פון רוים, צו אן איינפאכען געזעץ פון מעכאַני־שער ווירקונג, צו א געזעץ פון גלייכגעוויכט ביי פליסיגקייטען: מיט איין וואָרט צו ווארהייטען פון פיזיקע, כימיע, היטץ און

---

*) אָזמאָטישער — דאָס דורכגעהן פון א פליסיגקייט דורך אַ הייטעל.

עלעקטריציטעט. די בעזונדערע ערשיינונגען, מיט וועלכע מיר האבען אנגעהויבען, זיינען אריינגענומען געווארען אין כלל פון אלץ גרע־סערע און גרעסערע גרופען פון ערשיינונגען; און בעת מיר האבען דאס געטון, זיינען מיר געקומען צו אזוינע ערקלערונגען, וועלכע מיר רופען אן טיעפע, לפי ערך ווי ווייט אט דער פראצעס איז אנגע־פיהרט געווארען. נאך טיעפערע ערקלערונגען זיינען מעהר גאר נישט, ווי נאך ווייטערע טריט אין דערזעלביגער ריכטונג. ווען מען זאל צום ביישפיעל פרעגען, פאר וואס איז דאס געזעץ פון דער וויר־קונג פון א הויב־שטאנג אזוי און ניט אנדערש; אדער פאר וואס איז פאראן אזא שיכות און ניט קיין אנדערע צווישען דער בעוועגונג און דעם גלייכגעוויכט פון פליסיגקייטען, וועט בעשטעהן דער ענט־פער וואס די מאטעמאטיקער וועלען אונז געבען, פון אן ערקלערונג פון דעם פרינציפ פון „ווירקזאמע שנעלקייטען", וועלכער האלט אוים אי ביי פליסיגקייטען, אי ביי סאלידע זאכען — א פרינציפ, וואס מאכט די אנדערע פערשטענדליך. און דאס אייגענע, וואס מיר וויסען מכח די ערשיינונגען פון כעמישע פערבינדונגען, פון היטץ, עלעקטריציטעט וכדומה, לאזט אונז דרינגען, אז, אויב מען וועט גע־פינען די ערקלערונג פון זייערע אורזאכען, וועט דאס זיין די אויפדעקונג פון א געוויסען גאנץ־אלגעמיינעם פאקט מכח דעם גע־בוי פון שטאף, פון וועלכען אט די אלע כעמישע, עלעקטרישע און היטץ־פאקטען זיינען נישט מעהר ווי פערשיידענע ערשיינונגען.

— איז אט דער פראצעס א בעגרעניצטער, אדער ער האט גאר קיין גרעניץ ניט? קענען מיר אייביג אזוי אנגעהן און ערקלערען קלאסען פון פאקטען איינשליסענדיג זיי אין רק־גרעסערע קלאסען, אדער מיר מוזען סוף כל סוף קומען צו איינעם א גרעסטען קלאס? די השערה אז דער פראצעס האט ניט קיין גרעניץ, אויב עס זאל זיך אפילו געפינען איינער, וואס איז אונזיניג גענוג צו האל־טען אזא השערה, וואלט אלץ איינגעשלאסען דעם געדאנק, אז עס איז אונמעגליך צו גרייכען אן ענדליכע ערקלערונג; ווארים מען וואלט דאך דערויף געמוזט האבען אן אונענדליכע צייט. בעת פער־קעהרט, דער אונפערמיידליכער בעשלוס, אז דער פראצעס איז א

בעגרעניצטער (וואס קען בעוויזען ווערען, ניט נור מיט דעם פאקט,
וואָס אונזער קרייז פון בעאָבאכטונג איז אַן ענדליכער, נור אויך
דערפון, וואָס די צאָהל פון די אלגעמיינע כללים מוז נויטווענדיגער־
ווייז ווערען אלץ קלענער, וואָס ברייטער זיי ווערען), שליסט אויך
איין דעם געדאנק, אז דער ענדליכער פאקט קען ניט ערקלערט ווע־
רען. וואָרים אויב די כסדר־טיעפערע ערקלערונגען פון דער נאטור,
וואָס שטעלען צונויף דעם פאָרטשריט פון דער וויסענשאפט, זיינען
נישט מעהר ווי כסדר־ווייטיגערע איינשליסונגען פון ספּעציעלע
ווארהייטען אין אלגעמיינע ווארהייטען און די אלגעמיינע אין נאך
מעהר־אלגעמיינע ווארהייטען, פאלגט דאך דערפון גאנץ קלאָר, אז
די ענדליכע, העכסט־אלגעמיינע ווארהייט, וואס לאזט זיך שוין
מעהר ניט איינשליסען אין קיין העכערע פאר איהר, לאזט זיך אליין
ניט דערקלערען. מען זעהט בפירוש, אז וויבאלד די העכסט־אלגעמיי־
נע קענטנים, וואָס מיר דערגרייכען, לאָזט זיך ניט אונטערוואָרפען
אונטער נאך א מעהר־אלגעמיינער קענטנים, קען זי ניט זיין פער־
שטענדליך. יעדע ערקלערונג מוז דעריבער על פּי נויט אונז בריינ־
גען סוף כל סוף צו א פּונקט, וואָס איז ניט דערקלערבאר. די טיעפ־
סטע ווארהייט, וועלכע מיר קענען גרייכען, מוז בלייבען ניט ער־
קלערט. די השגה מוז ווערען עפּעס אנדערס ווי השגה, איידער מען
וועט קענען משיג זיין דעם ענדליכען פאקט.

§ 24. דער אויספּיהר, וועלכען מיר זיינען אויף דעם אופן
געצוואונגען אנצונעהמען אנאליזירענדיג דעם פּ ר אָ ד ו ק ט
פון דענקען, ווי ער שטעלט זיך ארויס אויף אן אביעקטיווען אופן
אין די כללים פון וויסענשאפט, ווערט פּונקט אזוי ארויפגעצוואונ־
גען אויף אונז אנאליזירענדיג דעם פּ ר אָ צ ע ס פון דענקען, ווי
מען זעהט עס ארויס סוביעקטיוו אין בעוואוסטזיין. דעם בעוויז
פון דעם גענויטיגטען רעלאטיווען כאראקטער פון אונזער וויסען,
לויט ווי דאס ווערט געדרונגען פון דער טבע פון'ם פערשטאנד,
האָט סער וויליאם האמילטאָן געבראכט ביז צו זיין העכסט־בע־
שטימטען געשטאלט. איך קען דאָ קיין בעסערע זאך ניט טון ווי

ארויסצונעהמען פון זיין בוך „די פילאָזאָפיע פון דאס אונבעדינגטע" דעם מאמר וועלכער האלט איין דעם עיקר פון זיין לעהרע.

„דער שכל קען בעגרייפען — אזוי ארגומענטירט ער — און בכן קען וויסען, נור דאס בעגרעניצטע און דאס קאָנדיציאָנעל־בעגרעניצטע. דאס אונבעגרעניצטע אונקאנדיציאָנעל (אהן תנאים), אדער דער אין־סוף (אינפיניטום), דאס בעגרעניצטע אונקאנדיציאנעל אדער דער אבסאָלוטום, קענען ניט געשטעלט ווערען פאר'ן פערשטאנד אויף א פּאזיטיווען אופן: זיי קענען בעגריפען ווערען נור אויף אן אופן פון אוועק־דענקענדיג אדער אבציהענדיג דעם געדאנק פון די אייגענטליכע בעדינגונגען, אונטער וועלכע דער געדאנק גופא ווערט ארויסגעבראכט אל הפועל; בכן איז דער רעיון פון „אונבעדינגטעס" נור נעגאטיוו — נעגאטיוו פון דאס בעגרייפליכע גופא. צום ביישפּיעל: מיר קענען ניט, פון איין זייט, אויף א פּאזיטיווען אופן בעגרייפען, ניט אן אבסאָלוט גאַנצעס — ד. ה. אזא גרויסע גאנצע זאך, אז עס זאָל גאָר ניט מעגליך זיין צו בעגרייפען זי אויך אלס א רעלאטיוו טייל פון א נאָך־גרעסערער גאנצער זאך, — ניט אן אבסאָלוט טייל, ד. ה. א טייל זאך וואָס איז אזוי קליין, אז מיר קענען זי ניט בעגרייפען אויך ווי א רעלאטיוו־גאנצע זאך, וועלכע קען צוטיילט ווערען אין קלענערע טיילען. פון דער אנדער זייט ווידער, קענען מיר ניט פּאָזיטיוו זיך פאָרשטעלען ,פערווירקליכען אָדער אויפשטעלען פאר'ן שכל (פערשטאנד און פארשטעלונג קומען זיך אין דעם פּרט צוזאמען) אן אונענדליך גאנצעס, ווארים דאס וואלט מען נור קענען טון דורך אן אונענדליכען סינטעז אין געדאנק פון ענדליכע גאנצע, פאר וועלכער ארבייט גופא עס וואלט זיך געפאָדערט אן אונענדליכע צייט; און מחמת דעמזעלביגען טעם קענען מיר אויך ניט נאָכפאָלגען אין געדאנק אן אונענדליכע צוטיילבארקייט פון טיילען. דער רעזולטאט איז דערזעלביגער, סיי מיר ווענדען אָן דעם פּראָצעס אויף בעגרעניצונג אין רוים, אין צייט, אדער אין ערך. די אונקאנדיציאנעלע

פערניינונג, אבווייזונג, פון בעגרעניצונג, און די אונקאנדיציאנעלע בעשטעטיגונג פון בעגרעניצונג, — אין אנדערע ווערטער: דער אינפיניטום און דער אבסאלוטום, ריכטיג אנגערופען, זיינען אט אזוי ביידע גלייך אונבעגרייפליך פאר אונז."

„אזוי ווי דאס קאנדיציאנעל בעגרעניצטע (וואס מיר מעגען אנרופען בקיצור דאס „בעדינגטע") איז אויף דעם אופן דער איינציג־מעגליכער אביעקט פון וויסען און פון פאזיטיווען דענקען, הייסט עס, אז דענקען זעצט על פי נויט פאראויס בעדינגונגען. דענקען מיינט — שטעלען בעדינגונגען; און דאס גרונד־געזעץ פון דער מעגליכקייט פון דענקען איז — קאנדיציאנעלע בעגרעניצונג. ווארים אזוי ווי דער ווינד־הונט קען ניט אריבעריאגען זיין אייגענעם שאטען, אדער (אנכאפענדיג א מעהר־פאסיגען משל): אזוי ווי דער אדלער קען ניט אויספליהען די לופט אין וועלכער ער שוועבט און וועלכע איז דאס איינציגע וואס האלט איהם אויף, אזוי קען דער שכל ניט אריבערשטייגען יענעם קרייז פון בעגרעניצונג, אין וועלכען, און אויסשליסליך דורך וועלכען, עס קען פערווירקליכט ווערען די מעגליכקייט פון דענקען. א געדאנק קען זיין נור פון דאס, וואס איז בעדינגט; ווארים, ווי געזאגט, דענקען איז נישט מעהר ווי בעדינגונגען שטעלען. דער אבסאלוטום ווערט בעגריפען נור דורך דעם, וואס עס ווערט בטל יעדע השגה פון איהם; און אלץ וואס מיר ווייסען, ווייס מען נור, ווי עפעס וואס איז „ארויסגעקראגען פון דער לעערער און פארמלאזער אונענדליכקייט". ווי אזוי אין אמת'ן עס האט גאר ווען עס איז געקענט זיין א ספק, אז א געדאנק איז נור פון דאס, וואס איז בעדינגט, מעג ווירקליך בעטראכט ווערען אלס א זאך פון דער טיעפסטער בעוואונדערונג. דער געדאנק קען ניט אריבערשטייגען דאס בעוואוסטזיין; בעוואוסטזיין איז נור מעגליך על פי געגענזאץ (אנטיטעזע) פון א סוביעקט און אן אביעקט פון געדאנק, וועלכע זיינען בעקאנט נור אין שיכות

איינער צום אנדערן (קאררעלאציאן) און וועלכע בעגרעניצען איינער דעם אנדערן געגענזייטיג; בעת אלץ וואס מיר וויסען אונאבהענגיג פון דעם, סיי מכח סוביעקט אדער אביעקט, סיי מכח גייסט אדער מאטעריע, איז נור א ידיעה אין יעדערן מכח דער אייגענקייט, דער מעהרהייט, דאס פערשיידענע, דאס געענדערטע, דאס זעלטענע. מיר זיינען זיך מודה, אז דער פועל יוצא פון אט דער לעהרע איז — אז די פילאזאפיע, אויב מען קוקט אויף איהר ווי אויף עפעס מעהר איידער א וויסענשאפט פון „בעדינגטעם", איז אן אונמעגליכ־קייט. מיר זיינען מודה, אז ארויסגעהענדיג פון דאס איינצעלנע (פארטיקולארע) קענען מיר אפילו אין אונזערע העכסטע כלל־בע־גריפען (גענעראליזאציעם) קיין מאל זיך ניט אויפהויבען העכער פאר דאס ענדליכע; אז אונזער וויסען, סיי פון גייסט, סיי פון מאטעריע, קען נישט מעהר זיין ווי א וויסען פון די רעלאטיווע ענטפלעקונגען פון אן עקזיסטענץ, וועלכע — עס איז אונזער העכ־סטע חכמה דאס אנצודערקענען — שטעהט ווייט איבער דעם גבול פון פילאזאפיע. ווי סאנקט אגוסטין דריקט זיך אויס: "Cognoscendo ignorari, et ignorando cognosci" („ווי־סענדיג וויים איך, אז איך וויים ניט, און אז איך וויים ניט, וויים איך").

„דאס בעדינגטע איז דער מיטעל־פונקט צווישען צוויי עקען — צווישען צוויי אונבעדינגטע, וועלכע שליסען אוים איינער דעם אנ־דערן, וואס קיינעם פון זיי קען מען ניט בעגרייפען אלס מעגליך, נור מען מוז, על פי „פרינציפ פון ווידער־שפרוך" און „אויסגעשלאסענעם דריטען", אננעהמען איי־נעם אלס נויטיג. לויט אט דער מיינונג נאך קומט דעריבער אוים, אז אונזער פערשטאנד איז שוואך, אבער ניט פאלש. מען שטעלט ניט פאר דעם פערשטאנד ווי ער בעגרייפט אלס גלייך־מעגליכע צוויי געדאנקען, וואס פערניכ־טען איינער דעם אנדערן; ער ווערט נור פארגעשטעלט ווי אזוינער, וואס איז ניט בכח צו פערשטעהן אלס מעגליך ניט דעם, ניט יענעם פון די ביידע עקען, נישט מעהר

אבער ער איז געצוואונגען, מחמת דעם טעם וואס זיי ווידערשפרעכען זיך געגענזייטיג, צו האלטען, אז איינער פון זיי איז ריכטיג. מיר לערנען אויף דעם אופן א ניצליכען למוד, אז מען טאר ניט אננעהמען דעם כח־השגה פון געדאנק פאר א מאס פון דאס, וואס עקזיסטירט; און מיר ווערען געווארנט ניט צו האלטען, אז דער קרייז פון אונזער וויסען איז נויטיגערווייז פון דערזעלביגער גרויס ווי דער האריזאנט פון אונזער גלויבען. אין דעם בעוואוסטזיין גופא, אז מיר זיינען ניט בכח צו בעגרייפען עפעס העכערעס אייִדער דאס רעלאטיווע און דאס ענדליכע, פיהלען מיר זיך דורך א וואונדערבארע ענטפלעקונג בעגייסטערט פון דעם גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון אן עפעס, וואס איז אונבעדינגט, וואס געפינט זיך הינטער דעם קרייז פון אלע בעגרייפבארע ווירקליכקייטען".

ווי קלאר און אויספיהרליך אט די ערקלערונג פון דער זאך זעהט ניט אויס, ווען מען שטודירט זי פארזיכטיג, איז זי אבער אויסגעדריקט אין אזא אבסטראקטער פארם, אז זי קען ניט זיין זעהר פערשטענדליך פאר דעם אלגעמיינעם לעזער. א מעהר פאפולערע איבערגעבונג פון דער זאך, מיט אנוועגדונגען וואס אילוסטרירען דעם געדאנק, ווי מיר געפינען עס אין מאנסעל'ס בוך „די גרעניצען פון רעליגיעזען געדאנק", וועט מאכען מען זאל עס קענען בעסער פערשטעהן. די פאלגענדע אויסצוגען, וואס איך נעהם מיר די פרייהייט צו מאכען פון זיין בוך, וועלען זיין גענוג פאר אונזער צוועק.

„דער עצם בעגריף פון בעוואוסטזיין, אין וואסער פארם דאס בעוואוסטזיין זאל זיך ניט ארויסווייזען, שליסט נויטיגערווייז איין *אונטערשיידונג צווישען איין אביעקט און אנ'אנדערן*. כדי צו זיין בעוואוסטזיניג, מוזען מיר זיין בעוואוסטזיניג פון עפעס; און דער עפעס קען זיין בעוואוסט אלס דאס, וואס ער איז, נור דורך דעם וואס ער ווערט אבגעשיידט פון דאס, וואס ער איז ניט. אונטערשיידונג איז אבער נויטיגערווייז בעגרעניצונג; ווארים כדי איין אביעקט זאל קענען אונטערשיידט

ווערען פון אנ'אנדערן, מוז ער האבען א געוויסע פארם פון עקזיס־טענץ, וואס דער אנדערער האט ניט, אדער פערקעהרט, ער מוז ניט האבען א וועלכע עס איז פארם, וואס דער אנדערער האט יא. עס איז אבער קלאר, אז דער „אין־סוף" אלס אזעלכער קען ניט אונ־טערשיידט ווערען פון דעם „ענדליכען", דורך דעם וואס ער האט ניט א געוויסע אייגענשאפט, וועלכע דער „ענדליכער" האט יא; ווארים אזא ניט־האבען וואלט זיין א בעגרעניצונג. און מען קען איהם אויך ניט אונטערשיידען דורך דעם וואס ער האט א געוויסע אייגענשאפט, וועלכע דער „ענדליכער" האט ניט; ווארים היות, ווי אין אן „אונענדליך" גאנצעס קען ניט אריינגעהן קיין טייל וואס איז „ענדליך", מוז דאך יענע אייגענשאפט גופא, דער סמן וואס אונטערשיידט זיי, אויך זיין „אונענדליך", און מוז אין דערזעלביגער צייט גאר ניט האבען געמיינשאפטליכעס מיט דעם „ענדליכען". הייסט עס, אז מיר האבען ווידער אמאל די ערסטע אונמעגליכקייט; ווארים אין אט דעם צווייטען פאל איז דער חלוק ווידער אין דעם, וואס דער „אונענדליכער" (אין סוף) האט ניט די אייגענשאפטען וועלכע דער „ענדליכער" האט. און וויבאלד אזוי, ליעגט אין דעם בעוואוסטזיין פונ'ם „אונענדליכען" אלס אזעלכען נויטיגערוויז א ווידערשפרוך אין זיך אליין; ווארים אזא בעוואוסטזיין שליסט איין די דערקענונג על פי בעגרעניצונג און אונטערשייד פון דאס, וואס קען נור געבען בבחינת א ו נ בעגרעניצט און א ו נ פער־שיידען. * * *

„אט דער ווידערשפרוך, וועלכער איז לגמרי ניט צום דער־קלערען על פי סברא, אז דער א י ן ־ ס ו ף איז א פאזיטיווער אביעקט פון מענשליכען געדאנק, ווערט גלייך קלאר, ווען מען בע־טראכט איהם בלויז ווי א נעגאציע (דאס בטל ווערען) פון געדאנק. אויב יעדעס דענקען איז בעגרעניצונג, — אויב אלץ וואס מיר בע־גרייפען מוז, שוין דורך דעם אקט אליין פון בעגרייפען, בעטראכט ווערען אלס „ענדליך" — איז דאס „אונענדליכע", בעטראכטענדיג עס פון א מענשליכען שטאנדפונקט, נישט מעהר ווי א נאמען פאר דער אבוועזענהייט פון יענע בעדינגונגען, אונטער וועלכע עס

איז מעגליך צו דענקען. רעדען וועגען א ב ע ג ר י ף פ ו ן ד ע ם א י ן־ס ו ף איז דעריבער פונקט ווי מען וואָלט בנשימה אחת זאגען, אז יענע בעדינגונגען זיינען אי דאָ, אי ניטאָ. דער ווידערשפּרוך אבער, וואס מיר געפינען אין אזא בעגריף, איז נור אזעלכער, וואס מיר אליין האָבען איהם דארטען אריינגעלעגט, דורך דעם וואס מיר האָבען בשתיקה אנגענומען, אז דאס אונבעגרייפבארע איז בעגרייפבאר. די בעדינגונג פון בעוואוסטזיין איז אונטערשיידונג, און די בעדינגונג פון אונטערשיידונג איז בעגרעניצונג. מיר קענען ניט האָבען קיין בעוואוסטזיין פון עקזיסטענץ בכלל, וועלכע איז ניט א געוויסע עקזיסטענץ בפרט: אין בעוואוסטזיין איז א ז א ך — איינע פון א סך זאכען. אננעהמענדיג די מעגליכקייט פון אן אונענדליכען אָביעקט פון בעוואוסטזיין, נעהם איך דעריבער אן, אז ער איז אין דערזעלביגער צייט אי בעגרעניצט, אי ניט־בעגרעניצט — איך נעהם אן, אז ער איז ווירקליך עפּעס, ווייל אהן דעם וואלט ער ניט קענען זיין קיין אביעקט פון בעוואוסטזיין, און אז ער איז ווירקליך גאר נישט, ווייל אנדערש וואָלט ער ניט קענען זיין אונענדליך. * * *

„בעוואוסטזיין האָט נאך א צווייטען כאראקטעריסטישען צייכען, וואָס עס איז מעגליך נור אין דער פאָרם פון א ש י כ ו ת. עס מוז זיין א סוביעקט אדער פּערזאָן, וואָס איז בעוואוסטזיניג, און עס מוז זיין אן אָביעקט אדער זאך, פון וואס ער איז בעוואוסטזיניג. עס קען ניט זיין קיין בעוואוסטזיין אָהן א פעראייניגונג פון אָט די צוויי פאקטארען; און יעדער פאקטאר אין דער פעראייניגונג עקזיסטירט נור אויף וויפיעל ער האָט א שיכות צו דעם אנדערן. דער סוביעקט איז א סוביעקט נור לפי ערך וואָס ער איז בעוואוסטזיניג פון אן אָביעקט; דער אָביעקט איז אן אָביעקט נור לפי ערך וואָס ער ווערט אומגעפאסט פון א סוביעקט: זאָל איינער פון ביידען בטל ווערען, ווערט דאס בעוואוסטזיין גופא בטל. עס איז אויף דעם אופן קלאָר, אז האָבען א בעוואוסטזיין פון דעם „אבסאלוטום“ איז פונקט אזוי זיך אליין סותר, ווי א בעוואוסטזיין פון דעם „אין־סוף“. כדי צו זיין בעוואוסטזיניג פון דעם „אבסאלוטום“ אלס אזעל-

כען, מוזען מיר וויסען, אז אן אביעקט, וועלכער גיט זיך אונז אין שיכות צו אונזער בעוואוסטזיין, איז אלץ איינס וואס אן אביעקט, וועלכער עקזיסטירט אין זיין אייגענער נאטור און האָט קיין שום שיכות ניט צו אונזער בעוואוסטזיין. כדי אבער צו וויסען, אז די ביידע זיינען אלץ איינס, מוזען מיר קענען זיי פערגלייכען צוזאמען, און אזא פערגלייך איז שוין אליין א ווידערשפּרוך. עס הייסט איי־גענטליך, אז עס פאדערט זיך פון אונז צו פערגלייכען דאס, פון וואס מיר זיינען בעוואוסטזיניג, מיט עפּעס, פון וואס מיר זיינען ניט בעוואוסטזיניג: בעת דאס פערגלייכען גופא איז אן אקט פון בעוואוסטזיין און איז נור מעגליך דורך דאס בעוואוסטזיין פון ביי־נע ביידע אביעקטען. עס איז קלאר אויף דעם אופן, אז אויב מיר וואלטען אפילו געקענט זיין בעוואוסטזיניג פון דעם אבסאלוטום, וואלטען מיר בשום אופן ניט געקענט וויסען, אז ער א י ז דער אבסאלוטום: און אזוי ווי מיר קענען זיין בעוואוסטזיניג פון אן אביעקט אלס אזעלכען, נור קענענדיג איהם אלס דאס וואס ער איז, הייסט עס אזוי גוט ווי מודה זיין, אז מיר קענען גאר אין גאנצען ניט זיין בעוואוסטזיניג פון דעם אבסאלוטום... יעדע זאך איז אלס אן אביעקט פון בעוואוסטזיין נויטיגערווייז רעלאטיוו; און וואס א זאך קען זיין אויסער דעם בעוואוסטזיין, דאס קען אונז קיין פאָרם פון בעוואוסטזיין ניט זאָגען".

„אט דער ווידערשפּרוך אבער לאזט זיך אויף דערקלערען אויפ'ן זעלביגען אופן ווי דער פאריגער. אונזער גאנצער געדאנק פון עקזיסטענץ איז נויטיגערווייז א רעלעטיווער, ווארים עס איז דאך עקזיסטענץ ווי מ י ר בעגרייפען עס. אבער ע ק ז י ס־ ט ע נ ץ, ווי מיר בעגרייפען עס, איז נור א נאמען פאר די פערשיי־דענע אופנים, אין וועלכע אביעקטען ווערען געבראכט פאר אונזער בעוואוסטזיין — אן אלגעמיינער אויסדרוק, וואס פאסט ארום א פערשיידענע צאָהל שיכות'ן. דער „א ב ס א ל ו ט ו ם", פער־קעהרט, איז א נאמען, וואס דריקט ניט אוים קיין אביעקט פון גע־דאנק, ער דריקט נור אוים אן אָבלייקענונג פון דער שיכות, דורך וועלכע דער געדאנק ווערט אויפגעבויט. דעריבער, אָננעהמען

אבסאלוטע עקזיסטענץ פאר אן אביעקט פון געדאנק, איז מיינען, אז עס עקזיסטירט א שיכות ווען עס עקזיסטירען נישט מעהר די אויסדרוקען פון דער שיכות. אן אַביעקט פון געדאנק עקזיסטירט אלס אזעלכער אין דער שיכות און דורך די שיכות פונ'ם אביעקט צו דעם וואס דענקט; דער „אבסאלוטום" אבער איז אונאבהענגיג פון אלע שיכות'ן. דער בעגריף פון דעם אבסאַלוטום שליסט אויף דעם אופן איין אין דערזעלביגער צייט אי דאָס זיין, אי דאָס ניט זיין פון דער שיכות, דורך וועלכער דער געדאנק ווערט אויפגעבויט; און די פערשיידענע מיטלען, וואס מיר ווענדען אָן זיך פאַרצושטעלען דעם „אבסאַלוטום", זיינען נור אקוראט אזויפיעל פערשיעדענע פארמען פון דעם ווידערשפרוך, וואָס איז געלעגען אין אונזער ערסטער השערה. דער ווידערשפרוך איז אויך דא אזוינער, וואס מיר אליין האָבען זיך געמאכט. עס איז דערפון ניט געדרונגען, אז דער „אבסאלוטום" קען ניט עקזיסטירען; עס איז אבער העכסט זיכער דערפון געדרונגען, אז מיר קענען איהם ניט בעגרייפען ווי ער עקזיסטירט." —

איצט לאָמיך דאָ אָנצייגען, ווי מען קען דעם זעלביגען אלגעמיינעם אויספיהר ענטוויקלען פון אנ'אנדער גרונד־בעדינג פון דענקען, וועלכען סער וו. האמילטאָן האָט אויסגעלאָזען און הערר מאנסעל האָט ניט ממלא געווען, — א בעדינג, וועלכען מיר האָבען אין זיין אומגעקעהרטער פאָרם שוין בעטראכט אין דעם פאָריגען אבטייל. יעדער פאלשטענדיגער אקט פון בעוואוסטזיין שליסט איין א חוץ אונטערשייד און שיכות אויך — עהנליכקייט. איידער א גייסטיגער צושטאנד קען ווערען א אידעע, אדער קען צונויפשטעלען א זאך פון וויסען, מוז ער זיין בעוואוסט ניט נור אלס א בעזונדער סאָרט צושטאנד איידער יענע פריהערדיגע צושטאנדען, צו וועלכע ער איז בעקאנט אלס מקורב מחמת זיין קומען כסדר נאָך זיי; נור ער מוז ווייטער נאך זיין בעוואוסט אלס א צושטאנד וואס געהערט צו דעמזעלביגען סאָרט ווי געוויסע אנדערע פריהערדיגע צושטענדען. יענע „ארגאניזאציע פון ענדערונגען", פון וועלכער דאס

דענקען בעשטעהט, שליסט איין א נאכאנאנדיגע אינטעגראציע (גאנצ־מאכונג, בעהעפטונג), אזוי גוט ווי א נאכאנאנדיגע דיפערענ־ציאציע (אבזונדערונג, צושיידונג). ווען יעדער נייער גייסטיגער איינדרוק וואלט בלויז בעגריפען געווארען ווי אן איינדרוק, וואס איז אויף א געוויסען אופן פ ע ר ש י י ד ע ן פון די פריהערדיגע—ווען מיר וואלטען נור געהאט א קייט פון איינדרוקען, וואס יעדער איי־נער פון זיי איז בשעת ער קומט בלויז פ ע ר ש י י ד ע ן פון דעם פאריגען איינדרוק — וואלט דאס בעוואוסטזיין געוועזען א פאלשטענדיגער כאאס. כדי צו שאפען יענעם רעגעלמעסיגען בע־וואוסטזיין וואס מיר רופען אינטעליגענץ, פאדערט זיך אז יעדער איינדרוק זאל א ס י מ י ל י ר ט ווערען מיט די אנדערע, וועל־כע זיינען פארגעקומען פריהער אין דער רייה. ביידע, אי די כסדר׳דיגע גייסטיגע צושטאנדען, אי די כסדר׳דיגע שיכות׳ן, אין וועלכע זיי פערהאלטען זיך איינע צו די אנדערע, מוזען קלאסיפי־צירט ווערען; און קלאסיפיצירען מיינט, ניט נור אבטיילען די ניט־עהנליכע, נור אויך צונויפבינדען די עהנליכע. בקיצור, ריכטיג ק ע נ ע ן א זאך איז נור מעגליך דורך דעם, וואס מען ד ע ר־ק ע נ ט זי. טאמער זעצט מען אנטקעגען דעם אויס, אז אויב אזוי, קען קיין ע ר ס ט ע קענשאפט (קאגניציאן) ניט זיין, און ממילא גאר קיין קענשאפט ניט. איז דער תירוץ: ריכטיגע קענ־שאפט קומט טאקי שטופענווייז. אין משך פון דער ערסטער שטופע פון אנפאנגליכען פערשטאנד, איידער די געפיהלען וואס קומען דורך דעם פערקעהר מיט דער אויסערליכער וועלט זיינען געבראכט געווארען אין ארדנונג, זיינען קיין ריכטיגע קענשאפטען אין שטרענגען זין פון ווארט, ניטא. די קענשאפטען, ווי מען זעהט עס ביי יעדען קינד, קריכען לאנגזאם ארויס פון דעם כאאס פון א וואקסענדען בעוואוסטזיין, אזוי שנעל נור ווי די ערפאהרונגען ווע־רען צונויפגעשטעלט אין גרופען — אזוי שנעל ווי די גאר אפט וויע־דערהאלטע עמפפינדונגען און זייער שיכות איינע צו די אנדערע ווערען אויף אזויפיעל בעקאנט, אז זיי לאזען זיך שוין דערקענען אלס אזוינע און אזוינע, ווען נור זיי קומען וויעדער פאר. זאל מען

ווייטער וועלען אויסזעצען אנקעגען דעם, אז אויב ק ע נ ע ן איז משער א פריהערדיגען ד ע ר ק ע נ ע ן, איז דאָך אפילו פאר א דערוואקסענעם מענשען אונמעגליך צו האָבען א קענשאפט פון א זאך, וועלכע ער האָט פריהער ניט געזעהען; קען מען דאס נאָך אלץ פערענטפערן מיט דעם תירוץ מספיק, אז אויף וויפיעל די זאך, וואס ער זעהט איצט צום ערסטען מאָל, איז ניט אסימילירט מיט פריהער־געזעהענע זאכען, איז זי טאקי נ י ט בעקאנט, און זי איז אויף אזויפיעל י א בעקאנט, אויף וויפיעל זי א י ז אסימי־לירט מיט זיי. די ערקלערונג פון אט דעם פאראדאָקס איז, וואס א זאך קען קלאסיפיציררט ווערען אויף פ ע ר ש י י ד ע נ ע אופנים און פערשיידענע מדריגות פון פאלשטענדיגקייט. א חיה, למשל, וואס איז אונז ביז איצטער געווען א ו נ ב ע ק א נ ט, (מערקט דאס ווארט „אונבעקאנט“) קען מען פון דעסטוועגען ד ע ר ק ע־נ ע ן, הגם מען קען זי ניט צורעכענען צו קיין פעסט־בעשטימטען גאטונג אדער מין, אלס א בעשעפעניש וואס בעלאנגט צו איינער פון די גרעסערע אבטיילונגען — צו די זויג טיערען, פויגלען, קריכעדי־גע ברואים אָדער פיש. אויב זי איז אזוי משונה'דיג, אז עס זעהט זיך גאַר ניט אָן קיין קרובה'שאפט צווישען איהר און די ברואים פון אָט די אלע אָבטיילונגען, קען מען זי דאָך קלאסיפי־צירען אלס א רוקען־ביינינגע, אדער אלס אזא מין בריאה וואס האָט ניט קיין רוקען־ביין. און אויב זי איז איינע פון יענע ארגאניזמען, וועגען וועלכע מען איז גאָר אין ספק צי זיי האָבען מעהר סמנים פון א חי אדער פון א צומח (א לעבעדיג וועזען אדער א פלאנץ), ווייס מען לכל הפחות, אז זי איז א זאך, וואס האָט אין זיך לעבען. און אויב זי איז אזא מין זאך, וועגען וועלכער עס איז אפילו גאָר א פראגע צי זי איז אן אָרגאניש וועזען, איז אָבער קיין שום ספק ניטאָ, אז זי איז א שטיק מאטעריע, און מען ק ע ן זי, דערי־בער וויל מען ד ע ר ק ע נ ט זי אלס אזעלכע. פון דאנען איז קלאָר, אז א זאך איז פאלקאם בעקאנט, נור ווען זי איז אין א ל ע פ ר ט י ם עהנליך צו געוויסע זאכען, וועלכע מען האָט פריהער בעמערקט; אז לויט דעם ערך פון די פרטים, אין וועלכע זי איז

ניט עהנליך צו די אין אזא ערך איז זי ניט בעקאנט: און דערי־בער, אויב זי האט לחלוטין גאר קיין אייגענשאפט ניט אין געמיינ־שאפט מיט עפעס אנ׳אנדער זאך, מוז זי לחלוטין שטעהן אויסערן גרעניץ פון אונזער וויסען.

איצט בעמערקט דעם שלוס, וועלכער איז אונז דא נוגע. אויב עס איז פאראן א קענשאפט פון אן „עצם ווירקליכקייט" (א „דינג אן זיך"), אלס עטוואס בעזונדערעס פון די ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן פון דער זאך, מוז די קענשאפט וואס מען קען האבען פון איהר פאלגען דאס געזעץ פון קענשאפט בכלל. כדי צו האבען איבערהויפט א קענשאפט פון דער „סבה העליונה", פון דעם „אין־סוף", פון דעם „אבסאלוטום", מוז מען איהם קלאסיפיצירען. כדי צו קענען פאזיטיוו דענקען פון איהם, מוז מען פון איהם דענקען אלס אזא אדער אזא — אלס אזוינער וואס איז פון דעם אדער יענעם סארט. קען ער זיין פון אן עהנליכען סארט ווי וואסער עס איז זאך, פון וועלכער מיר האבען א חושים׳דיגע ערפאהרונג? עס איז פון אויבען אויף קלאר, אז ניט. צווישען דאס שאפענדע און דאס געשאפע־נע מוז זיין אזא חלוק, וועלכער שטייגט אריבער אלע חלוקים, וואס געפינען זיך צווישען די פערשיידענע אבטיילונגען פון די געשאפענע. דאס ניט־פערוראזאכטע קען ניט פערמישט ווערען מיט דאס, וואס איז פערוראזאכט: די ביידע זיינען אין זייערע נעמען גופא דער היפך איינער פון אנדערן. דער „אין־סוף" קען ניט געשטעלט ווערען אין איין גרופע צוזאמען מיט עפעס, וואס האט א סוף; ווארים וויבאלד ער ווערט אזוי גרופירט, מוז ער שוין בעטראכט ווערען פאר אוים אין־סוף. עס איז אונמעגליך צו שטעלען דעם „אבסאלוטום" אין איין קאטעגאריע מיט עפעס וואס איז רעלאטיוו, כל זמן דער „אבסאלוטום" ווערט פערטייטשט אלס א וועזען, וואס קען ניט בעצייכענט ווערען דורך קיין נויטיגע שיכות. איז אפשר א סברא, אז דאס „ווירקליכע", וואס איז נישט דענקבאר על פי קלאסיפיקא־ציע מיט דאס „שיינבארע", איז דענקבאר על פי קלאסיפיקאציע מיט זיך אליין? אזא השערה איז פונקט אזוי אונזיניג ווי די אנדערע. זי שליסט איין דעם געדאנק פון מ ע ה ר ה י י ט פון דער „סבה

העליונה", פון דעם „אין סוף", פון דעם „אבסאָלוטום" ; און אזא געדאנק איז א ווידערשפרוך אין זיך אליין. עס קען ניט זיין מעהר ווי איין „ערסטע סבה" : ווייל אויב עס וואלט זיין מעהר ווי איינע, וואלט מען מוזען אננעהמען, אז עס איז עפּעס פאראן, וואס מאכט עס זאל זיין נויטיג מעהר ווי איין סבה, און יעמאלט וואלט יענער „עפּעס" זיין די אמת'ע „סבה העליונה". עס איז קלאָר, אז דער געדאנק פון צוויי אָדער מעהר „אין־סוף'ן", צערשטערט זיך אליין, ווען מען געדענקט, אז אזעלכע „אין סוף'ן", בעגרעניצענדיג איינער דעם אנדערן, וואלטען געווארען „ענדליכע". און דאס אייגע־נע איז ריכטיג בנוגע א מעהרהייט פון „אבסאלוטען" : אן „אב־סאלוטום" וואס עקזיסטירט צוזאמען מיט אנדערע, איז נישט מעהר קיין „אבסאלוטום", נור א „רעלאטיוו". הייסט עס, אז וויבאלד דאס „אונבעדינגטע" קען ניט געשטעלט ווערען אין איין קלאס מיט קיין פאָרם פון „בעדינגטע" זאכען, און אויך ניט מיט קיין אנדער „אונ־בעדינגטען", קען ער גאר אין גאנצען ניט קלאסיפיצירט ווערען. איז מען אבער מודה, אז ער קען ניט זיין בעקאנט אלס איינער פון אזא אָדער אזא סאָרט, מיינט עס מודה זיין, אז ער איז אונדענקבאר.

מיר זעהען אט אזוי, אז פון דער נאטור גופא פון דענקען לאזט זיך ארויספיהרען דער רעלאטיווער כאראקטער פון אונזער וויסען אויף דריי בעזונדערע אופנים. א געדאנק, ווי מיר געפינען עס על פּי אנאליז און ווי מיר זעהען עס אביעקטיוו ארויסגעוויזען אין יעדער סברא, שליסט איין ש י כ ו ת, ח ל ו ק און ע ה נ ל י כ ק י י ט. דאָס, וואס ווייזט ניט ארויס יעדערן פון אט די דריי סמנים, לאזט ניט האָבען פון זיך קיין קענשאפט. און דעריבער קענען מיר זאגען, אז אזוי ווי דאס „אונבעדינגטע" שטעלט ניט ארויס קיין איינצי־גען סמן פון די דריי, איז עס דרייפאכיג אונדענקבאר.

§ 25. אָט די אייגענע גרויסע ווארהייט קענען מיר אויך דערזעהן ארויסקוקענדיג פון נאָך אַנ'אנדער שטאנדפּונקט. אָנשטאָט צו אונטערזוכען אונזערע אינטעלעקטועלע קרעפטען, סיי דירעקט ווי זיי ווייזען זיך ארויס בעת מעשה פון דענקען, סיי ניט־דירעקט

ווי זיי ווייזען זיך ארוים אין געדאנק בעת ער דריקט זיך אוים אין ווערטער, אויב מיר טהוען א בליק אויף די פ ע ר ב י נ ד ו נ ג צווישען דעם פערשטאנד און די וועלט, זיינען מיר אויך געצוואונגען אנצונעהמען דעם אייגענעם שלוס. שוין אין דער פערטייטשונג גופא פונ'ם ווארט „לעבען", בעטראכטענדיג עס אין זיין העכסט אלגעמיינער (אבסטראקטער) פארם, לאזט זיך שוין דער דאזיגער שלוס־געדאנק מערקען.

דער לעצטער צוועק פון אלע לעבענסאקטען, ווען מען בעטראכט זיי ניט אבגעזונדערטערהייט, נור אין אנסאמבל (אלץ אין איינעם), איז דאס באלאנסירען פון געוויסע אויסערליכע פראצעסען וואס מוז פארקומען דורך געוויסע אינערליכע פראצעסען. עס זיינען פאראן אונאויפהערליכע אויסערליכע קרעפטען, וועלכע זוכען ארונטער צו ברייגגען דעם שטאף, פון וואס די ארגאנישע קערפער בעשטעהען, צו יענעם צושטאנד פון פעסטען גלייכגעוויכט, וועלכער ווייזט זיך ארוים ביי די ניט־ארגאנישע קערפער; עס זיינען פאראן אינערליכע קרעפטען, וועלכע קעמפפען כסדר אנטקעגען דער דאזיגער טענדענץ; און די אייביג נייע ענדערונגען, וואס שטעלען צונויף דאס לעבען, קענען בעטראכט ווערען אלס אינצידענטען אין דער אנהאלטונג פון דעם דאזיגען קאמפף. מיר געפינען צום ביישפיעל, אז כדי אויפצוהאלטען דעם קערפער אין א שטעהענדיגער פאזיציע, מוזען געוויסע געוויכטען נייטראליזירט ווערען (זיך געגענזייטיג אב'סילוק'ן) דורך געוויסע אנשטרענגונגען: יעדער אבער אדער ארגאן, וואס ציהט זיך צו דער ערד און שלעפט ארונטער די טיילען פון קערפער צו וועלכע ער איז צוגעבונדען, מוז אויפגעהאלטען ווערען אין זיין פאזיציע דורך די אנשטרענגונג פון געוויסע מוסקולען; אדער, אין אנדערע ווערטער: די גרופע קרעפטען, וועלכע וואלט, ווען מען זאל זי לאזען, צוגעצויגען דעם קערפער צו דער ערד, מוז ווערען געגען־באלאנסירט דורך אנ'אנדער גרופע פון קרעפטען. אזוי אויך, כדי אויפצוהאלטען די טעמפעראטור פונ'ם קערפער אויף א געוויסען גראד, מוז דער אויסערליכער פראצעס, וואס צושפרייט און ציהט ארייז די היץ אין די ארומיגע זאכען, בעקעמפפט ווערען

פון אן אָנגעמאָסטענעם אינערליכען פּראָצעס פון כעמישע פערבינ־
גען, וועלכער ענטוויקעלט פרישע היץ; און דערצו ארבייט עס נאָך
אזוי, אז אויב דער פערלוסט פון היץ ווערט צוליב געוויסע ענדערונ־
גען אין דער ארומיגער לופט גרעסער אָדער קלענער, ווערט די פּראָ־
דוקציאן פון היץ אין קערפּער אויך גרעסער אדער קלענער. און דאס
אייגענע געפינען מיר אומעדום ביי ארגאנישע ווירקונגען בכלל.

ווען מיר בעטראכטען די נידעריגערע מינים פון לעבען, זעהען
מיר, אז די איינשטימונגען וואס ווערען אויף דעם אופן אויפגעהאל־
טען, זיינען דירעקטע און פשוט׳ע; ווי דהינו ביי פלאנצען, וואס
זייער לעבענסקראפט בעשטעהט אין גרעסטען טייל פון אזוינע אָז־
מאָטישע און כעמישע ווירקונגען, וועלכע זיינען אנגעפאסט צו דער
גלייכצייטיגער עקזיסטענץ ארום זיי פון ליכט, היץ, וואסער אין
קויהלען־זויערע. ביי לעבעדיגע ברואים אָבער, און ספּעציעל ביי זייע־
רע העכערע מינים, ווערען די דאָזיגע איינשטימונגען שטארק קאמפּ־
ליצירט. אזוי ווי די מאטעריאלען פאר זייער וואקסען און נעהרען
זיך זיינען ניט במציאות אומעדום, ווי יענע מאטעריאלען וואס די
פלאנצען האָבען נויטיג, נור זיי זיינען צו־וואָרפען אין ווייטע פלע־
צער און אין פערשיעדענע פאָרמען, מוזען זיי אויסגעפונען ווערען,
מען מוז זיי ארייננקריגען, און מען מוז זיי בריינגען אין דער ריכטי־
גער פאָרם פערצעהרט צו ווערען אין קערפּער. דערפון נעהמט זיך
די נויט זיך צו קענען בעוועגען פון איין פלאץ אויף דעם אנדערן;
דערפון נעהמט זיך די נויט צו האָבען פערשיידענע חושים; דערי־
בער איז נויטיג צו בעזיצען כאפּער־געצייג און כלים אויף צער־
רייסען; דעריבער איז נויטיג צו האָבען א קונציגען פערדייהונג־
אפּאראט. בעמערקט אבער, אז אט די אלע כסדר צוגעקומענע קאמ־
פּליקאציעס זיינען בעצם נישט מעהר ווי הילפס מיטלען אויפצו־
האלטען די גאנצקייט פון דעם ארגאנישען באלאנס אנטקעגען יענע
פיזישע, כעמישע און אנדערע כחות, וועלכע שטרעבען איהם חרוב
צו מאכען. און בעמערקט נאָך מעהר, אז בעת אט די כסדר־צוגעקומע־
נע קאמפּליקאציעס דיענען דעם צוועק פון דער גרינדליכער צופּאַ־
סונג צווישען די אינערליכע און אויסערליכע ווירקונגען, זיינען זיי

אליין גופא מעהר גאָרנישט ווי ווייטערדיגע צופּאסונגען צווישען אינערליכע און אויסערליכע ווירקונגען. ווארים וואס דען זיינען די דאזיגע בעוועגונגען, מיט וועלכע א רויב־טיער יאגט נאך זיין רויב, אָדער מיט וועלכע זיין קרבן זוכט צו ענטלויפען, אויסער געוויסע ענדערונגען אין דעם ארגאניזם, וואס זיינען צוגעפּאסט צו ענטפּערן אויף געוויסע ענדערונגען אין זיין סביבה? וואָס דען איז די צו־נויפגעשטעלטע שטיקעל ארבייט פון דערטאפּען א ביסען, אחוץ א ספּעציעלע געגענזייטיגע שיכות פון פיזישע אייגענשאפטען? וואס דען איז דער פּראָצעס, וואס ברייגגט דאס ארונטערגעשלונגענע עסען אין דער פּאסיגער פאָרם אסימילירט צו ווערען אין קערפּער, אויב ניט א גאנג מעכאנישע און כעמישע ווירקונגען, וועלכער ענטפּערט אויף די מעכאנישע און כעמישע ווירקונגען, וואס כאַ־ראקטעריזירט די שפּייז? — עס ווערט דערפון קלאָר, אז בעת דאס לעבען אין זיין איינפאכער פאָרם איז די צוגעמפּאַסטענקייט פון גע־וויסע אינערליכע פיזיקאל־כעמישע ווירקונגען צו געוויסע אויסער־ליכע פיזיקאל־כעמישע ווירקונגען, איז יעדער פּארווערטס־טריט צו א העכערער לעבענס־פאָרם נור א בעסערע אויסהאַלטונג פון דער דאַזיגער עלעמענטארער צופּאסונג דורך די איינפיהרונג פון אנדערע צופּאסונגען.

אראָבוואַרפענדיג פון אָט דעם בעגריף יעדען תפל און פונאנ־דערלעגענדיג איהם אין זיין העכסט־אבסטראקטער פאָרם, געפינען מיר אז דאס לעבען קען פערטייטשט ווערען אלס — א נאָכאנאנדיגע צופּאסונג פון אינערליכע צו אויסערליכע שיכות'ן. און ווען מיר פערטייטשען עס אזוי, ענטדעקען מיר אז די דאזיגע דעפיניציאָן נעהמט ארוםביידען, אי דאס פיזישע, אי דאס פסיכישע לעבען, צו־גלייך. מיר דערזעהען, אז דאס דאזיגע וואס מיר רופען אן פער־שטאנד, בעווייזט זיך ערשט יעמאָלט, ווען די אויסערליכע שיכות'ן, צו וועלכע די אינערליכע זיינען צוגעפּאסט, הויבען אן צו ווערען צאהלרייך, קאמפּליצירט און ווייט־אוועק אין צייט אדער אין רוים; אז דער תוך פון יעדען פּארטשריט פונ'ם פערשטאנד בעשטעהט אין דער איינפיהרונג פון אלץ מעהר פערשיידענע, מעהר פּאַלשטענדיגע

און מעהר פערוויקעלטע צופּאַסונגען; און אז אפילו די העכסטע
ערפינדונגען פון דער וויסענשאַפט קענען צו־וואַרפען ווערען אויף
גייסטיגע שיכות'ן פון גלייכצייטיגער עקזיסטענץ און כסדר'דיגען
זיין, צונויפגעשטעלט אויף אזא אופן וואס זאל פּינקטליך שטימען
מיט געוויסע שיכות'ן פון גלייכצייטיגער עקזיסטענץ און כסדר'די־
גען זיין, וועלכע קומען פאָר אויסערליך. א מאָטיל־ווערימעל, אומר
קריכענדיג גלאט אין דער וועלט אריין און לסוף דערקריכענדיג צו
א פלאַנץ וואָס האָט א געוויסען ריח, הויבט אָן צו פרעסען די בלעט־
לעך — אינעווענינ אין זיך האָט ער אן ארגאנישע שיכות צווישען
א ספּעציעלען איינדרוק און א ספּעציעלען סדר פון מעשים, וועלכע
ענטפּערט אויף דער שיכות פון דרויסען צווישען ריח און שפּייז. דער
שפּערלינג, וועלכער ווערט געפיהרט אין זיינע האנדלונגען לויט דער
מעהר־קאָמפּליצירטער געגענזייטיגער שיכות פון איינדרוקען וואָס
ער בעקומט פון דעם מאטיל־ווערימל'ס געשטאלט, קאָליר און בעווע־
גונגען, און אויך לויט אנדערע געגענזייטיגע שיכות'ן, וועלכע מעס־
טען דעם ווערימל'ס פּאזיציע און דעם מרחק וואו ער געפינט זיך —
ברייננט צורעכט געוויסע אין געגענזייטיגער שיכות שטעהענדיגע
מוסקול־בעוועגונגען אויף אזא אַרט, אז ער זאָל קענען א כאַפּ טון
דעם מאטיל־ווערימל. שוועבענדיג אין דער הויך, דורך א פיעל־גערע־
סערע שטרעקע פון רוים, קריגט דער שפּאַרבער אן איינדרוק פון די
שיכות'ן פון געשטאלט און בעוועגונג, וואס דער שפּערלינג שטעלט
פאָר; און די פיעל מעהר־קאָמפּליצירטע און לענגערע רייהע פון
שיכות'דיגע נערוו און מוסקול ענדערונגען, וועלכע ער מאכט דורך
אלס ענטפּער אויף די אלע ווײַלע אנדערע שיכות'ן פון דעם שפּער־
לינג'ס פּאזיציע, געווינט ענדליך דעם זיעג, אויב זיי זיינען פּינקט־
ליך צוגעפּאסט צו אַט די אלע ווײַלע־אנדערע שיכות'ן. ביי דעם יע־
גער האָט די ערפאהרונג פעסטגעשטעלט א שיכות צווישען דעם
אויסזעהן און פליהען פון א שפּאַרבער, און דעם שיסען פון פויגלען
און אנדערע חיות; אויך איז ביי איהם פעסטגעשטעלט געווארען
א שיכות צווישען יענע איינדרוקען פון דער ראיה, וואָס ענטשפּרע־
כען א געוויסען מרחק אין רוים, און דעם אומפאנג פון זיין ביקס;

און ער האט אויך געלערנט פון אפטע בעאבאכטונגען וועלכע שיכות׳ן פון פאזיציע מוז האבען דאס וואס ער זעהט, צו א געוויסען פונקט אביסעל אין פאראויס פון דעם פליהענדען פויגעל, איידער ער וועט קענען אויף איהם שיסען און טרעפען. דאס אייגענע קען מען זעהן אויב מיר וועלען געהן צוריק צו דער פאבריצירונג פון דעם ביקס. על פי שיכות פון גלייכצייטיגער עקזיסטענץ צווישען קאליר, געדיכטקייט און דעם פלאץ וואו ער געפינט זיך אין דער ערד, ווייס מען, אז א געוויסער מינעראל גיט ארויס אייזען; און דאס ארויסקריגען פון איהם דעם אייזען איז א פועל יוצא, וואס קומט ארויס, ווען געוויסע טהאטען אונזערע, וואס האבען א געגענזייטיגע שיכות, זיינען צונעפאסט צו געוויסע געגענזייטיגע פערוואנדשאפטען, וועלכע ווייזען זיך ארום ביי אייזען־שטיין, קויהלען און ליים, וואס געפינען זיך אין א הויכער טעמפעראטור. אויב מיר געהען ארונטער נאך א טריט ווייטער און בעטען א כעמיקער ער זאל אונז דערקלערען פאר וואס שים־פולווער עקספלאדירט; אדער אויב מיר ווענדען זיך צו א מאטעמאטיקער נאך א טעאריע פון פראזשעקטילען (דעם לויף פון קוילען) געפינען מיר אויס, אז אלץ וואס זיי קענען אונז לערנען איז רק מכח ספּעציעלע און אלגעמיינע שיכות׳ן פון גלייכצייטיגער עקזיסטענץ און כסדר׳דיגען זיין צווישען אייגענשאפטען, בעוועגונגען, רוימען, און דערגלייכען. און לאמיר דא צו־לעצט בעמערקען, אז דאס וואס מיר רופען אן ו ו א ר ה י י ט — דאס וואס מאכט אונזער ארבייט ערפאלגרייך און האלט אויף דעם קיום פון לעבען — איז פשוט נור די אקוראטנע איינשטימונג צווישען די סוביעקטיווע און די אביעקטיווע שיכות׳ן; און פערקעהרט, דאס וואס מיר רופען אן ט ע ו ת — דאס וואס פיהרט אונז צו באנקראט און ממילא צום טוידט — איז דער צושטאנד וואו אזעלכע אקוראטנע איינשטימונגען זיינען ניטא.

אויב אבער דאס לעבען אין אלע זיינע ערשיינונגען, מיטרעכענענדיג אויך דעם פערשטאנד אין זיינע העכסטע פארמען, בעשטעהט אין נאכאנאנד צו־פאסען די אינערליכע צו די אויסערליכע שיכות׳ן, דאן איז פון אויבען אויף קלאר, אז אונזער גאנצעס וויסען

טראגט נויטיגערווייז א רעלאטיווען (שיכות'דיגען) כאראקטער. ווי־באלד אז דאָס איינפאַכסטע קענען (קאָגניציאָן) איז די איינפיה־רונג פון אַ געוויסער פערבינדונג צווישען סוביעקטיווע צושטאנדען, וועלכע ענטפערן אויף א געוויסער פערבינדונג צווישען אביעקטי־ווע קרעפטען; און וויבאלד אז יעדעס שפּעטערע, מעהר־קאמפּלי־צירטע קענען איז די איינפיהרונג פון א געוויסער מעהר־פערווי־קעלטער פערבינדונג פון אזוינע צושטאנדען, וואס ענטפערן אויף א געוויסער מעהר־פערוויקעלטער פערבינדונג פון אזוינע קרעפטען — איז דערפון קלאר, אז ווי ווייט דער דאזיגער פּראצעס זאל ניט גע־פיהרט ווערען, קען ער די צושטאנדען גופא אדער די קרעפטען גופא קיינמאָל ניט ברייננגען אינ'ם גבול פון דער השגה פון שכל. אויסגע־פינענדיג וועלכע זאכען קומען צוזאמען מיט וועלכע און וואָסערע זאכען קומען נאָך וואָסערע — אָנגענומען אז מען פאָרשט עס אויס עד גמירא — בלייבען מיר אלץ נישט מעהר ווי ביי די פאקטען פון גלייכצייטיגע עקזיסטענצען און פון עקזיסטענצען וואָס קומען איינע נאך די אנדערע. אויב יעדע מעשה פון וויסען מיינט דאס שאַ־פען פון א שיכות אין בעוואוסטזיין וואס געהט פאראלעל־גלייך מיט א שיכות אין דער סביבה, דאן איז דער רעלאטיווער (שיכות'דיגער) כאראקטער פון אונזער וויסען קלאר פון זיך אליין — ער ווערט אין פאקט א טרואיזם, און אויבען־אויפיגער אמת. וויבאלד דענקען מיינט ארויסרופען שיכות'ן, קען קיין געדאנק מעהר אלס שיכות'ן קיינמאָל ניט אויסדריקען.

און לאמיר דא דערביי ניט פערפעהלען צו בעמערקען, אז דעם שכל איז טאקי מעהר גאר נישט ניט נוגע אחוץ דאס, ביי וואס ער מוז בלייבען שטעהן. דאס וויסען, וואס מיר האָבען בכח צו גרייכען, איז דאָס איינציגע וויסען, וואָס קען אונז ברייננגען נוצען. אויפהאל־טען אן איינשטימונג צווישען די אינערליכע און די אויסערליכע ווירקונגען — דאס דאזיגע, וואס שטעלט צונויף אונזער לעבען אין יעדען מאָמענט פון דער געגענווארט און מאכט מעגליך דעם המשך פון לעבען אין די קומענדיגע מאמענטען, — דערויף פאָדערט זיך נור צו האָבען א ידיעה וועגען די כחות וואס ווירקען אויף אונז

אין זייער גלייכצייטיגען זיין און כסדר'דיגען קומען, אבער ניט ווי זיי זיינען „אן און פיר זיך". אויב, צום ביישפּיעל, „ש" און „ת" זיינען צוויי פערבונדענע אייגענשאפטען פון א וועלכען עס איז אויסערליכען אָביעקט, בעת „א" און „ב" זיינען די ווירקונגען, וואס זיי מאכען אויף אונזער בעוואוסטזיין; און אויב בעת די אייגענשאפט „ש" רופט אין אונז ארויס דעם גלייכגילטיגען צושטאנד „א", רופט די אייגענשאפט „ת" אין אונז ארויס דעם שמערצליכען גייסטיגען צושטאנד „ב" (ענטשפּרעכענדיג א פיזישע בעשעדיגונג); יעמאָלט איז אלץ וואָס מען דארף כדי צו וויסען ווי זיך נוהג צו זיין, אז ווי באלד „ש" איז דער שטענדיגער חבר פון „ת" אויסערליך, זאל „א" אלעמאל קומען אין חברותא מיט „ב" אינערליך, בכדי אז ווען צוליב דעם אויסערליכען „ש" ווערט אין אונזער בעוואוסטזיין דער איינדרוק „א", זאל גלייך נאך איהם קומען דער „ב", אדער ריכטיגער געזאגט די אידעע פון „ב", און דערוועקען אין אונז די בעוועגונגען, וועלכע קענען אונז מציל זיין פון די שעדליכע ווירקונגען פון „ת". די איינציגע נויטיגקייט איז, אז „א" און „ב" און די שיכות וואס צווישען זיי, זאלען אלעמאל אבענטפערן אויף „ש" און „ת" און זייער שיכות. אונז איז קיין נפקא מינה ניט, צי „א" און „ב" זיינען ענליך צו „ש" און „ת", צי ניין. ווען זיי וואָלטען געקענט זיין פונקט דיזעלביגע וואס יענע, וואלט אונז דערפון א האר ניט בעסער געוועזען; און פערקעהרט, זייער זיין לגמרי אונעהנליך איינע צו די אנדערע איז פאר אונז קיין חסרון ניט.

טיעף ארונטער, הייסט עס, אין דעם עצם נאטור פון לעבען לאזט זיך אויסגעפינען דער רעלאטיווער כאראקטער פון אונזער וויסען. די צוגליעדערונג פון אלע לעבענס־אקטען בכלל פיהרט אונז, ניט נור צו דעם שלום, אז דאס „דינג אן זיך" קען אונז ניט זיין בעוואוסט, נור אויך צו דעם שלום, אז אויב עס וואָלט אפילו מעגליך געוועזען צו האָבען א ידיעה דערפון, וואלט עס פאר אונז גאר קיין פעולה ניט געוועזען.

§ 26. איצט בלייבט נאך די לעצטע פראגע — וואס מוזען מיר זאגען מכח דאס וואס שטייגט אריבער אונזער וויסען? מוזען

מיר געפינען א מנוחה דורכאוים נור אין דעם בעוואוסטזיין פון ערשיינונגען? איז פון אלע חקירות דער פועל יוצא, אז יעדע זאך וואס איז ניט רעלאטיוו איז לגמרי אויסגעשלאסען פון אונזער פערשטאנד? אדער מיר מוזען אויך גלויבען אין עפעס, וואס איז ווייטער ווי דאס רעלאטיווע?

דער ענטפער, ווי מען מיינט, פון דער ריינער לאגיק איז, אז לויט די גרעניצען פון אונזער שכל זיינען מיר שטרענג איינגעצוימט אין תחום פון דעם „רעלאטיף", און אז וועגען יעדער זאך, וואס שטייגט אריבער דעם תחום פון „רעלאטיף" קען מען דענקען נור ווי פון א ריינע נעגאציע, אדער ווי פון א בלתי־יש, א ניט־עקזיסטענץ. „דער „**אבסאלוטום**" ווערט בעגריפען נור דורך דעם, וואס עס ווערט בטל יעדע השגה פון איהם" — שרייבט סער וויליאם האמילטאן. „דער „אבסאלוטום" און דער „אין־סוף", זאגט הער מאנסעל, זיינען אויף דעם אופן פונקט ווי די ווערטער: **אונבעגרייפבאר** און **אונבענעהמבאר**, — נעמען, וועלכע בעצייכענען גאר אין גאנצען ניט קיין אביעקט פון געדאנק אדער פון בעוואוסטזיין, נור בלויז די אבוועזענהייט פון די בעדינגונגען, אונטער וועלכע בעוואוסטזיין איז מעגליך". פון יעדען פון אט די מאמרים קען מען ציהען דעם שלוס, אז וויבאלד דער שכל איז אונז ניט ערב פאר די פאזיטיווע עקזיסטענץ פון דאס, וואס קען בעגריפען ווערען נור בתורת נעגאציע, קענען מיר על פי שכל ניט בעשטעטיגען די פאזיטיווע עקזיסטענץ פון קיין זאך ניט, וואס ליעגט מחוץ לתחום פון ערשיינונגען.

ווי אונפערמיידליך דער דאזיגער שלוס זעהט ניט אויס, שליסט ער איין, דענק איך, א געפעהרליכען טעות. אויב מען איז מודה אין דעם גרונד־געדאנק, מוז מען בלי ספק אויך מודה זיין אין דעם אויספיהר; אבער אט דער גרונד־געדאנק, אין דער פארם ווי סער האמילטאן און הערר מאנסעל שטעלען איהם אוועק, איז ניט גאר ריכטיג. הגם מיר האבען אליין אין די פריהערדיגע זייטלעך געבראכט מיט אונזער אייגענער הסכמה די ארגומענטען, מיט וועלכע די דאזיגע שרייבער בעווייזען, אז דער „אבסאלוטום" איז נישט

דענקבאר; און הגם מיר האָבען זיי נאָך בעפעסטיגט מיט אנדערע ארגומענטען, פּונקט אזוינע שטארקע ווי יענע; פון דעסטוועגען בלייבט אונז נאָך צו מאכען אויף זיי א פּירוש (א קוואליפיקאציע), וועלכער פערהיט אונז פון דעם סקעפּטיציזם, וואָס מיר וואָלטען זאָנסט געמוזט האלטען פאר נויטיג. מען קען ניט אָבלייקענען, אז כל זמן מיר האלטען זיך שטרענג אָן דער ריין־לאָגישער זייט פון דער פראגע, מוז מען אָננעהמען די אויבען־געבראכטע סברות אין גאנצען ווי זיי גענען; ווען מיר בעטראכטען אָבער איהר מעהר־אלגעמיינע אָדער פּסיכאָלאָגישע זייט, געפינען מיר, אז די דאָזיגע סברות דריקען ניט אוים די גאנצע וואהרהייט: זיי לאָזען ארויס, אָדער בעסער געזאָגט זיי שליסען אוים א העכסט־וויכטיגען פאקט. בפרטיות גערעדט, איז עס אזוי צו זאָגען: עס איז פאראן א חוץ דעם בעשטימטען בעוואוסט־זיין, וואָס זיינע געזעצע זיינען פאָרמולירט פון לאָגיק, נאָך אויך אן אונבעשטימטער בעוואוסטזיין, וועלכער קען ניט פאָרמולירט ווערען. עס זיינען פאראן א חוץ די פאָלשטענדיגע געדאנקען, אין א חוץ די ניט־פאָלשטענדיגע, וועלכע קענען אָבער ווערען פאָל־שטענדיג, נאָך אנדערע געדאנקען, וועלכע עס איז אונמעגליך צו פערפאָלשטענדיגען, און וועלכע זיינען אָבער דאָך ווירקליכע געדאנקען, אין דעם זין, וואָס זיי זיינען נאָרמאַלע איינדרוקען פון פערשטאנד.

בעמערקט ערסטענס, אז יעדער איינער פון די ארגומענטען, מיט וועלכע מען בעווייזט דעם רעלאטיווען כאראקטער פון אונזער וויסען, זעצט אליין פאראוים גאנץ קלאָר די פאָזיטיווע עקזיסטענץ פון עפּעס, וואָס איז ווייטער איידער דער רעלאטיף. ווען מיר זאָגען, אז מיר קענען דעם „אבסאָלוטום" ניט וויסען, מאכען מיר ממילא די בעהויפּטונג, אז עס איז פאראן אן „אבסאָלוטום". שוין אין דעם אָבלייקענען גופא, אז מיר האָבען בכח צו דערגעהן וואָס דער „אבסאָלוטום" איז, ליעגט בעהאלטען די סברא, אז זיין איז ער; און דער פאקט פון אָננעהמען אזא סברא בעווייזט, אז דער „אבסאָלוטום" האָט זיך פאָרגעשטעלט אין געדאנק ניט ווי

א גאַר נישט, נור ווי עפּעס א ממשות. דאָס אייגענע געפינט מען אויף יעדען טריט אין דעם געדאַנקען־גאַנג, וואָס מען פיהרט אָן צו שטיצען די דאָזיגע לעהרע. דער נ ו מ ע נ אָ ן (עצם זאַך), ווי מען רופט איהם אומעדום בתורת אנטיטעז (געגענזאַץ) צום פענאָ־מענאָן (ערשיינונג פון א זאַך), ווערט נויטיגערווייז דורכאוים בע־טראַכט פאר א ווירקליכקייט. עס איז שטרענג אונמעגליך זיך פאָר־צושטעלען, אז דאָס וואָס מיר ווייסען איז נור א וויסען פון ערשיי־נונגען אליין, אויב מיר האָבען ניט אין דער זעלבער צייט א בעגריף פון א „ווירקליכקייט“, פון וועלכער זיי זיינען ערשיינונגען: וואָרים ערשיינונג אָהן ווירקליכקייט איז אונדענקבאַר. שטרייכט אוים פון אונזער ויכוח די ווערטער: דאָס „אונבעדינגטע“, דער „אין סוף“, דער „אבסאָלוטום“ וכדומה, און שרייבט אָן אַנשטאָט זיי: „דאָס בטל ווערען פון יעדער השגה“, אָדער די אָבוועזענהייט פון די בע־דינגונגען, אונטער וועלכע בעוואוסטזיין איז מעגליך" — וועט איהר זעהן, אז פון ויכוח ווערט פּשוט א פּלוידעריי. אויב מען וויל האָ־בען אן אמת'ע פאָרשטעלונג אין געדאַנק פון וועלכען עס איז זאַץ, וואָס קומט אריין אין דער חקירה מכח דאָס „אונבעדינגטע“, מיז דאָס „אונבעדינגטע“ פאָרגעשטעלט ווערען ווי עפּעס א פּאָזיטיווע, ניט ווי א נעגאַטיווע זאַך. היינט ווי אזוי קען מען געזעצליך שליסען פון אָט דעם אייגענעם ארגומענט, אז מיר האָבען נור א נעגאַטיווען בעוואוסטזיין פון דאָס „אונבעדינגטע“? אן ארגומענט, וואָס זיין בנין גופא גיט א בעשטימטע בעדייטונג צו א געוויסען אויסדרוק, וועלכער אָבער פיהרט צום סוף אוים, אז דער דאָזיגער אויסדרוק האָט גאָר ניט אזא בעדייטונג — איז פּשוט נישט מעהר ווי א גע־מאַטערטער זעלבסטמאָרד. עס איז דאָך גאַנץ קלאָר, אז די ראיה גופא מיט וועלכער מען בעווייזט, אז מיר קענען ניט האָבען קיין **ב ע ש ט י מ ט ע ן** בעוואוסטזיין פון דעם אבסאָלוטום, איז אליין אונפערמיידליך אפריהער משער אן **א ו נ ב ע ש ט י מ ט ע ן** **בע־**וואוסטזיין פון איהם.

אפשר דער בעסטער וועג ווי צו בעווייזען אז מיר זיינען **גע־**צוואונגען דורך די נויטיגע תנאים פון געדאַנק זיך צו שאפען **א**

פּאָזיטיווען, ווען אפילו ניט קיין קלאָרען, בעוואוסטזיין פון דאָס דאָזיגע וואָס שטייגט אריבער די קלאָרע בעוואוסטזיניגקייט, איז — צו אנאליזירען אונזער בעגריף פון דעם געגענזאַץ צווישען „רעלאַטיוו" און „אבסאָלוט". עס איז א לעהרע וועגען וועלכער עס זיינען קיין פלוגתא'ס ניטאָ, אז אזעלכע תרתי דסתרא'ס פון געדאנק ווי „גאנצעס" און „טייל", „גלייך" און „ניט־גלייך", „יחיד" און „רבים" ווערען נויטיגערוויז בעגריפען אלס קאָררעלאַטיוועז (גע־גענזייטיגע שיכות'ן): דער בעגריף פון א טייל איז אונמעגליך אָהן דעם בעגריף פון א גאנצעס; עס קען ניט זיין קיין אידעע פון גלייכהייט אָהן די אידעע פון אונגלייכהייט. און אלע זיינען מודה, אז אויפ'ן זעלביגען אופן קען מען אפילו דעם רעלאַטיף גופא ניט בעגרייפען אלס אזעלכען, סיידען נור על פי היפך צו דעם ניט־רעלאַטיוו אָדער אבסאָלוט. סער וויליאם האמילטאָן, אין זיין שטארקער קריטיק אויף קוזען (וועלכע איז אין די מעהרסטע טיילען אזוי שטארק אז מען קען זי ניט אָבשלאָגען) טענה'ט אפילו לשיטתו, לויט זיין פּאָזיציע וואָס מיר האָבען אויבען איבערגעגעבען, אז איינער פון די דאָזיגע קאָררעלאַטיוון איז טאקע מעהר גאָר נישט ווי נור א נעגאציע פון דעם אנדערען. „קאָררעלאַטיווען, געגענ־זייטיגע שיכות'ן, — זאָגט ער — רופען גאנץ געוויס איינער דעם אנדערען ארויס, אָבער עס איז גאָר ניט געזאָגט, אז די ביידע גע־גענזייטיגע שיכות'ן זיינען אלע מאָל גלייך־ווירקליך און גלייך־פּאָ־זיטיוו. אין געדאנק מוזען הפכים (ווי למשל „גאנץ" און „טייל") איינשליסען איינער דעם אנדערען, וואָרים די ידיעה פון הפכים איז איינע. אָבער די ווירקליכקייט פון איין היפּך איז ניט נור ניט ערב אז דער אנדער היפּך איז אויך ווירקליך, נור פערקעהרט, ער איז גאָר נישט מעהר ווי א נעגאציע פון דעם אנדערען. יעדער פּאָ־זיטיווער רעיון (דער בעגריף פון א זאַך לויט דאָס וואָס זי איז) רופט אויף דעם אופן ארויס א נעגאטיווען רעיון (דעם בעגריף פון א זאך לויט דאָס וואָס זי איז ניט); און דער העכסטער פּאָזיטיווער רעיון, דער רעיון פון דאָס בעגרייפליכע, האָט אויך זיין צוגעפּאָרטען נעגאטיף אין דעם רעיון פון דאָס אונבעגרייפליכע. אָבער הגם די

ביידע רופען גענענזייטיג ארויס איינער דעם אנדערען, איז נור דער פּאָזיטיווער רעיון אליין א ווירקליכער; דער נעגאַטיווער איז נור אן אבסטראקציע פון יענעם און, אין דער העכסטער כלל־פּאָרם, איז ער אפילו אן אבסטראקציע פון געדאנק גופא“. אָבער אָט די בעהויפּטונג, אז דער נעגאַטיווער פון אזוינע הפכים „איז *נישט מעהר* ווי אן אבסטראקציע פון דעם אנדערען“ — „איז *נישט מעהר* ווי א נעגאציע פון איהם“ — איז ניט אמת. ביי אזוינע קאָררעלאטיווען ווי „גלייך“ און „ניט־גלייך“ זעהט מען קלאָר גענוג, אז דער נעגאַטיווער בעגריף האלט נאָך עפּעס איין אין זיך א חוץ די נעגאציע פון דעם פּאָזיטיווען בעגריף; וואָרים די זאכען, וועגען וועלכע מען טראכט אז זיי זיינען ניט־גלייך, ווערען דאָך ניט בטל פון בעוואוסטזיין דורך דעם וואָס מען לייקענט אָב זייער גלייכהייט. און וואָס סער וויליאם האמילטאָן האָט פערזעהען, איז דער פאקט, אז די אייגענע זאך איז ריכטיג אפילו בנוגע צו קאָררעלאטיווען, וועמעס נעגאטיוו איז אונבעגרייפליך אין שטרענגסטען זין פון וואָרט. נעהמט צום ביישפּיעל די הפכים „בעגרעניצט“ און „אונבעגרעניצט“. אונזער רעיון פון „בעגרעניצט“ איז צונויפגעשטעלט ערשטענס פון דעם בעוואוסטזיין פון עפּעס א מין וועזען, און צווייטענס פון דעם בעוואוסטזיין פון די גרעניצען, אונטער וועלכע דער דאָזיגער וועזען איז בעקאנט. אין דעם געגענגעזעצטען געדאנק פון „אונבעגרעניצט“ איז בטל געוואָרען דאָס בעוואוסטזיין פון גרעניצען, עס איז אָבער ניט בטל געוואָרען דאָס בעוואוסטזיין פון עפּעס א מין וועזען. עס איז גאנץ אמת, אז ווען עס איז ניטאָ קיין בעגריף פון גרעניצען, איז דאָס בעוואוסטזיין פון עפּעס א וועזען שוין ניט מעהר קיין קאָנצעפּט (גאנצער בעגריף) אין ריכטיגען זין; עס איז אָבער ניט וועניגער אמת, אז ער בלייבט אליין ווי א געוויסע פאָרם פון בעוואוסטזיין. אויב דער נעגאַטיווער היפּך וואָלט אין אזוינע פעלען טאקע געווען, ווי מען זאָגט, *מעהר גאָר נישט*, ווי א נעגאציע פון דעם אנדערען, און בכן, הייסט עס, א פשוט'ער גאָר נישט, דאן וואָלט דאָך דערפון גאנץ קלאָר ארויסקומען, אז מען קען געברויכען די נעגאַטיווע הפכים בייטענדיג

איינע אנשטאט די אנדערע: דאס „אונבעגרעניצטע" וואלט מען, למשל, געקענט האלטען אין געדאנק אלס דעם היפך פון „צוטייל־בארע", און דאס „אונצוטיילבארע" אלס דעם היפך פון „בעגרע־ניצטע". בעת אבער דער פאקט וואס מען קען זיי אזוי ניט גע־ברויכען בעווייזט, אז אין בעוואוסטזיין זיינען די נעגאטיווען „אונ־בעגרעניצט" און „אונצוטיילבאר" אייגענשאפטליך קלאר אבגעזונ־דערט, און דעריבער — *פאזיטיווע אדער ווירקליכע* בעגריפען; ווארים צווישען „גאר נישט'ן" קענען קיינע חלוקים ניט עקזיסטירען. דער טעות (אין וועלכען עס פאלען גאנץ נאטירליך אריין די פילאזאפען, וועלכע זיינען להוט צו בעווייזען די גרעניצען און בעדינגען פון בעוואוסטזיין) בעשטעהט דעריין, וואס זיי נעהמען אן, אז אין בעוואוסטזיין געפינט זיך *מעהר גאר נישט אוי־סער* גרעניצען און בעדינגען; פערזעהענדיג אין גאנצען די *זאך*, וועלכע איז בעגרעניצט און בעדינגט. מען פערגעסט אז עס איז פאראן אן עפעס, וואס איז צוגלייך אי דער רויהער מאטעריאל פון *בעשטימטען* דענקען, אי אזוינס וואס בלייבט נאכדעם ווי די בעשטימטקייט, וואס דאס דענקען האט איהם געגעבען, איז צור־שטערט געווארען. איצטער, ווען מען זאל נור איבערבייטען די אויסדרוקען, קען דאס אלעס אנגעווענדט ווערען אויף דעם לעצטען און העכסטען פון די אלע הפכים — אויף דעם היפך צווישען דעם רעלאטיף און דעם ניט־רעלאטיף. מיר זיינען בעוואוסטזיניג פון דעם רעלאטיף, ווי פון אן עקזיסטענץ אונטער בעדינגען און גרע־ניצען; עס איז אונמעגליך צו דענקען וועגען די דאזיגע בעדינגען און גרעניצען אפארט פון דעם עפעס, וועמען זיי גיבען די פארם; אבציהען אט די בעדינגען און גרעניצען, מיינט לויט דער היפאטעזע אבציהען *נור זיי אליין*: בכן מוז נאך איבערבלייבען א בעוואוסטזיין פון עפעס, וואס האט אויסגעפילט זייערע גרעניץ־שטריכען; און אט דער אונבעשטימטער עפעס איז עס, וואס שטעלט צונויף אונזער בעוואוסטזיין פון דעם „ניט־רעלאטיוו" אדער „אב־סאלוט". ווי אונמעגליך אפילו עס זאל ניט זיין צו בעצייכענען דעם דאזיגען בעוואוסטזיין מיט א וועלכען עס איז אויסדרוק סיי

פון איכות, סיי פון כמות, איז עס דעננאָך אַלץ זיכער, אַז ער בלייבט ביי אונז אַלס אַ פּאָזיטיווער און ניט צערשטערבארער עלע־מענט פון דענקען.

די דאָזיגע ווארהייט זעהט זיך אָן נאָך קלערער, ווען מען בע־טראכט זיך, אַז אויב אונזער בעגריף פון דעם אבסאָלוטום איז נישט מעהר ווי אַ ריינע נעגאציע, דאַן פערשווינדעט דאָך אונזער בע־גריף אפילו פון דעם רעלאַטיף גופא. די שרייבער וועלכע איך האָב אויבען געבראכט זיינען מודה, אָדער בעסער געזאָגט, זיי אליין טענה'ן, אַז הפכים קענען זיין בעוואוסט נור אין שיכות איינע צו די אנדערע: דהינו „גלייכהייט", למשל, איז ניט דענקבאר אפּארט פון איהר געגענזייטיגער שיכות (איהר קאָררעלאַטיף) „אונ־גלייכהייט"; און אַז אויף דעם אופן קען מען אפילו דעם „רעלאַטיף" אליין נור בעגרייפען על פּי היפּך צו דעם „ניט־רעלאַטיף". עס ווערט אויך צוגעגעבען, אָדער ריכטיגער, מען האמפּערט זיך פאר דעם, אַז דאָס בעוואוסטזיין פון אַ שיכות שליסט ממילא איין אַ בעוואוסטזיין פוןביידע טיילען וואָס זיינען פערבונדען אין דער שיכות. אויב מען פאָדערט פון אונז מיר זאָלען בעגרייפען די שיכות צווישען דעם „רעלאַטיף" און דעם „ניט־רעלאַטיף", ווען מיר זיינען ניט בעוואוסטזיניג פון ביידען, „פערלאַנגט מען פון אונז פאקטיש — מיר ציטירען מאנסעל'ס ווערטער, נור אנדערש אַנגעווענדט — „מיר זאָלען פערגלייכען דאָס, פון וואָס מיר זיינען בעוואוסטזיניג, מיט דאָס, פון וואָס מיר זיינען ניט בעוואוסטזיניג: בעת דער פערגלייך גופא איז אַ מעשה פון בעוואוסטזיין און איז מעגליך נור ווען מען איז בעוואוסטזיניג פון די ביידע אָביעקטען, וועלכע מען פערגלייכט". היינט וואָס ווערט פון דער בעהויפּטונג, אַז „דער „אבסאָלוטום" ווערט בעגריפען נור דורך דעם, וואָס עס ווערט בטל יעדע השגה פון איהם", אָדער אַז ער איז נור, די אַב־וועזענהייט פון די בעדינגנגען, אונטער וועלכע בעוואוסטזיין איז מעגליך"? אויב דער „ניט־רעלאַטיוו" אָדער „אבסאָלוט" געפינט זיך אין געדאנק נור ווי אַ נעגאציע, קען דאָך ניט געמאָלט זיין קיין שיכות צווישען איהם און דעם „רעלאַטיף", וואָרים איינער

פון די צוויי זייטען פון דער שיכות איז ניטאָ אין בעוואוסטזיין. און וויבאלד אז אָט די שיכות איז ניט דערקענבאר, איז דאָך דער „רעלאַטיוו“ גופא ניט דערקענבאר, ווארים עס איז ניטאָ זיין אנטי־טעז, זיין היפּך: הייסט עס דערפון, אז עס קען גאָר קיין שום געדאנק ניט זיין.

לאָמיר דאָ אָנצייגען, אז אי סער האמילטאָן, אי הערר מאנסעל, גיבען אליין אין אנאנדער פלאץ קלאָר צו פערשטעהן, אז אונזער בעוואוסטזיין פון דעם „אבסאָלוט“, הגם עס איז אן אונבעשטימט בעוואוסטזיין, איז עס דוקא א פּאָזיטיוועס און ניט קיין נעגאטיוועס. יענער אייגענער זאץ האמילטאָן'ס, וואו ער מאכט די בעהויפּטונג, אז „דער אבסאָלוט“ ווערט בעגריפען נור דורך דעם, וואָס עס ווערט בטל פון איהם יעדע השגה“, ענדיגט זיך אליין מיט דער בעמער־קונג, אז „אין דעם בעוואוסטזיין גופא, וואָס מיר זיינען ניט בכח צו בעגרייפען עפּעס העכערעס איידער דאָס רעלאַטיווע און דאָס ענדליכע, פיהלען מיר זיך דורך א וואונדערבארע ענטפּלעקונג בע־גייסטערט פון דעם גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון אן עפּעס, וואָס איז אונבעדינגט, וואָס געפינט זיך הינטער דעם קרייז פון בעגרייפבארע ווירקליכקייטען“. די לעצטע בעהויפּטונג איז פּאַקטיש מודה וואָס די אנדער בעהויפּטונג לייקענט אָב. לויט די געזעץ פון דענקען, ווי סער האמילטאָן האָט זיי אליין אויסגעטייטשט, פיהלט ער זיך געצוואונגען אָנצונעהמען דעם שלוס, אז אונזער בעוואוסטזיין פון דעם אבסאָלוטום איז א ריינע נעגאציע. פון דעסטוועגען געפינט ער דאָך, אז עס עקזיסטירט אין בעוואוסטזיין אן אונצערשטערבארע איבערצייגונג וועגען א ווירקליכע „עק־זיסטענץ פון עפּעס, וואָס האָט ניט קיין בעדינגונגען“. און ער פּטר'ט אָב די סתירה וואָס ליעגט אין דעם, דערמיט וואָס ער רופט אָן די דאָזיגע איבערצייגונג „א וואונדערבארע ענטפּלעקונג“, א „גלויבען“ פון וועלכען מיר זיינען „בעגייסטערט“ — ער וויל משמעות אויף דעם אופן אונז געבען אן אָנצוהערעניש, אז די דאָזיגע איבערצייגונג געהט אויף אן איבערנאטירליכען וועג להיפּך צו די געזעץ פון דענקען. אין אן ענליכער סתירה פאלט אריין אויך

הערר מאנסעל. ווען ער זאָגט, אז „מיר זיינען געצוואונגען לויט דעם געבוי פון אונזער שכל צו גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון אן „אבסאָלוטען" און „אונענדליכען" ווען — א גלויבען, וועלכער שיינט צו זיין ארויפגעצוואונגען אויף אונז ווי א מין צוגאָב צו אונזער בעוואוסטזיין פון דאָס „רעלאַטיווע" און „ענדליכע"; גיט ער דערמיט קלאָר צו פערשטעהן, אז דער דאָזיגער גלויבען איז א פּאָזיטיוו בעוואוסטזיין, ניט קיין נעגאַטיווער. ער איז מודה בשתיקה אז מיר זיינען געצוואונגען צו בעטראַכטען דעם אבסאָלוטום אלס עפּעס מעהר איידער א נעגאציע — אז אונזער בעוואוסטזיין פון איהם איז נ י ט „בלויז די אָבוועזענהייט פון די בעדינגען אונטער וועלכע בעוואוסטזיין איז מעגליך".

די זעהר גרויסע וויכטיגקייט פון אָט דער פראגע איז מיין ענטשולדיגונג פאר וואָס איך וועל נאָך א ביסעל בעלעסטיגען דעם לעזער'ס אויפמערקזאמקייט, אין דער האָפנונג קלאָר צו מאַכען די הארבע פונקטען וואָס זיינען נאָך געבליבען. מיר האָבען געזעהן ווי עס איז געדרונגען פון א לעצטען געזעץ פון דענקען, אז אונזער בעוואוסטזיין פון „דאָס אונבעדינגטע" האָט נויטיגערווייז א פּאָזי־טיווען כאראקטער; איצט וועט עס ווערען נאָך מעהר פערשטענד־ליך ווען מיר וועלען בעטראַכטען דעם פּ ר אָ צ ע ס פון דענקען.

איינער פון די ארגומענטען וואָס זיינען געברויכט געוואָרען צו בעווייזען אז אונזער וויסען טראָגט א רעלאַטיווען כאראקטער, איז געווען דער פאקט, וואָס מיר קענען ניט בעגרייפען ר ו י ם אָדער צ י י ט, ניט בתורת בעגרעניצט און ניט בתורת אונבעגרעניצט. עס איז אָנגעצייגט געוואָרען, אז בעת מיר שטעלען זיך פאָר א גרעניץ וואקסט אין דער זעלביגער רגע אויס א בעוואוסטזיין פון א רוים אָדער א צייט וואָס עקזיסטירט הינטער דעם גרעניץ. יענער ווייטערער רוים, אָדער יענע ווייטערע צייט קומט טאקע אפילו ניט פאָר אין געדאנק ווי עפּעס בעשטימטעס, דאָך אָבער שטעלט עס זיך פאָר ווי עפּעס ווירקליכעס. הגם קיין ריכטיגען קאָנצעפּט דערפון האָבען מיר ניט, וואָרים מיר קענען עס ניט ארײנשטעלען אין ראַמען, דאָך געפינט זיך אָבער אין אונזער מח דער ניט־פאָר־

מירטער מאטעריאל פון א קאָנצעפּט. דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם בעוואוסטזיין וואָס מיר האָבען פון „אורזאכען". מיר זיינען פּונקט אזוי ווענינ בכח זיך צו מאכען א בעגרעניצטע אידעע פון אורזאכען, ווי פון רוים אָדער צייט; און מיר זיינען פאָלגליך מחויב צו דענקען וועגען די אורזאך וואָס שטייגט אריבער די גרעניצען פון אונזער געדאנק, ווי א פּאָזיטיווע הגם אונבעשטימטע זאך. ריכטיג אויפ'ן זעלביגען אופן ווי עס הויבט אָן ארויסצושפּראָצען, בעת מיר בעגרייפען א וועלכען עס איז בעגרעניצטען רוים, א בע־וואוסטזיין פון רוים הינטער די גרעניצען; אזוי אויך, בעת מיר דענקען פון א וועלכער עס איז בעשטימטער אורזאך, שפּראָצט גלייך ארוים א בעוואוסטזיין פון אן אורזאך הינטער יענער: און אין איין פאל ווי אין דעם אנדערען איז דאָס דאָזיגע אָקאָרשט־ארויסגעשפּראָצטע בעוואוסטזיין אין עצם עהנליך צו יענעם בע־וואוסטזיין וואָס האָט עס ארויסגערופען, הגם עס האָט קיין פאָרם ניט. דער אימפּעט פונ'ם געדאנק טראָגט אונז אונפערמיידליך אוועק אריבער די „בעדינגטע" עקזיסטענץ צו דער „אונבעדינגטער" עקזיסטענץ; און אָט די (אונבעדינגטע עקזיסטענץ) פערבלייבט שטענדיג אין אונז אלס דער חומר פון א געדאנק, וועלכען מיר קענען קיין פאָרם ניט געבען.

דערפון נעהמט זיך אונזער שטארקער גלויבען אין אָביעקטיווער ווירקליכקייט — א גלויבען וועלכען די מעטאפיזישע קריטיק קען ניט א טרייסעל טון אפילו פאר איין מאָמענט. ווען מען לערנט אונז, אז א שטיק מאטעריע, וועלכע מיר בעטראכטען אלס א זאך וואָס עקזיסטירט אויסערליך, קען באמת גאָר ניט זיין בעקאנט, נישט מעהר נור וואָס מיר קענען וויסען די געוויסע איינדרוקען וואָס זי מאכט אויף אונז, זיינען מיר דעננאָך געצוואונגען צוליעב דעם רעלאטיווען כאראקטער פון אונזער געדאנק צו דענקען וועגען די דאָזיגע איינדרוקען אין שיכות צו א פּאָזיטיווער סבה — עס הויבט אָן געבאָרען ווערען דער רעיון פון א ווירקליכער עק־זיסטענץ, וועלכע האָט ארויסגערופען די דאָזיגע איינדרוקען. אויב מען בעווייזט אונז, אז יעדער רעיון וואָס מיר קענען אויפבויען פון

ווירקליכער עקזיסטענץ, איז לגמרי זיך אליין סותר — אז מאַ־טעריע ווי מיר זאָלען זי ניט בעגרייפען, איז ניט די מאטעריע וואָס זי איז בפועל ממש — ווערט אלץ אונזער בעגריף ניט בטל, הגם ער קריגט אנאנדער פנים: עס בלייבט א געפיהל פון ווירקליכקייט, אָבגעזונדערט אזוי ווייט ווי מעגליך פון יענע ספעציעלע פאָרמען, אין וועלכע ער האָט זיך פריהער פאָרגעשטעלט אין גדאנק. הגם די פילאָזאָפיע פער'משפט כסדר יעדען בעגריף וואָס מען פרובירט זיך נור מאכען פון דעם „אבסאָלוטום" — הגם זי בעווייזט אונז, אז דער „אבסאָלוטום" איז ניט דאָס און ניט יענעס און ניט עפּעס אנדערש — הגם האָרכענדיג זי, שטעלען מיר בכלל לאו יעדע אידעע פון דעם, גליך ווי די אידעע קומט ארויף: דאָך אָבער, אזוי ווי דעם גאנצען אינהאלט פון בעוואוסטזיין קענען מיר ניט ארויסוואר־פען, בלייבט שטענדיג איבער אן עלעמענט, וועלכער געהט אריבער אין נייע פאָרמען. דאָס שטענדיגע מבטל זיין פון יעדער איינציגער פאָרם און גרעניץ פיהרט נור צו א מעהר אָדער ווייניגער פאָל־שטענדיגער אבסטראקציע פון אלע פאָרמען און פון אלע גרעניצען, ביז עס ענדיגט זיך אין אן אונבעשטימטען בעוואוסטזיין פון דאָס אונפאָרמירטע און אונבעגרעניצטע.

און אָט דאָ ערסט טרעפען מיר זיך פנים אל פנים מיט דער אלערלעצטער קשיא — ווי אזוי קען עס מעגליך זיין עס זאָל זיך צונויפשטעלען א בעוואוסטזיין פון דאָס וואָס האָט ניט קיין פאָרמען און גרעניצען, ווען לויט זיין עצם נאטור נאָך איז בעוואוסטזיין מעגליך נור בתנאי פון פאָרמען און גרעניצען? אויב יעדעס בע־וואוסטזיין פון עקזיסטענץ איז א בעוואוסטזיין פון עקזיסטענץ אונ־טער בעדינגונגען, איז וואָס קען דאָרטען איבערבלייבען נאָכדעם ווי די בעדינגונגען זיינען בטל געוואָרען? אויב דער רויהער מאטעריאל פון בעוואוסטזיין ווערט, בעת מען נעהמט אוועק די בעדינ־גונגען, דירעקט אפילו ניט אוועקגענומען — ווערט ער דען אָבער ניט אוועקגענומען ממילא פון־זיך? מוז ער דען ניט פערשווינדען, ווען די בעדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ פערשווינדען? אז עס מוז זיין א תירוץ אויף אָט דער קשיא, איז קלאָר; וואָרים אפילו

די, וועלכע וואָלטען שטעלען די קשיא, זיינען אליין מודה, ווי מיר האָבען שוין בעוויזען, אז מיר האָבען יאָ עפּעס אַט אזא מין בע־וואוסטזיין; און עס שיינט אז דער תירוץ איז טאקע דער, וואָס מיר האָבען פריהער אָנגעדייטעט. אזא בעוואוסטזיין איז ניט און קען ניט זיין צונויפגעשטעלט פון איין איינציגען גייסטיגען אקט; ער איז אָבער דער פּועל יוצא פון א סך גייסטיגע אקטען. אין יעדען קאָנצעפּט איז פאראן אן עלעמענט וואָס האלט זיך פעסט. אַט דער עלעמענט קען קיינמאָל ניט פעהלען פון בעוואוסטזיין און עס איז אויך ניט מעגליך ער זאָל דאָרט זיין איינער אליין: אין איין פאל ווי אין דעם אנדערען וואָלט עס געמיינט אונבעוואוסט־זיין — אין דעם ערשטען פאל ווייל עס וואָלט געפעהלט דער עצם, אין דעם אנדערען, ווייל עס וואָלט געפעהלט די פאָרם פון בע־וואוסטזיין. די פעסטקייט אָבער פון אַט דעם עלעמענט אונטער די כסדר־קומענדיגע בעדינגען נויט אונז צו פיהלען איהם ווי עפּעס, וואָס איז אָבגעזונדערט פון די בעדינגונגען און ניט־אָבהענגיג פון זיי. מען קען ניט לויז ווערען פון דעם גפיהל פון אן עפּעס, וואָס איז בעדינגט אין יעדען געדאנק, ווייל מען קען פון דעם „עפּעס" ניט לויז ווערען. ווי אָבער מוז זיין צונויפגעשטעלט אַט דער געפיהל פון דעם „עפּעס"? ער ווערט בלי ספק צושטאנד גע־בראכט דורך א צונויפבינדונג פון די כסדר־קומענדיגע קאָנצעפּטען, פון וועלכע עס זיינען אוועקגענומען געוואָרען זייערע גרעניצען און בעדינגונגען. מיר בויען אַט דעם אונבעשטימטען געדאנק, ווי מיר בויען א סך פון אונזערע בעשטימטע געדאנקען — דורך א צונויפשמעלצונג פון א סעריע פון געדאנקען. לאָמיך דאָס קלאָר מאכען. א גרויסער, קאָמפּליצירטער געגענשטאנד, וועלכער האָט א צו־גרויסע צאָהל איינגענשאפטען מען זאָל זיי קענען זיך פאָר־שטעלען אלעמען מיט א מאָל, קען דאָך ווערען בעגריפען ניש־קשה'דיג ריכטיג, ווען מען פעראייניגט עטליכע פאָרשטעלונגען צו־זאמען, פון וועלכע יעדע איינע פערטרעט א טייל פון זיינע אייגענ־שאפטען. ווען מען דענקט פון א פּיאנאָ קומט צוערסט ארויף אין דמיון איהר אויסזעהן ווי עס דערשיינט פאר'ן אויג, דערנאָך

קומען־צו אין מאָמענט (הגם דורך בעזונדערע גייסטיגע אקטען) די אידעען פון איהר ווייטער זייט און פון איהר האפטיגען מאַטעריאַל. א פאַלשטענדיגער בעגריף פון איהר שליסט אָבער אויך איין די סטרונעס, די העמערלעך, די קלאַנג־פערדומפּערס, די פּוס־שליסלען; און בעת מען לעגט כסדר צו אַט די אלע זאכען צום בעגריף, פאלען מעהר אָדער ווייניגער ארויס פון בעוואוסטזיין יענע אלע אייגענשאפטען פון וועלכע מען האָט צוערשט געדענקט. דאָך אָבער שטעלט די גאַנצע פעראייניגטע גרופּע צונויף א פאָרשטעלונג פון דער פּיאַנאָ. איז הייסט עס אזוי: אקוראט ווי דאָ אין דעם פאַל בויען מיר זיך אויף א *בעשטימטען* קאָנצעפּט פון א *ספּעציעלער* עקזיסטענץ־זאַך, דורך דעם וואָס מיר לעגען ארויף מיט יעדען ווייטערדיגער געדאַנקען־אקט אלץ מעהר גרעניצען און בעדינגונגען, אזוי אויך אין דעם פערקעהרטען פאַל, ווען מיר נעהמען אוועק די גרעניצען און בעדינגונגען אין די כסדר'דיגע געדאנקען־אקטען, בויען מיר אויף אַן *אונבעשטימטען* געדאנק פון אַן *אלגעמיינער* עקזיסטענץ. צונויפשמעלצענדיג א סעריע צושטאנדען פון בעוואוסטזיין, וואָס אין יעדער צושטאנד גלייך ווי ער וואקסט ארויס ווערען בטל די בעגרעניצונגען און בעדינגונגען, ווערט בעת מעשה געשאפען א בעוואוסטזיין פון עפּעס וואָס האָט ניט קיינע בעדינגונגען. גענויער גערעדט קען מען אזוי זאָגען: דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין איז ניט אַן אבסטראקט (אויסצוג) פון אַן איינציגער גרופּע פון געדאנקען, אידעען אָדער בעגריפען; עס איז דער אבסטראקט פון אלע געדאנקען, אידעען אָדער בעגריפען. דאָס, וואָס איז זיי אלעמען געמיינשאפטליך, דאָס, פון וואָס מען קען ניט לויז ווערען, דאָס איז עס וואָס מיר בעצייכענען מיט'ן וואָרט עקזיסטענץ. אזוי ווי דאָס ווערט אָבגעזונדערט פון יעדערער פון זיינע פאָרמען דורך דעם וואָס יענע פאָרמען ענדערען זיך שטענדיג, בלייבט עס ווי אַן אונבעשטימט בעוואוסטזיין פון עפּעס, וואָס געפינט זיך שטענדיג אונטער אלע פאָרמען — פון עפּעס, וואָס איז אָבגעזונדערט פון זיינע ערשיינונגען. דער חלוק וואָס מיר פיהלען צווישען א ספּעציעלער און אַן אלגעמיינער עק־

זיסטענץ, איז דער חלוק וואָס איז פאראן צווישען דאָס, וואָס לאָזט זיך ענדערען אין אונז און דאָס וואָס לאָזט זיך ניט ענדערען. דער קאָנטראַסט וואָס געפינט זיך אין אונזערע מחות צווישען דעם „אבסאָלוט" און דעם „רעלאַטיוו", איז ווירקליך דער קאָנטראַסט צווישען יענעם גייסטיגען עלעמענט, וועלכער עקזיסטירט אבסאָלוט און די אנדערע עלעמענטען, וועלכע עקזיסטירען רעלאַטיוו.

הייסט עס דעריבער, אז אָט דער ענדליכער גייסטיגער עלע־מענט איז לויט זיין עצם נאַטור נאָך נויטיגערוויז אונבעשטימט, און אין דער זעלביגער צייט פונקט אזוי נויטיגערוויז אונ־פערניכטבאַר. אזוי ווי אונזער בעוואוסטזיין פון דאָס אונבעדינג־טע איז בוכשטעבליך דאָס אונבעדינגטע בעוואוסטזיין אָדער דער רויה־מאַטעריאַל פון געדאַנק, וועלכען מיר גיבען בעת מעשה פון דענקען בעשטימטע פאָרמען, פאָלגט דערפון, אז אזא געפיהל פון ווירקליכער עקזיסטענץ, וועלכער איז תמיד במציאות, איז דער אייגענטליכער יסוד פון אונזער פערשטאַנד. אזוי ווי מיר קענען אין אלע כסדר־קומענדיגע גייסטיגע אַקטען לויז ווערען פון אלע פּרטים'דיגע בעדינגונגען און ממלא זיין זייער פּלאַץ מיט אנדערע, אָבער מיר קענען ניט לויז ווערען פון דעם ניט־דיפערענצירטען חומר פון בעוואוסטזיין, וועלכער ווערט בעדינגט אין יעדען געדאַנק פון דאָס ניי — דעריבער בלייבט תמיד ביי אונז א געפיהל פון דאָס, וואָס עקזיסטירט אונאָויפהערליך און אונאָבהענגיג פון בע־דינגונגען. אין דער זעלביגער צייט, וואָס על פּי געזעץ פון דענקען זיינען מיר שטרענג געשטערט פון צו מאַכען זיך א בעגריף וועגען אבסאָלוטער עקזיסטענץ, זיינען מיר על פּי געזעץ פון דענקען פונקט אזוי געשטערט פון בעפרייען זיך פון דעם בעוואוסטזיין פון אבסאָלוטער עקזיסטענץ: דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין, ווי מיר זעהען דאָ, איז די אומגעקעהרטע זייט פון אונזער זעלבסט־בע־וואוסטזיין. און אזוי ווי די איינציג־מעגליכע מאָס פון דער לפי ערך'דיגער גילטיגקייט פון אונזערע גלויבענס, איז די מדרגה פון זייער דויערהאפטיגקייט און זייער כח אויסצוהאלטען אנטקעגען די אָנשטרענגונגען, וואָס ווערען געמאַכט זיי צו בייטען, קומט דערפון

ארויס, אז אַט דאָס, וואָס האלט אָן אין אַלע צייטען און אונטער אַלע אומשטענדען, און קען ניט אויפהערען סיידען דאָס בעוואוסט־זיין הערט אויף, בעזיצט די העכסטע גילטיגקייט פון אַלע אנדערע.

דער סך־הכל פון אַט דעם א ביסעל צו־טיעפען ארגומענט איז אזוי: — מיר האָבען געזעהן ווי אין דער בעהויפּטונג גופא, אז אונזער גאנצעס וויסען, אין ריכטיגען זין פון וואָרט, איז רעלאַטיוו, ליעגט שוין איינגעשלאָסען די בעהויפּטונג, אז עס עקזיסטירט א „ניט־רעלאַטיוו". מיר האָבען געזעהן ווי אַט דער זעלביגער געדאנק ווערט אָנגענומען אויף יעדען טריט פון'ם ארגומענט, דורך וועלכען מיר האָבען די דאָזיגע לעהרע פעסטגעשטעלט. מיר האָבען געזעהן ווי פון דעם פאקט גופא, וואָס מען איז געצוואונגען צו דענקען אין דרכים פון שיכות, איז געדרונגען, אז דער „רעלאַטיף" אליין איז אונבעגרייפליך, א חוץ נור על פי שיכות צו א ווירקליכען „ניט־רעלאַטיף". מיר האָבען געזעהן, אז אויב מען שטעלט זיך ניט אוועק אויף דער פּאָזיציע אז עס איז פאראַן א ווירקליכער „ניט־רעלאַטיף" אָדער „אבסאָלוטום", ווערט דער „רעלאַטיף" גופא אבּ־סאָלוט, און דער גאנצער ארגומענט לאָזט זיך דאַן אויס אין א ווידער־שפּרוך. און דאָסגלייכען, בעטראַכטענדיג דעם פּראָצעס פון דענ־קען, האָבען מיר אויך געזעהן, ערשטענס, ווי אונמעגליך עס איז לויז צו ווערען פון דעם בעוואוסטזיין פון א ווירקליכקייט וואָס ליעגט הינטער די ערשיינונגען; און, צווייטענס, ווי פון דער דאָ־זיגער אונמעגליכקייט ווערט טאקע געשאַפען אין אונז אָן אונצער־שטערבארער גלויבען אין אזא ווירקליכקייט.

די אויסגלייכונג.

פינפטער קאפיטעל.

די אויסגלייכונג.

§ 27. אַט אזוי קומען זיך צונויף אלע וועגען פון ויכוח צו דעם זעלביגען שלום. דער אויספיהר, וועלכען מיר האָבען גע־גרייכט אין לעצטען קאפיטעל בדרך א־פריאָרי, בעשטעטיגט די אויספיהרען, וועלכע זיינען געגרייכט געוואָרען אין די צוויי פריהערדיגע קאפיטלען בדרך א־פּאָסטעריאָרי. די סוביעקטיווע וויסענשאפט בעווייזט, אז יענע שוואכקייטען פון פערשטאנד, וואָס צייגען זיך ארויס בעת מיר זוכען צו פערענטפערען די העכסטע פראגען פון דער אָביעקטיווער וויסענשאפט, זיינען נויטיגע פאָלגען פון די געזעץ פון פערשטאנד גופא. מיר לערנען פון דעם פאקט וואָס אונזער גאנצע טרחה זוכענדיג תירוצים פאר יענע קשיות געהט לאיבוד, ניט נור אז די ווירקליכקייט, וואָס ליעגט אין גרונד פון די ערשיינונגען, בלייבט אויף אייביג און לגמרי אונפערשטענדליך פאר אונז, נור מיר זעהען אויך פאר וואָס דאָס מוז אזוי זיין, על פי טבע גופא פון אונזער שכל. ענדליך געפינען מיר אויך אויס, אז אַט דער שלום, וועלכער געהט דאכט זיך, אויב מען נעהמט איהם אָן גאָר אָהן פירושים, להיפך צו די אינסטינקטיווע איבערצייגונגען פון דער מענשהייט, איז אדרבא גאָר איינשטימיג מיט זיי, ווען מען שטעלט צו דעם פערפעהלטען פירוש. הגם דער „אבסאָלוטום" קען בשום אופן וערך ניט זיין בעוואוסט, אין שטרענגען זין פון וואָרט וויסען, פון דעסטוועגען געפינען מיר, אז זיין פּאָזיטיווע עקזיסטענץ איז א נויטיגער גרונד־געדאנק פון בעוואוסטזיין; אז כל זמן בעוואוסטזיין איז דאָ, קענען מיר אפילו אויף א רגע ניט לויז ווערען פון אַט דעם גרונד־געדאנק; און אז דעריבער האָט

דער גלויבען, וואָס איז געבויט אויף אָט דעם געדאַנק, אַ גרעסערע ערבות פאַר זיך, איידער וועלכער עס איז אַנדער גלויבען וואָס קען נור געבען.

אָט דאָ, הייסט עס, האָבען מיר דעם גרונד פון דער אחדות, וואָס מיר זיינען ארויסגעגאַנגען זוכען. אָט דער שלום, וועלכען די אָביעקטיווע וויסענשאַפט שטעלט קלאָר ארויס און די סוביעקטיווע וויסענשאַפט בעווייזט אז ער איז אונפערמיידליך — דער שלום, וואָס בעת ער דריקט אוים דערהויפּט די לעהרע פון דער ענגלישער פילאָזאָפישער שול, אנערקענט ער אויך אַ קערן אמת אין די לעהרען פון דער כנגד'יגער דייטשער שול — אָט דער שלום, וועלכער ברייננט די רעזולטאַטען פון פילאָזאָפישער חקירה אין איינקלאַנג מיט די רעזולטאַטען פון שכל הישר, איז אויך דער שלום, וועלכער מאַכט שלום צווישען רעליגיאָן און וויסענשאַפט. דער שכל הישר זאָגט אונז, אז עס עקזיסטירט אַן עצם ווירקליכקייט; די אָביעקטיווע וויסענשאַפט בעווייזט, אז די דאָזיגע ווירקליכקייט קען ניט זיין דאָס, וואָס מיר דענקען זי איז; די סוביעקטיווע וויסענשאַפט ווייזט אונז פאַר וואָס מיר קענען ניט דענקען וועגען די ווירקליכקייט ווי זי איז, און אז פון דעסטוועגען זיינען מיר געצוואונגען צו דענקען וועגען איהר ווי זי עקזיסטירט — און אין אָט דער בעהויפּטונג, אז עס עקזיסטירט אַ „ווירקליכקייט", וועלכע איז אין איהר עצם נאַטור לגמרי ניט דערקלערליך, געפינט די רעליגיאָן אַ בעהויפּטונג, וואָס שטימט בעצם מיט איהר איינענער. מיר זיינען געצוואונגען צו בעטראַכטען יעדע ערשיינונג אלס אַן ענטפלעקונג פון אַ געוויסער קראַפט, וועלכע האָט אויף אונז אַ ווירקונג; און הגם קיין „מלא כל הארץ כבודו" איז ניט דענקבאַר, דאָך אזוי ווי די ערפאַהרונג צייגט אונז ניט קיין גרעניצען צו דער פערברייטונג פון ערשיינונגען, קענען מיר אויך ניט דענקען פון אַ גרעניץ צו דער אָנוועזענהייט פון דער קראַפט: די וויסענשאַפטליכע קריטיקען אָבער לערנען אונז, אז די דאָזיגע קראַפט איז אונבעגרייפליך. דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין פון אַן אונבעגרייפליכער קראַפט, וועלכע הייסט „מלא כל הארץ" מחמת

מען קען ניט אָנגעבען איהרע גרעניצען, איז אקוראט דאָס איינענע בעוואוסטזיין, אויף וועלכען די רעליגיאָן רוהט.

כדי אין גאנצען צו פערשטעהן ווי ווירקליך די אויסגלייכונג איז, וואָס איז אויף דעם אופן געגרייכט געוואָרען, וועט זיין נויטיג א קוק צו טון, ווי אזוי ר ע ל י ג י אָ ן און ו ו י ס ע נ ש א פ ט האָבען זיך די גאנצע צייט פערהאַלטען בנוגע צו אָט דעם שלום. מיר מוזען בעמערקען, ווי די גאנצע צייט זיינען די חסרונות פון דער איינער אלץ אויסגעבעסערט געוואָרען פון דער אנדערער; און אויך, ווי דער ענדליכער פועל יוצא פון זייערע געגענזייטיגע קריטיקען קען ניט זיין קיין אנדערער, ווי א פאָלשטענדיגע אייניגקייט וועגען אָט די טיעפסטע און ברייטסטע פון אלע ווארהייטען.

§ 28. דער רעליגיאָן דארף מען אָבגעבען איהר חלק פאר דאָס גרויסע פערדיענסט, וואָס זי האָט פון אָנהויב אָן טונקעל דער-זעהן די ענדליכע ווארהייט און האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו בעשטעהן אויף דעם. שוין אין איהרע פריהסטע און גרעבסטע פאָרמען האָט זי ארויסגעוויזען — עס מאכט ניט אויס ווי אונקלאָר און ניט-אויסגעהאַלטען — אָן אינערליכען געפיהל (אינטואיציאָן), וואָס איז געוואָרען די זריעה פון אָט דעם העכסטען גלויבען, אויף וועלכען עס פעראייניגען זיך ענדליך אלע פילאָסאָפיען. אין דעם גרעבסטען פעטישיזם קען מען געפינען שפורען פון דעם בעוואוסט-זיין פון א געהיימניס. יעדער העכערער רעליגיעזער גלויבען, אוועקווארפענדיג די בעשטימטע און פשוט'ע אויסדרייטונגען פון דער נאטור, וואָס די פריהערדיגע גלויבענס האָבען געגעבען, איז דורך דעם אליין געוואָרען אלץ מעהר רעליגיעז. וואָס מעהר די גאנץ קאָנקרעטע און בעגרייפליכע כחות, וועלכע מען האָט געהאַל-טען פאר די סבות פון אלצדינג, זיינען פערביטען געוואָרען אויף וועניגער קאָנקרעטע און וועניגער בעגרייפליכע כחות, אלץ מעהר האָט נויטיגערווייז דער עלעמענט פון געהיימניס געקריגען די אויי-בערהאנד. דאָס פערשווינדען פון יענע פאָזיטיווע דאָגמען, וועלכע האָבען פון דער געהיימניס געמאכט אויס-געהיימניס, האָט אין פער-

לויף פון אלע איהרע כסדר־קומענד׳ע שטופען צונויפגעשטעלט דעם עיקר פון דער ענד׳ערונג, וואָס די געשיכטע פון רעליגיאָן שילד׳ערט. און אזוי קומט די רעליגיאָן תמיד נעהענטער צו יענער פאָלשטענ־דיגער אָנערקענונג פון דער געהיימנים, וועלכע איז איהר ענד־ציעל.

די רעליגיאָן האָט תמיד מלחמה געהאלטען פאר איהר אין עצם־ריכטיגען גלויבען. ווי מגושם׳דיג זיינע פערקליידונגען זיינען געווען בעת זי האָט זיך צוערסט איינגעשטעלט פאר איהם, און ווי טייער זי האלט אָט דעם גלויבען, הגם ער טראָגט נאָך אלץ די קליידער וואָס מאכען איהם מיאוס, האָט זי דאָך קיינמאָל ניט אויפגעהערט איהם צו שטיצען און פערטיידיגען. זי האָט אומעדום איינגעפיהרט און פערשפּרייט איין פאָרם אָדער אנאנדער פאָרם פון דער לעהרע, אז אלע זאכע זיינען די ענטפלעקונגען פון א „מאכט“, וועלכע שטייגט אריבער אונזער וויסען. הגם די וויסענשאפט האָט דור איין דור אויס, ווען זי איז נור געקומען אין א צוזאמענשטויס מיט דער רעליגיאָן, זי מנצח געווען און געצוואונגען אָבצוגעבען איין פאָזיציע נאָך דער אנדערער, האָט די רעליגיאָן פון דעסטוועגען אלץ געהאלטען איהרע איבערגעבליבענע פאָזיציעס מיט ניט־וועני־גער הארטנעקיגקייט ווי פריהער. קיין אויפווייזען ווי לאָגיש ניט־אויסגעהאלטען איהרע שלוסען זיינען — קיין בעווייז, אז יעדע פון איהרע בעזונדערע דאָגמען איז אן אונזין, איז ניט געווען בכח אָבצושוואכען איהר צוגעבונדענקייט צו יענער ענדליכער וואהרהייט, פאר וועלכער זי שטעלט זיך איין. נאָכדעם ווי די קריטיק האָט פערניכטעט אלע איהרע ארגומענטען און זי געצוואונגען ענטשוויגען צו ווערען, איז נאָך אלץ ביי איהר געבליבען דער אונצערשטער־בארער בעוואוסטזיין פון א וואהרהייט, אויף וועלכען מען האָט קיין חסרון ניט געקענט אויסטראכטען, ווי פעהלערהאפטיג עס איז ניט געווען די פאָרם, אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעדריקט. איהר צוגעבונדענקייט צו אָט דער איבערציינונג איז בעצם געווען אן אויפריכטיגע, א ריינע. און פאר איהר אפּוטרופּסות (אָפּעקונ־סטווע), און דערפאר וואָס זי האָט פערשפּרייט די דאָזיגע איבער־

ציינונג איהרע, איז די מענשהייט אייביג געווען און וועט אייביג מוזען בלייבען איהר בעל חוב.

בעת אָבער, וואָס די רעליגיאָן האָט פון אָנהויב אָן געהאט די אַלערוויכטיגסטע עובדא ניט צו דערלאָזען די מענשען אין גאַנצען זיך אָבגעבען מיט רעלאַטיווע אָדער אונמיטעלבארע זאכען, און וועקען אין זיי א בעוואוסטזיין פון עפּעס העכערעס, איז אָט די עובדא גאָר ניט אזוי וואויל אָבגעטון געוואָרען. די רעליגיאָן איז אַלעמאָל געווען מעהר אָדער וועניגער אונרעליגיעז; און זי איז נאָך אַלץ טיילווייז־אונרעליגיעז אפילו איצטער. ראשית האָט זי כסדר גע׳טענה׳ט, ווי מיר האָבען עס פריהער שוין אָנגעמערקט, אז זי האָט א געוויסע ידיעה פון דאָס וואָס שטייגט אריבער אַלע ידיעות; און דערמיט האָט זי ווידערשפּראָכען איהרע אייגענע לעהרען. בעת זי האָט מיט איין אָטעם בעהויפּטעט, אז די ס ב ה פון אַלע זאכען שטעהט העכער איידער אונזער השגה, האָט זי גלייך מיט דעם נעכסטען אָטעם בעהויפּטעט, אז די ס ב ה פון אַלע זאכען בעזיצט אזוינע אָדער אזוינע אייגענשאפטען — דאָס הייסט, אז מען קען זי אין דעם ערך יאָ פערשטעהן. צווייטענס, אויפריכטיג ווי זי איז טיילווייז געווען אין איהר טרייהייט צו דער גרויסער ווארהייט וואָס זי האָט געדארפט אויפהאַלטען, איז זי אָבער אָפט געווען ניט אויפריכטיג, און בכן ניט רעליגיעז, דערמיט וואָס זי האָט אויפגעהאַלטען די אונמעגליכע לעהרען, וועלכע האָבען פערפינסטערט די גרויסע ווארהייט. יעדע בעהויפּטונג מכח דער טבע, די מעשים אָדער די מאָטיווען פון יענער קראפט וואָס די וועלט ענטפּלעקט פאר אונז, האָט כסדר ארויסגערופען ספיקות, און עס איז בעוויזען געוואָרען, אז זי איז זיך אַליין סותר, אָדער זי איז סותר די אנדערע בעהויפּטונגען, וועלכע קומען מיט איהר. דאָך איז זי דור איין דור אויס בעשטאַנען אויף יעדער איינציגער בעהויפּטונג, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואָס בסוד האָט זי געוואוסט, אז קיינע פון זיי וואָלט ניט געקענט אויסהאַלטען קיין אונטערזוכונג. גאָר ווי זי וואָלט ניט גע־וואוסט, אז מען קען איהר צענטראַלע פּאָזיציע סיי ווי סיי ניט איינגעהמען, האָט זי מיט גרויס עקשנות פערטיידיגט יעדען אוי־

סערליכען גדר וסיג, לאנג נאכדעם ווי עס איז שוין קלאר געווארען, אז מען קען זיי מעהר ניט פערטיידיגען. און דאס ברייננט אונז נאטירליכערהייט צו דער דריטער און העכסט־ערנסטער פארם פון אונרעליגיזיטעט, וואס די רעליגיאן האט ארויסגעוויזען. געמליך: אן אונפאלקאמענעם גלויבען אין דאס גופא, אין וואס זי גיט זיך ספעציעל ארויס אז זי גלויבט. די רעליגיאן האט קיינמאל ניט גענוג בעגריפען אויף וויפיעל עס איז באמת ניט מעגליך אנצוגרייפען איהר צענטראלע פאזיציע. אין דעם פרימסטען גלויבען, ווי מיר זעהען עס געוועהנליך, ליעגט בעהאלטען אן אינעווענינגסט פינטעל פון ספיקות; און אט דער סקעפטיציזם איז די סבה פון דער מורא פאר פארשונג, וואס די רעליגיאן ווייזט ארויס ווען זי בעגעגענט זיך פנים אל פנים מיט דער וויסענשאפט. זייענדיג געצוואונגען איינציגווייז אוועקצו־ווארפען די אבערגלויבענס וואס זי האט א מאל געהאלטען מיט אזא עקשנות, און צוזעהענדיג טאג־טעגליך ווי איהרע בעליעבטע גלויבענס שאקלען זיך אלץ מעהר און מעהר, צייגט זי ארויס א פערבארגענעם פחד, טאמער וועלען אין איין שעהנעם טאג אלע זאכען דערקלערט ווערען בדרך הטבע; און אט אזוי גיט זי אליין ארויס דעם סוד, אז עס לויערט אין איהר א ספק, צי די „אונבעגרייפליכע סבה", פון וועלכער זי איז בעוואוסטזיניג, איז טאקע באמת אונבעגרייפליך.

וואס געהערט דער רעליגיאן, הייסט עס, מוזען מיר שטענדיג געדענקען, אז מיט אלע איהרע טעות'ן און פערדארבענהייטען האט זי דאך געלערנט און פערשפרייט אן אלערהעכסטע ווארהייט. די דערקענטניס פון אט דער אלער־העכסטער ווארהייט, אין וואס פאר אן אונפאלקאמענער פארם זי זאל זיך ניט האבען אויסגעדריקט, איז פון אנהויב אן געוועזען איהר לעבענס־עלעמענט; און איהרע פערשיי־דענע פעהלערען, וואס זיינען א מאל געוועזען משונה'דיג גרויס, אבער ווערען ביסלעכווייז אלץ ווענינער, זיינען געוועזען פעהלערען פון ניט־איינזעהען אין גאנצען דאס, וואס זי האט יא איינגעזעהן טיילווייז. דער אמת־רעליגיעזער עלעמענט פון דער רעליגיאן איז אלע מאל געוועזען גוט; וואס עס האט זיך ארויסגעוויזען ניט ריכטיג אין טעא־

ריע און שעדליך אין פּראַקטיקע, איז געווען איהר אונרעליגיעזער עלעמענט: און פון דעם ווערט זי אַלע מאָל מעהר אויסגעלייטערט.

§ 29. און איצטער בעמערקט, אז דער שליח, וועלכער האָט כסדר מיטגעבראכט די דאָזיגע אויסלייטערונג, איז געווען — די וויסענשאפט. געוועהנליך פערזעהען מיר דעם פאקט, אז דאָס איז געווען איינע פון דער וויסענשאפט׳ס עובדות. די רעליגיאָן מאכט זיך ניט וויסענדיג וועגען דעם גרויסען חוב, וואָס זי איז שולדיג דער וויסענשאפט; און די וויסעשאפט אליין פיהלט כמעט גאָר ניט וואָס פאר א בעל חוב די רעליגיאָן איז איהר. דאָך קען מען בעווייזען, אז יעדען טריט וואָס די רעליגיאָן האָט געמאכט אין איהר פּראָגרעס פון איהר ערסטען נידריגען בעגריף ביז דעם לפי ערך הויכען בעגריף, וואָס זי האָט איצט, האָט די וויסענשאפט איהר דערצו געהאָלפען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, זי האָט זי געצוואונגען דאָס צו מאכען; און אז אפילו איצטער נאָך שטופּט איהר די וויסענשאפט צו מאכען וויטערע טריט אין דער זעלביגער ריכטונג.

נעברויכענדיג דאָס וואָרט וויסענשאפט אין זיין ריכטיגען זין, וועלכער פאסט אום אַלע פּאָזיטיווע און בעשטימטע ידיעות מכח דער אָרדנונג וואָס עקזיסטירט אין די ארומיגע ערשיינונגען, ווערט פאר אונז קלאָר, אז פון אָנהויב אָן האָט די ענטדעקונג פון א פעסט־געשטעלטער אָרדנונג געענדערט דעם בעגריף פון אונאָרדנונג אָדער פון ניט־בעשלאָסענער אָרדנונג, וואָס ליעגט אין גרונד פון יעדען אבערגלויבען. אזוי שנעל ווי די ערפאהרונג בעוויזט, אז געוויסע בעקאנטע ענדערונגען קומען אַלע מאָל פאָר לויט דעם זעלביגען סדר, הויבט אָן צו פערשווינדען פון געדאנק דער בעגריף פון א ספּעציע־לער פּערזענליכקייט, צ וועמענס פערענדערליכען ווילען מען פלעגט צושרייבען די דאָזיגע ענדערונגען. און ווען די טריט־ביי־טריט אָנגעקליבענע בעאָבאכטונגען בעווייזען דאָס אייגענע מכח די ווע־ניגער־בעקאנטע ענדערונגען, קומט פאָר אָן עהנליכע ענדערונג פון גלויבען אויך בנוגע צו זיי.

בעת אָבער אָט דער פּראָצעס שיינט צו זיין אי פאר די וואָס

פיהרען איהם אָן, אי פאר די וואָס לעבען איהם דורך, אַן אנטי־רעליגיעזער פּראָצעס, איז ער אין אמת'ן אקוראט דער היפּך. אַנשטאָט א בעגרייפליכען שליח מיוחד, וואָס מען פלעגט פריהער אָנגעבען אלס די סבה פון א געוויסער ערשיינונג, איז אויפגעשטעלט געוואָרען א ווייניגער־בעגרייפליכער און ווייניגער־מיוחד'יגער שליח; און הגם די נייע ערקלערונג, געהענדיג להיפּך צו דער פריהערדיגער, קען ניט אין אָנהויב ארויסרופען דעם זעלביגען געפיהל; דאָך אזוי ווי זי איז ווייניגער פערשטענדליך, מוז זי מיט דער צייט ארויסרופען דעם דאָזיגען געפיהל נאָך שטארקער. נעהמט א ביישפּיעל. די זון האָט מען אמאָליגע צייטען בעטראכט ווי די קארעטע פון א גאָט, וואָס ווערט געשלעפּט פון פייערדיגע פערד. ווי ווייט די אידעע וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרען אויף אָט דעם מגושם'דיגען אופן איז געוועזען סימבאָליזירט, געהט אונז דאָ ניט אָן. עס איז גענוג צו בעמערקען, אז דער דאָזיגער אופן פון דערקלערען די אויגענשיינליכע בעוועגונג פון דער זון דורך א קראפט, וועלכע איז ענהליך צו געוויסע קרעפטען וואָס מען זעהט דאָ אויף דער ערד, האָט דעם טעגליכען וואונדער ארונטערגעבראכט צו דער מדרגה פון פּשוט'סטען שכל. ווען קעפּלער, א סך יאָהר־הונדערטער שפּע־טער, האָט ענטדעקט, אז די פּלאנעטען בעוועגען זיך ארום דער זון אין בעשטימטע מארשרוטען און מאכען אלע מאָל דורך דעם זעל־ביגען שטח אין דער זעלביגער צייט, האָט ער בעשלאָסען, אז אין יעדער פּלאנעטע מוז זיך געפינען א גייסט, וואָס קירעוועט איהרע בעוועגונגען. דאָ זעהען מיר, אז מיט דעם פּראָגרעס פון דער ווי־סענשאפט איז פערשוואונדען געוואָרען די אידעע פון א מגושם־דיגען מענכאנישען שלעפּען, א שטייגער ווי מען האָט פריהער גע־מיינט בנוגע צו דער בעוועגונג פון דער זון; אָבער, אז בעת עס איז אַנשטאָט דעם אויפגעשטעלט געוואָרען אַן אונבעשטימטע און א ניט־אזוי לייכט בעגרייפליכע קראפט, האָט מען נאָך אלץ געהאלטען פאר נויטיג אָנצונעהמען א ספּעציעלען, פּערזענליכען שליח, א גייסט, אלס די סבה פון דער רעגעלמעסיגער אונרעגעלמעסיגקייט פון דער בעוועגונג. ווען עס איז ענדליך בעוויזען געוואָרען, אז

אָט די פּלאַנעטען־רעוואָלוציעס מיט אַלע זייערע שנוים און שטערונגען פיהרען זיך לויט אַן אַלוועטליכען געזעץ — ווען די הערשענדע רוחות וואָס קעפּלער האָט בעגריפען זיינען אָבגעלעגט געוואָרען אַן א זייט, און אויף זייער פּלאַץ איז אויפגעשטעלט געוואָרען די קראַפט פון גראַוויטאַציאָן, איז די ענדערונג אייגענטליך בעשטאַנען דעריין, וואָס מען האָט אָבגעשאַפט א קראַפט, וועלכע מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלען, און מען האָט אויפגעשטעלט אָנשטאָט איהר א קראַפט, וועלכע מען האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען. ווארים אויב אפילו מיר קענען יאָ תופס זיין דאָס *געזעץ* פון גראַוויטאַציאָן, קענען מיר אָבער זיך גיט פאָרשטעלען אין געדאַנק די *קראַפט* פון גראַוויטאַציאָן. ניוטאָן אַליין האָט מודה געווען, אז עס איז אונמעגליך צו בעגרייפען די קראַפט פון גראַוויטאַציאָן אָהן די פערמיטלונג פון אַן עטהער; און ווי מיר האָבען שוין געזעהן (§ 18) הויבט אונז די השערה פון אַן עטהער אויף קיין האָר ניט אָן צו העלפען. אָט אַזוי איז עס מיט דער וויסענשאַפט בכלל. איהר פּראָגרעס וואָס בעשטעהט אין גרופּירען בעזונדערע שיכות'ן פון ערשיינונגען אונטער געזעץ, און די ספּעציעלע געזעץ אונטער אַלץ מעהר־אַלגעמיינע געזעץ, איז על פּי נויט א פּראָגרעס וואָס פיהרט צו אַלץ מעהר און מעהר־אבסטראַקטע סבות. און סבות, וועלכע זיינען וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר אבסטראַקטע, זיינען על פּי נויט אַלץ וועניגער און וועניגער בעגרייפליכע סבות; ווארים מאַכען זיך אַן אבסטראַקטען בעגריף, מיינט ארויסווארפען געוויסע קאָנקרעטע עלעמענטען פון געדאַנק. דער העכסט־אבסטראַקטער בעגריף, צו וועלכען די וויסענשאַפט קומט לאַנגזאַם אַלע מאָל נעהענטער, איז דעריבער אַזוינער, וואָס פערליערט זיך אין דאָס אונבעגרייפבארע אָדער אונדענקבארע, מחמת ער ווארפט ארויס *אַלע* קאָנקרעטע עלעמענטען פון געדאַנק. און אויף דעם אופן האָט מען א רעכט צו בעהויפּטען, אַז די גלויבענס, וואָס די וויסענשאַפט האָט ארויפגעצוואונגען אויף דער רעליגיאָן, זיינען אין עצם געווען מעהר רעליגיעז, איידער יענע, וועמעס פּלאַץ זיי האָבען פערנומען.

די וויסענשאפט אָבער, פונקט ווי די רעליגיאָן, האָט אויך נור זעהר ניט־פּאָלקאָם דערפילט איהר אויפגאבע. אזוי ווי די רעליגיאָן איז צו־קורץ געבליבען אין איהר עובדא לפי ערך וויפיעל זי איז געווען ניט־רעליגיעז, אזוי איז די וויסענשאפט צו־קורץ געבליבען אין איהר עובדא לויט דעם ערך וויפיעל זי איז געווען ניט־וויסענשאפטליך. לאָמיר אָנצייכענען די עטליכע פּאראלעלען. אין איהרע ערשטע שטופען, בעת די וויסענשאפט האָט אָנגעהויבען צו לערנען, אז עס געפינט זיך א שטענדיגע שיכות צווישען ערשיינונגען, און האָט אויף דעם אופן דיסקרעדיטירט דעם גלויבען אין בעזונדערע פערזענליכקייטען אלס די סבות פון די ערשיינונגען, האָט זי יעמאָלט נאָך אליין אויפגעשטעלט אָנשטאָט זיי דעם גלויבען אין אורזאכליכע קרעפטען, וועלכע אויב זיי זיינען ניט געווען ריין פערזענליכע, זיינען זיי דאָך געווען קאָנקרעטע. ווען מען האָט אויסגעטייטשט געוויסע פאקטען צו בעווייזען, אז „די נאטור קען ניט פערליידען א „וואקום“ (א פלאץ אָהן לופט) — ווען מען האָט דערקלעהרט, אז די אייגענשאפטען פון גאָלד שטאמען אָב פון אזא ממשות וואָס הייסט „גאָלדענקייט“, און ווען מען האָט געמיינט, אז די ערשיינונגען פון לעבען נעהמען זיך פון אזא מין „לעבענס־פּרינציפּ“ — האָט מען אויפגעשטעלט א מעטאָדע פון דערקלערען די פאקטען, וועלכע איז, אין דער זעלביגער צייט וואָס זי איז געגאנגען כנגד די רעליגיעזע מעטאָדע, מחמת זי האָט אָנגעגעבען אנדערע כחות, אליין אויך געווען אונוויסענשאפטליך, ווייל זי האָט זיך ארויסגעגעבען ווי זי וואָלט עפּעס געוואוסט, ווענען וואָס מען האָט גאָר נישט ניט געוואוסט. שוין אוועקווארפענדיג די דאָזיגע מעטאפיזישע כחות — איינזעהענדיג אז זיי זיינען ניט קיין פאר־זיך׳דיגע עקזיסטענצען, נור בלויז ספּעציעלע קאָמבינאציעס פון אלגעמיינע סבות, האָט די וויסענשאפט נאָך גאָר ניט לאנג דערקלערט גרויסע גרופּען פון ערשיינונגען דורך עלעקטריציטעט, כעמישע פערוואנדשאפט און אנדערע אזוינע אלגעמיינע קרעפטען. אָבער דערמיט וואָס זי האָט גערעדט ווענען אָט די כחות ווי זיי וואָלטען געווען ענדליכע און אוּנאָבהענגיגע ממשות׳ן,

האָט זי זיך בעצם געשטעלט אויף דער זעלביגער פּאָזיציע וואָס פריהער. דערקלערענדיג אויף אָט דעם אופן *אלע* ערשיינונגען, — דאָס *לעבען* און דאָס *דענקען* אויך אריינגענומען אין כלל, — האָט זי ניט נור אויפגעהאלטען איהר אויבענאויפיגע פיינדשאפט צו דער רעליגיאָן, דערמיט וואָס זי האָט ארויסגעשטעלט אנדערע, גרונד־פערשיידענע סבות, נור אין דעם ערך וויפיעל זי האָט בשתיקה אָנגענומען, אז זי ווייס עפּעס וועגען אָט די כחות, אויף אזוי פיעל איז זי אויך ווייטער געבליבען אונוויסענשאפטליך. היינטיגע צייטען נעהמען טאקע די העכסט־פּאָרטגעשריטענע וויסענשאפטס־מענער און ווארפען אוועק אָט די שפּעטיגערע בעגריפען, אזוי ווי די עלטערע געלערנטע האָבען אוועקגעוואָרפען די פריהערדיגע בעגריפען. מאגנעטיזם, היטץ, ליכט א. ד. ג., וועגען וועלכע מען האָט א קורצע ווייל פריהער גערעדט ווי פון גאנץ בעזונדערע נאטור־קרעפטען, הויבען איצט אָן די פיזיקער צו בעטראכטען אלס פערשיידענע פאָרמען פון דער ענטפּלעקונג פון איין געוויסער אלוועלטליכער קראפט; און אָט אזוי קורענדיג אויף דער זאך, הערען זיי אויף צו דענקען וועגען דער קראפט ווי וועגען עפּעס וואָס לאָזט זיך בעגרייפען. די וויסענשאפט האָט אויף יעדער שטופע פון איהר פּראָגרעס אויף א ווייל זיך אָט אזוי בענוגענט מיט אויבערפלעכליכע תירוצים — זי האָט, גאָר ניט וויסענשאפטליך, פערפעהלט צו פרעגען, וואָס איז די נאטור פון יענע כחות וועלכע זי האָט אזוי פאמיליארנע ארויסגערופען. הגם וואָס א שטופע ווייטער איז זי געגאנגען א ביסעל טיעפער און האָט איינגעשלאָסען איהרע פריהער־געמיינטע סבות אין כלל פון אלגעמיינערע און מעהר אבסטראקטערע כחות, האָט זי אָבער פונקט ווי פריהער זיך צופריעדען געשטעלט מיט די נייע ערקלערונגען, אקוראט ווי זיי וואָלטען שוין געווען גאָר זיכערע ווירקליכקייטען. און גראָד דאָס, וואָס איז נאָכאנאנד געווען דער אונוויסענשאפטליכער כאראקטער־שטריך פון דער וויסענשאפט, איז בסדר געווען א טייל אורזאך פון איהר מלחמה־האלטען מיט דער רעליגיאָן.

§ 30. מיר זעהען, הייסט עס, אז די פעהלערען אי פון דער רעליגיאָן, אי פון דער וויסענשאפט, זיינען פון אָנהויב אָן געוועזען חסרונות וואָס קומען פון א ניט־פאָלקאָמענער ענטוויקלונג. אָנהויבענדיג זיך אלס א ברעקעל גרונד־געדאנק, איז יעדע איינע פון זיי געוואקסען און האָט בעקומען א מעהר־פאָלשטענדיגע פאָרם. יעדער איינערס חטא איז אין אַלע צייטען געוועזען איהר ניט־פאָלשטענדיגקייט; די מחלוקות וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען זיי, זיינען אַלע מאָל געוועזען מעהר גאָר נישט ווי נור די פאָלגען פון זייער ניט פאָלשטענדיגקייט; און ווי נור זיי גרייכען אָבער זייערע ענדליכע פאָרמען, ווערט צווישען זיי א פאָלקאָמענע הארמאָניע.

דער פראָגרעס פון פערשטאנד איז דורכאויס געוועזען צוויי־פאכיג. יעדער טריט פאָרווערטס, הגם עס האָט זיך ניט אויסגעוויזען אזוי פאר די וואָס האָבען איהם געמאכט, איז געוועזען א טריט אי אין א נאטירליכע, אי אין אן איבערנאטירליכע ריכטונג. די בעסערע ערקלערונג וואָס איז געגעבען געוואָרען פאר יעדער ערשיינונג, האָט פון איין זייט אוועקגעוואָרפען א סבה, וועלכע איז געוועזען פערהעלטניסמעסיג בעגרייפליך אין איהר נאטור אָבער אונבקאנט אין דעם סדר פון איהרע ווירקונגען, און האָט פון דער אנדער זייט אָנגענומען א סבה, וואָס איז געוועזען בעקאנט אין דעם סדר פון איהרע ווירקונגען אָבער פערהעלטניסמעסיג אונבעגרייפליך אין איהר נאטור. דער ערשטער פאָרטשריט ארויסטרעטענדיג פון דעם אַלגעמיינעם פעטישיזם האָט גאנץ קלאָר ענטהאלטען א בעגריף פון קרעפטען, וואָס זיינען וועניגער עהנליך צו די בעקאנטע קרעפטען פון מענשען און פון חיות, און דעריבער אויך וועניגער פערשטענדליך; אין דעם ערך אָבער וויפיעל די דאָזיגע ניי־בעגריפענע כחות האָבען זיך אונטערשיידט פון די פריהערדיגע דורך זייער שטענדיג־גלייכע ווירקונג, זיינען זיי אין דער זעלביגער צייט געוועזען בעסער פערשטענדליך איידער יענע. אַלע וויטערדיגע פאָרטשריטען וויזען ארויס דעם זעלבען דאָפּעלטען רעזולטאט. יעדע טיעפערע און מעהר אַלגעמיינע קראפט, וואָס מען האָט אויסגעפונען אלס די אורזאך פון ערשיינונגען, איז געוועזען וועניגער בע־

גרייפליך ,אין דעם זין וואָס זי לאָזט זיך ניט אזוי בעשטימט פאָר־שטעלען אין געדאנק, איידער די ספּעציעלע קרעפטען וועמעס פלאץ זי האָט פערנומען ; אין דער זעלבער צייט אָבער איז זי אויך געווען מ ע ה ר בעגרייפליך, אין דעם זין, וואָס עס האָט זיך א סך מעהר געלאָזט זאָגען וועגען איהרע ווירקונגען. דער פּראָגרעס איז אויף דעם אופן בעשטאנען פונקט אזוי פיעל אין פעסטשטעלען דאָס פּאָזיטיוו אונבעוואוסטע, ווי אין פעסטשטעלען דאָס פּאָזיטיוו בעוואוסטע. הגם ווען דאָס וויסען גרייכט זיין הויך־פּונקט ווערט יעדער אונער־קלערליכער און אין פלוג־איבערנאטירליכער פאקט געבראכט אין דער קאטעגאָריע פון דערקלערטע און נאטירליכע פאקטען ; דאָך אין דער זעלביגער צייט ווערט בעוויזען, אז אלע דערקלערטע אָדער נאטירליכע פאקטען זיינען אין פּרט פון זייער וויטסטען אורשפּרונג ניט־דערקלערליך און איבערנאטירליך. אָט אזוי ווערען געשאפען צוויי געגענגעזעצטע צושטאנדען פון פערשטאנד, וועלכע ענטשפּרע־כען די געגענגעזעצטע זייטען פון יענער עקזיסטענץ־זאך, וועגען וועלכער מיר דענקען. בעת אונזער בעוואוסטזיין פון דער נ א־ ט ו ר, אין איין אָנבליק איהרען, גיט אונז וויסענשאפט, גיט אונז אונזער בעוואוסטזיין פון איהר, אין איהר אנדער אָנבליק — רע־ליגיאָן.

בעטראכטענדיג די פאקטען פון אנאנדער שטאנדפּונקט קען מען זאָגען, אז רעליגיאָן און וויסענשאפט האָבען דורכגעמאכט א לאנגזאמע פונאנדערשיידונג (דיפערענציאציע) ; און אז שולדיג אין זייערע שטענדיגע מחליקות איז די ניט־פאָלקאָמענע אָבזונדערונג פון זייערע קרייזען און זייערע עובדות. די רעליגיאָן האָט פון אָנהויב אָן געקעמפפט צו פעראייניגען מעהר אָדער ווייניגער וויסענ־שאפט מיט איהר אונוויסענשאפט ; די וויסענשאפט ווידער האָט פון אָנהויב אָן זיך פעסטגעהאלטען אָן מעהר אָדער ווייניגער אונ־וויסענשאפט, גאָר ווי דאָס וואָלט געווען א טייל פון וויסענשאפט. יעדערע איז געצוואונגען געווען נאָכצולאָזען ביסלעכוויז דאָס פעלד וואָס זי האָט מיט אונרעכט געהאלטען פאר איהרס, בעת זי האָט אָבגעוואונען פון דער אנדערער דאָס, אויף וואָס זי האָט יא געהאט

א רעכט; און די סתירדות וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען זיי איז געווען אן אונפערמיידליכער בעגלייטער פון אָט דעם פראָצעס. מיר וועלען עס מאכען קלאָר דורך א גענויערע בעשרייבונג. די רעליגיאָן, וועלכע האָט לכתחילה געבויט אויף דער בעהויפטונג אז די וועלט איז א געהיימניס, האָט גלייך געמאכט א סך בעשטימטע בעהויפטונגען מכח דער געהיימניס — האָט געמאכט אן אָנשטעל, ווי זי וואָלט וויסען די טבע פון דער געהיימניס אין אלע איהרע קלענסטע פרטים, און האָט אין דעם ערך, וואָס זי האָט גע'טענה'ט אז זי ווייס עפּעס פּאָזיטיוו, מסיג גבול געווען אויף דער וויסענ־שאפט. פון די צייטען פון די פריהסטע מיטאָלאָגיעס, ווען מען האָט געגלויבט אין אזוינע אינטימע בעקאנטשאפט מיט דער וועלט־געהיימניס, ביז אויף היינטיגען טאָג, ווען מען האלט נור פון עט־ליכע אבסטראקטע און ניט־קלאָרע סברות וועגען איהר, איז די רעליגיאָן געצוואונגען געווען פון דער וויסענשאפט אָבצוגעבען איין דאָגמע נאָך דער אנדערער וועגען יענע געמיינטע קענטשאפטען, וועלכע זי האָט ניט געקענט בעווייזען. דערווייל האָט די וויסענ־שאפט אויפגעשטעלט, אָנשטאָט די פערזענליכקייט, צו וועלכער די רעליגיאָן האָט צוגעשריבען אלע ערשיינונגען, געוויסע מעטאפיזישע וועזענס; דערמיט האָט זי מסיג גבול געווען אויף דער רעליגיאָן, ווארים זי האָט אריינגעשטעלט אין איין קלאַס מיט די זאכען וואָס זי האָט בעגריפען, געוויסע פאָרמען פון דאָס אונבעגרייפבארע. טיילווייז דורך די קריטיקען פון דער רעליגיאָן, וועלכע האָט א מאָל געפרעגט קשיות אויף די וויסענשאפטליכע השערות, און טיילווייז אלס א רעזולטאַט פון איהר אייגענעם וואקסען, איז די וויסענשאפט געווען געצוואונגען אויפצוגעבען די ארבייט פון אריינגעהמען אין גבול פון וויסען דאָס וואָס מען קען ניט וויסען, און האָט אויף דעם וועג אָבגעגעבען דער רעליגיאָן וואָס על פי רעכט געהערט צו איהר. כל זמן אָט דער פראָצעס פון דיפערענציאציע איז ניט פאָלשטענדיג, מוזען נאָך אלץ פאָרקומען מעהר אָדער ווייניגער סתירדות. ביס־לעכווייז ווען עס וועלען פעסטגעשטעלט ווערען די גרעניצען פון די מעגליכע קענטשאפטען, וועלען די סבות פון ארומקריגען זיך ווערען

ווענינער. און דער שלום וועט ערשט יעמאָלט זיין א דויערהאַפ־טיגער, ווען די וויסענשאפט וועט ווערען פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז איהרע ערקלערונגען זיינען נור רעלאטיווע און נאָהענטע, און די רעליגיאָן פון איהר זייט וועט ווערען פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז די געהיימנים, מיט וועלכער זי גיט זיך אָב איז אן ענדליך־ווייטע און אבסאָלוטע.

רעליגיאָן און וויסענשאפט זיינען דעריבער נויטיגע קאָררעלאַ־טיווען (ד. ה. זאכען וואס שטעהען אין געגענזייטיגער שיכות איינע צו דער אנדערער). ווי מיר האָבען שוין פריהער אנגעדייטעט, פער־נעהמען זיי ביידע, יעדערע אויף איהר אָרט, די פּלעצער פון יענע צוויי געגענזעצטע פארמען פון בעוואוסטזיין, וועלכע קענען ניט עק־זיסטירען בעזונדער. מען קען ניט דענקען פון א בעקאנטעס אבגע־טיילט פון אן אונבעקאנטעס, און מען קען אויך ניט דענקען פון אן אונבעקאנטעס אבגעטיילט פון א בעקאנטעס. און עס פאלגט דערפון, אז קיינס פון די ביידע קען ניט ווערען קלערער אוואו עס מאכט ניט בעת מעשה קלערער אויך דעם אנדערן. זיי זיינען — אויב מען זאָל פיהרען ווייטער דעם מעטאפאָר (משל־אויסדרוק) וואָס מיר האָבען פריהער בענוצט — די פּאָזיטיווע און נעגאטיווע פּאָליוסען פון גע־דאנק, קיינער פון וועלכע קען ניט ווערען שטארקער, אוואו ער פער־גרעסערט ניט די שטארקייט פון דעם אנדערן.

§ 31. דאס בעוואוסטזיין פון אן אונדערקלערבארער קראפט, וועלכע בעווייזט זיך צו אונז אין אלע ערשיינונגען, איז שטענדיג געוואָרען רק קלערער און קלערער; און מוז מיט דער צייט גאָר אין גאנצען פריי ווערען פון זיינע אונפאלקאמענהייטען. די זיכער־קייט, פון איין זייט, אז אזא קראפט עקזיסטירט, בעת איהר נאטור, פון דער אנדער זייט בעטראכט, שטייגט אריבער די אינטואיציאָן (דאס אינערע וויסען) און שטעהט העכער פאר'ן כח הדמיון — איז א זיכערקייט, צו וועלכער דער פערשטאנד האָט פראגרעסירט פון אנהויב אן. די וויסענשאפט קומט אונפערמיידליך צו דעם שלום אזוי באלד ווי זי דערגרייכט איהרע גרעניצען; בעת די רעליגיאָן ווערט

אהן אבהאלט געטריבען דערצו דורך די קריטיק. און אזוי ווי דער דאזיגער שלום שטעלט צופרידען די פאדערונגען פון דער שטרענג־סטער לאָגיק אין דערזעלבער צייט וואס ער גיט דעם רעליגיעזען געפיהל דעם מעגליך־ברייטסטען קרייז פון טהעטיגקייט, איז עס דעריבער דער שלום וועלכען מיר זיינען געצוואונגען אנצונעהמען אהן שום תנאים אדער פּירושים. עס זיינען, אמת, פאראן מענשען וואס זאגען, אז הגם ווירקליך ד ע נ ק ע ן פון דער „סבה העליונה“ ווי אזעלכע וואס האָט ספּעציעל־בעצייכענטע אייגענ־שאפטען קען מען טאקי ניט, דאך ליעגט אויף אונז א חוב צו בע־שטעטיגען די דאזיגע אייגענשאפטען. הגם די פארמען פון אונזער בעוואוסטזיין זיינען אזעלכע, וואס מען קען אין זיי דעם אבסאלו־טום בשום אופן וערך ניט אריינשטעלען, פון דעסטוועגען זאגט מען אונז, אז מיר מ ו ז ע ן זיך פארשטעלען דעם אבסאלוטום אין אָט די פאָרמען. שרייבט דאָך הער מאנסעל אין זיין בוך, פון וועלכען איך האָב שוין א היבש ביסעל ציטירט — „עס איז דארום אונזער חוב צו דענקען פון גאט אלס פּערזענליך, און עס איז אונזער חוב צו גלויבען, אז ער איז אונענדליך“!

אז דאס איז ניט דער שלום, וועלכען מיר נעהמען דאָ אָן, איז כמעט גאר ניט נויטיג צו זאגען. אויב עס איז פאראן א וועלכער עס איז זין אין די פאָריגע ארגומענטען, איז קלאָר, אז אונזער חוב פאדערט פון אונז, ניט אז מיר זאלען גלויבען, און ניט אז מיר זאלען לייקענען די פּערזענליכקייט פון דער דאזיגער קראפט. אונזער חוב איז אונטערצוגעבען זיך מיט גרויס הכנעה אונטער די פעסטגעשטעלטע פּרינציפּען פון אונזער פערשטאנד, און ניט צו רעבעלירען אנטקעגען זיי אָנזיניג. לאזען די וואס קענען, גלוי־בען, אז עס געהט אָן אן אייביגע מלחמה צווישען אונזערע אינ־טולעקטועלע קרעפטען און אונזערע מאָראלע התחיבות׳ן: איך אליין פאר זיך קען ניט צולאזען דעם געדאנק, אז עס געפינט זיך אזא גרונד־פעהלער אין דעם געבוי פון זאכען.

אט די פּאזיציע, וועלכע וועט פאר דאס רוב מענשען זיך אויס־ווייזען ווי אין עצם אן אונרעליגיעזע, איז בעצם דוקא א רעליגיעזע

— ניין, זי איז גאר די איינציגע רעליגיעזע פאזיציע, צו וועל־כער, ווי עס איז שוין בעוויזען געווארען, אלע אנדערע קומען רק נעהענטער צו. אין דער אבשאצונג פון דער סבה העליונה, וואס אט די פאזיציע שליסט איין, בלייבט זי ניט הינטערשטעליג לגבי דער געגענגעזעצטער פאזיציע, נור אדרבא זי שטייגט איהר אריבער. יענע, וועלכע נעהמען אן די געגענגעזעצטע פאזיציע האָ־בען א טעות דערמיט וואס זיי מיינען, אז די בחירה איז דא צווישען פערזענליכקייט און עפעס נידעריגער איידער פערזענליכקייט; בעת אין אמת'ן איז גאר די בחירה צווישען פערזענליכקייט און עפעס העכערעס. צי דען איז עס גאר ניט מעגליך, אז עס איז פאַ־ראן א מין עקזיסטענץ וואס שטייגט אויף אזויפיעל אריבער דעם פערשטאנד און דעם ווילען, אויף וויפיעל דער פערשטאנד און דער ווילען שטייגען אריבער די מעכאנישע בעוועגונג? עס איז אמת, אז מיר זיינען לגמרי ניט בכח צו בעגרייפען עפעס אזא מין הע־כערע עקזיסטענץ. אבער דאס איז נאך ניט קיין גרונד פאר וואס מיר זאָלען איהר עקזיסטענץ שטעלען אין ספק; עס איז אדרבה דער היפך. האבען מיר דען ניט געזעהן ווי לגמרי אונקאמפעטענט אונזער פערשטאנד איז זיך צו מאכען אפילו אן אנהויב בעגריף פון דאס, וואס ליעגט אין גרונד פון אלע ערשיינונגען? איז עס דען ניט בעוויזען געווארען, אז אט די אונפעהיגקייט איז די אונ־פעהיגקייט פון דעם „בעדינגטען" תופס צו זיין דאס „אונבעדינג־טע"? פאלגט דען ניט דערפון, אז מיר קענען דעריבער בשום ענין ניט בעגרייפען די סבה העליונה, ווייל זי איז אין יעדען פרט גרעסער איידער דאָס וואָס קען בעגריפען ווערען? און מעגען מיר דען ניט מיט רעכט זיך אבהאלטען פון צו בעצייכענען זי מיט וועלכע עס איז אייגענשאפטען, מחמת דעם טעם, וואס אזעלכע אייגענשאפטען, וועלכע מוזען דאך על פי נויט אבשטאמען פון אונ־זער אייגענער נאטור, זיינען ניט קיין מעלה פאר איהר, נור א ירידה? אין אמת'ן גערעדט, זעהט עס אויס אביסעל משונה'דיג, אז מענשען זאלען מיינען אז דער העכסטער לויב בעשטעהט אין פערגלייכען דעם, ווען זיי לויבען, מיט זיך אליין. דער עלעמענט

פון זייער גלויבען, וועלכען זיי האלטען פאר דעם עיקר, בעשטעהט לויט זייער מיינונג ניט אין דער בעהויפּטונג, אז צווישען איהם און זיי געפינט זיך אזא חלוק וואס איז גאר אונמעגליך משער צו זיין, נור דוקא גאר אין דער בעהויפּטונג, אז עס איז פאראן צווישען זיי א געוויסע עהנליכקייט. אמת טאקי, פון דער צייט ווען די גרעבסטע ווילדע האָבען זיך פארגעשטעלט אז די סבות פון אלע זאכען זיינען פּונקט אזוינע „בשר ודם'ס" ווי זיי אליין זיינען, ביז אונזער היינטיגער צייט, איז די מדרגה פון עהנליכקייט צום בע־שעפער וואס ווייטער אלץ קלענער געווארען. אבער הגם די קול־טור־ראסען האָבען שוין לאנג אוועקגעווארפען דעם בעגריף, אז די סבה העליונה האָט דברים כהויתן די פאָרם און ממשות פון א מענ־שען־עהנליכען גוף — הגם די גרעבערע מענשליכע תאוות, וועל־כע פלעגען פריהער צוגעשריבען ווערען צו דער סבה העליונה, זיי־נען שוין אויך פערוואָרפען געוואָרען אלס אונפּאסיגע עלעמענטען אין דעם בעגריף וועגען איהר — הגם מען כאפּט זיך שוין ניט צו־שרייבען צו איהר אפילו די העכערע מענשליכע געפיהלען, סיידען נור אין היבש־אידעאליזירטע פארמען — פון דעסטוועגען האלט מען נאָך אלץ, ניט נור אז מען מעג, נור דוקא אז מען מ ו ז צושריי־בען צו איהר די העכסט־אבסטראקטע אייגענשאפטען פון אונזער נאטור. מענשען, וועלכע האלטען היינטיגען טאָג פאר א ניט־פרומקייט צו דענקען אז די בעשעפערישע קראפט איז מענשען־עהנליך אין אלע פּרטים, מיינען דערנאך אז עס ליעגט אויף זיי א חוב צו בעטראכטען די דאָזיגע קראפט אלס א מענשען־עהנליכע אין ג ע וו י ס ע פּרטים; און זיי זעהען ניט, אז די אנדער פּאָזיציע איז נישט מעהר ווי אן אונמערקליכע פאָרם פון דער ערס־טער. און דאס מערקווירדיגסטע פאר אלץ איז נאך, וואס ביי דעם אנדער וועג האלטען זיך אפילו אזעלכע וואס טענה'ן, אז מיר זיינען גאר לגמרי ניט בכח זיך צו מאכען קיין שום בעגריף פון דער בע־שעפערישער קראפט. נאכדעם ווי עס איז בעוויזען געווארען, אז יע־דע השערה מכח דעם אורשפּרונג פון דער וועלט פיהרט אונז צו גענענזייטיגע אונמעגליכקייטען פון גערדאנק — נאכדעם ווי עס

איז בעוויזען געווארען, אז יעדע מיה צו בעגרייפען ווירקליכע עק־זיסטענץ לאזט זיך אויס מיט אן אינטעלעקטועלען זעלבסטמארד — נאכדעם ווי עס איז בעוויזען געווארען פאר וואס מיר זיינען, לויט דער טבע גופא פון אונזער פערשטאנד, אויף אייביג אויסגעשלאס־סען פון דער מעגליכקייט פון דענקען וועגען דעם „אבסאלוט" — טענה'ן זיי נאך אלץ, אז מיר מוזען אזוי און אזוי דענקען וועגען דעם „אבסאלוט"! אויף אלע אופנים וואס מען קען זיך נור פארשטעלען, ווארפט זיך אונז די ווארהייט אין די אויגען, אז מיר האבען קיין רשות ניט צו וויסען — ניין, אז מיר האבען קיין רשות ניט אפילו נור צו בעגרייפען — יענע ווירקליכקייט, וועלכע ליעגט פערבארגען הינטער דעם שלייער פון ערשיינונגען; און דאך זאגט מען אונז, אז עס איז אונזער חוב צו גלויבען (און אין דעם ערך, הייסט עס, בעגרייפען), אז די דאזיגע „ווירקליכקייט" עק־זיסטירט אין א געוויסער קלאר־בעשטימטער פארם. זאלען מיר אט דאס אנרופען פערעהרונג? אדער מיר זאלען דאס אנרופען — דער היפך פון פערעהרונג?

גאנצע ביכער וואלט מען געקענט אנשרייבען וועגען די ניט־פרומקייט פון די פרומע. כמעט אין אלע געדרוקטע און געזאגטע געדאנקען פון די לעהרער פון רעליגיאן קען מען געפינען אן אפע־נעם אויסדרוק פון נאהענטער בעקאנטשאפט מיט דעם גרויסען סוד פון דער וועלט, וואס עס זעהט אויס, מילד גערעדט, ווי אלץ וואס איהר ווילט, נור ניט ווי עס וואלט שטימען מיט די אויס־דרוקען פון הכנעה, וואס זיי געברויכען דערביי. און עס איז א מערקווירדיגע מעשה, אז דוקא יענע תורות, וועלכע ווייזען ארויס די דאזיגע נאהענטע בעקאנטשאפט אם קלערסטען, האלט מען פאר די וויכטיגסטע עלעמענטען פון רעליגיעזען גלויבען. די פאזיציע, אויף וועלכער זיי שטעהען, קען ריכטיג פארגעשטעלט ווערען נור דורך א ווייטערע ענטוויקלונג פון א בעקאנטען משל, — וועלכער געהט ארום פון לאנג אן אין די טעאלאגישע ויכוחים — דער משל פון א זייגער. ווען מיר זאלען אננעהמען פאר א מינוט די ווילדע השערה, אז דער טיק־טאק און די אנדערע בעוועגונגען

פון א זייגער שטעלען מיט זיך פאר א מין בעוואוסטזיין; און אז דער זייגער, וואס בעזיצט אזא בעוואוסטזיין האלט אין איין טענה'ן, אז דעם זייגערמאכער'ס מעשים קומען אויך ארויס פון פרוזשינקעס און רעדלאך אקוראט ווי זיינע — וואלטען מיר דאן נישט מעהר ווי דורכגעפיהרט א פאראלעל, וועלכער איז אזוי שטארק אנגענומען ביי די לעהרער פון רעליגיאן. און אויב מיר זאלען זיך נאך משער זיין, אז דער זייגער, ניט נור וואס ער דערקלערט אין אט אזוינע מעכאנישע אויסדרוקען די טבע פון זיין בעשעפער, האלט ער נאך אויך, אז פון יראת הכבוד וועגען זיינען זייגערס בכלל מחויב צו פארמולירען נור אויף אט אזא אופן זייער סבה העליונה, און אז די וואס וואגען ניט אט אזוי צו בעשרייבען זייער שעפער, רופען ביי איהם ארויס דעם שימפף־נאמען „אטעאיס־טישע זייגערס" — וואלטען מיר יעמאלט, פיהרענדיג זייער איי־גענעם ארגומענט א טריט ווייטער, נישט מעהר ווי אילוסטרירט דערמיט די העזה'דיגע איינבילדונג פון די טעאלאגען. א פאר ציטאטען וועלען קלאר מאכען פאר'ן לעזער די גערעכטיגקייט פון אט דעם פערגלייך. עס דערצעהלט אונז, צום ביישפיעל, איינער וואס האט א גרויסען שם ביי רעליגיעזע דענקער, אז די וועלט (דער אוניווערסום) איז „די ענטפלעקונג און דער וואהן־פּלאץ פון א פ ר י י ע ן פ ע ר ש ט א נ ד, אן עהנליכען צו אונזער איי־גענעם פערשטאנד, וועלכער פערקערפערט אין איהרע איינא־רדנונ־גען זיין פערזענליכען געדאנק און פערווירקליכט אין איהרע ער־שיינונגען זיין אייגענעם אידעאל, פונקט ווי מיר דריקען אויס אונזער אינערליכע קראפט און אייגענעם כאראקטער דורך די נא־טירליכע שפראך פון אן אויסערליך לעבען. מיר דערקלערען לויט אט דעם בליק די נאטור דורך די מענשהייט: מיר געפינען דעם שלי־סעל צו די טיערען פון איהרע געשטאלטען אין יענע צוועקען און שטימונגען, וועלכע אונזער אייגענער בעוואוסטזיין גיט אונז די מעגליכקייט צו בעגרייפען. אומעדום זוכען מיר אוים די פיזישע סיגנאלען פון אן אייביג־לעבענדען ו ו י ל ע ן און מיר לייענען די וועלט ווי די אויטאביאגראפיע פון אן א ו נ ע נ ד ל י כ ע ן

ג י י ס ט, וועלכער וויעדערהאָלט זיך אין א קליינעם מאסשטאב אינעווענינ אין אונזער ע נ ד ל י כ ע ן ג י י ס ט". דערזעלבי־גער שרייבער געהט נאך ווייטער. ער טוט ניט נור דאס אייגענע ווי די מעשה פון פערגלייכען דעם זייגער צום זייגערמאכער; ניט נור דענקט ער, אז דאס געשאפענע קען „אויסלייענען דעם סוד" פון דער אויטאָביאגראפיע פון דעם שאפענדען, נור ער מאכט נאך אפילו די בעהויפּטונג, אז די נויטיגע בעגרעניצונגען פון דעם גע־שאפענעם זיינען אויך דעם בעשעפער'ס נויטיגע גרעניצען. די ערסטערליי אייגענשאפטען פון קערפּערס, זאגט ער, „בעלאנגען אייביג צו דעם מאטעריעלען פאקט, וואס איז אביעקטיוו פון גאט", און זיי (די דאזיגע אייגענשאפטען) קאנטראלירען זיינע (גאָט'ס) מעשים; בעת די צווייטערליי אייגענשאפטען זיינען פּראדוקטען פונ'ם ריין ע ר פ י נ ד ע ר י ש ע ן ש כ ל און ב ע ש ט י־מ ע נ ד ע ן ו ו י ל ע ן און שטעלען צונויף „דעם רייך פון געט־ליכער אָריגינאַליטעט" * * * „בעת וואָס אויף דעם געביעט פון די דאזיגע צווייטערליי אייגענשאפטען שטעהט זיין פערשטאנד אין א קאָנטראסט צו אונזערן, איז אויף דעם ערסטען געביעט קומען זיי זיך ווידער צוזאמען; ווארים די ענטוויקלונגען פון דעם דעדוק־טיווען פערשטאנד קענען נור האָבען איין מעגליכען גאנג פאר אלע שכל'ען גלייך. קיין Merum Arbitrium קען ניט איבערבייטען וואס פאלש איז און וואס ריכטיג, קען ניט מאכען מעהר ווי איין געאָמעטריע אדער מעהר ווי איין סיסטעם פון ריינער פיזיקע פאר אלע וועלטען. און דער אלמעכטיגער ארכיטעקט אליין, פערווירקלי־כענדיג דעם קאָסמישען בעגריף, געשטאלטענדיג די הימעלשע קרייז־וועגען פון דער אונגעהויערער מאטעריאל־מאסע, און בעשטי־מענדיג די סעזאָנען פון דער אייביגקייט ארוים, האָט אויך אנ־דערס ניט געקענט מאכען סיידען פאלגען די געזעצע פון געבויגע־נע ליניען, פון מאָס און פון פּראָפּאָרציע". — דאָס מיינט צו זאָגען, אז די „סבה העליונה" איז געגליכען צו א מענשליכען מעכאניק ניט נור אין דעם וואס זי ג ע ש ט א ל ט ע ט דעם „מאטעריע־לען פאקט, וועלכער איז איהר אביעקט"; נור אויך אין דעם,

וואס זי איז געצוואונגען זיך צו צו־פאסען צו די נויטיגע אייגענ־שאפטען פון דעם „פאקט“. און דאס איז נאך ניט אלץ. ווייטער קומט נאך א שטיקעל ערקלערונג מכח דער „געטליכע פסיכאלא־גיע“, וואס זאגט אן ערך אזוי: „מיר לערנען דעם כאראקטער פון גאט, דעם סדר פון די געפיהלען ווי זיי געפינען זיך ביי איהם“ פון דעם אופן ווי „די אויטאריטעט איז פאנאנדערגעטיילט אין דער ממשלה פון אונזערע אייגענע אימפולסען“. אין אנדערע ווערטער, עס ווערט געמאכט די בעהויפטונג, אז די „סבה העליונה“ האט פערלאנגען, וועלכע מוזען אויך קלאסיפיצירט ווערען אין העכע־רע און נידעריגערע קלאסען, אקוראט ווי אונזערע אייגענע פערלאנ־גען ווערען קלאסיפיצירט*). אלע האבען געהערט די מעשה פון יענעם מלך וואס האט זיך געוואונשען הלואי וואלט ער געווען בעת די וועלט איז בעשאפען געווארען, וואלט ער געהאלפען דעם בורא מיט עפעס א גוטער עצה... יענער קעניג איז משמעות נאך געווען אן עניו אין פערגלייך מיט די וואס טענה'ן אז זיי פערשטעהען ניט נור די שיכות פון דער שאפענדער קראפט צו דעם געשאפענעם, נור אויך אפילו ווי אזוי די שאפענדע קראפט איז געבויט. און דאך, אט די עזה וואס שטייגט אריבער אלע גרעניצען, וועלכע מאכט די בעהויפטונג, אז זי האט דורכגעדרונגען די סעקרעטען פון דער קראפט, וואס ענטפלעקט זיך צו אונז אין דער גאנצער עקזיסטענץ — ניין, נאך מעהר, וועלכע זאגט, אז זי שטעהט הינ־טער דער דאזיגער קראפט און נאטירט זיך די בעדינגונגען, וואס זיינען נויטיג פאר איהרע טהאטען — אט דאס גילט היינטיגע צייי־טען פאר פרומקייט! מעגען מיר ניט מיט פולער זיכערהייט מאַ־כען די בעהויפטונג, אז עס שטעקט מעהר אמת'ע רעליגיאן אין אן אויפריכטיגער דערקענטניס פון דער ווארהייט, דאס אונזער אייגענע, ווי אויך יעדע אנדערע עקזיסטענץ איז א געהיימניס, וואס

*) די אויסצוגען זיינען גענומען פון אן ארטיקעל אונטער דעם נאָמען „נאַטור און גאָט“, געדרוקט אין „נאַציאָנאַל רעוויו“ פאר אָק־טאָבער 1860.

בלייבט אייביג און לחלוטין העכער פאר אונזער השגה, איידער אין דער גאנצער דאגמאטישער טעאלאגיע, וואס איז ווען עס איז געשריבען געווארען?

דערווייל לאמיר אנערקענען דאס ביסעל דויערהאפטיגע גור־טעס, וואס עס שטעקט אין אט דעם עקשנות'דיגען פרובירען אויפ־צובויען בעגריפען פון דאס, וואס קען ניט בעגריפען ווערען. נור דערפאר, ווייל די דאזיגע בעגריפען האבען כסדר פערפעהלט צור־פרידען צושטעלען דעם פערשטאנד, איז פון אייביג אן געווען די סבה פאר וואס מען האט ביסלעכווייז געגרייכט אלץ העכערע און העכערע בעגריפען; און עס איז קיין ספק ניט, אז די היינטיגע בעגריפען זיינען אויך נויטיג אלס איבערגאנגס־פארמען פון דענ־קען. מיר קענען ווילענדיג צוגעבען אפילו נאך מעהר ווי דאס. עס איז מעגליך, ניין עס איז וואהרשיינליך, אז אזעלכע מיני אידע־ען, אין זייערע העכסט־אבסטראקטע פארמען, וועלען גאר קיינמאל ניט אויפהערען צו פערנעהמען א פלאץ אין דעם הינטערגרונד פון אונזער בעוואוסטזיין. עס זעהט גריילעך אויס, אז עס וועט אייביג זיך פיהלען א נויטיגקייט צו געבען א געוויסען פנים אט דעם אונ־בשטימטען געפיהל פון א „לעצטער עקזיסטענץ“, וועלכער מאכט דעם פונדאמענט פון אונזער פערשטאנד. מיר וועלען אלע מאל זיך פיהלען גענויטיגט זי צו בעטראכטען אלס א ג ע ו ו י ס ע פארם פון זיין; דאס הייסט, מיר וועלען זיך מוזען מאכען א פארשטע־לונג פון איהר אין א ג ע ו ו י ס ע ר פארם פון געדאנק, ווי אונ־קלאר דער געדאנק פון דעם זאל ניט זיין. און מיר וועלען בעת מעשה קיין טעות ניט האבען, כל זמן מיר וועלען בעהאנדלען יעדען רעיון, וואס מיר וועלען אויף דעם אופן זיך פארשטעלען נור ווי א סימבאל, וואס האט לגמרי קיין עהנליכקייט ניט צו דאס, וואס ער שטעלט מיט זיך פאר. אפשר וועט דער פראצעס פון שטענדיג אויפ־בויען אזוינע סימבאלען און שטענדיג אוועקווארפען זיי אלס ניט־גענוגענדע, דיענען אויך שפעטער, ווי זיי האבען געדיענט ביז איצ־טער, פאר א מיטעל פון דיסציפלין. אייביג בויען אידעען, וועלכע פאדערען די העכסטע אנשטרענגונג פון אונזערע חושים, און איי־

ביג אויסגעפינען אז מען מוז זיי אוועקוואַרפען אלס אומזיסטע דמיונות, קען אונז מעהר איידער יעדער אנדער מיטעל געבען א בעסערע השגה וועגען די גרויסקייט פון דער זאַך, וואָס מיר מאַטערן זיך אומזיסט תופס צו זיין. אזוינע אנשטרענגונגען און דורכפאַלען קענען העלפען אויפהאַלטען אין אונזער פערשטאַנד אַ ריכטיגען זין פון דעם אין לשער־גרויסען חלוק צווישען דאָס „בעדינגטע" און דאָס „אונבעדינגטע". נאָכאַנאַנד זוכענדיג צו וויסען און נאָכאַנאַנד ווערענדיג צוריקגעשליידערט, יעדעס מאָל מיט א טיעפערע איבערצייגונג פון דער אונמעגליכקייט צו וויסען, וועט ביי אונז אייביג לעבען דאָס בעוואוסטזיין, אז עס איז אי אונזער גרעסטע חכמה, אי אונזער גרעסטער חוב צו בעטראַכטען דאָס דאזיגע, דורך וואָס אַלע זאַכען עקזיסטירען, אלס ד אָ ס א ו נ ד ע ר־ק ע נ ב א ר ע.

§ 32. א זעהר גרויסע מאַיאָריטעט מענשען װעלען מיט מעהר אדער װעניגער כעס זיך ענטזאַגען אנצונעהמען א גלויבען, וואָס זעהט זיי אויס אזוי בענעבעלט און אונבעשטימט. אזוי ווי זיי האָבען אַלעמאָל פ ע ר ק ע ר פּ ע ר ט די „סבה העליונה", אויף וויפיעל דאָס איז נויטיג געוועזען כדי צו האָבען פון איהר א גייסטיגע פאָרשטעלונג, מוזען זיי נויטיגערווייז זיך פיהלען בעליידיגט פון דעם אויסבייט אויף אזא „סבה העליונה", וועלכע קען גייסטיג גאָר אין גאַנצען ניט פאָרגעשטעלט ווערען. „איהר גיט אונז — זאָגען זיי — אן אונדענקבאַרע אבסטראַקציע אנשטאַט א „וועזען", צו וועמען מיר קענען זיך ווענדען מיט בעשטימטע געפיהלען. איהר זאָגט אונז אפילו, אז דער „אבסאָלוטום" איז אווירקליכקייט — ווי באַלד אבער אז עס איז אונז ניט ערלויבט איהם צו בעגרייפען, מעג ער פון אונזערטוועגען פונקט אזוי גוט זיין א ריינע נעגאַציע. אנשטאַט א קראַפט, פון וועלכער מיר קענען דענקען אז זי האָט צו אונז א געוויסע סימפּאַטיע, וואָלט איהר וועלען מיר זאָלען טראַכטען פון א קראַפט, וואָס קיין שום געפיהל איז ניט שייך צו איהר. אט אזוי נעהמט איהר און רויבט פון אונז אוועק דעם רעכטען עיקר פון אונזער גלויבען".

אזא מין פּראָטעסט בעגלייט נויטיגערווייז יעדע ענדערונג וואָס קומט פאָר, בעת מען בייט איבער א נידעריגען גלויבען אויף א העכערען. דער גלויבען אין א נאַטור־געמיינשאַפט צווישען איהם און דעם, צו וועמען ער דיענט, איז פאַר'ן מענשען אלעמאָל געווען א גלויבען, וואָס האָט איהם צופריעדענגעשטעלט; און ער האָט אלעמאָל אנגענומען מיט א ווידערווילען די אלץ־ווענינער קאָנקרעטע בעגריפען, וועלכע מען האָט אויף איהם כסדר ארויפגעצוואונגען. פאַר דעם באַרבאַרען איז עס אין אלע צייטען און אין אלע לענדער בלי ספק געווען א טרייסט צו דענקען, אז זיינע געטער זיינען אזוי גלייך מיט איהם אין נאַטור, אז מען קען זיי אפילו אונטערקויפען מיט מתנות פון עסענוואַרג; און די פערזיכערונג, אז מען קען אזוי קיין געטער ניט אונטערקויפען, האָט איהם אודאי געמוזט זיין צו־ווידערליך, מחמת עס האָט ביי איהם אוועקגענומען א לייכטען מיטעל ווי צו קריגען איבערנאַטירליכע פּראָטעקציע. פאַר די גריכען איז עס בפירוש געווען א קוואַל פון נחת רוח, וואָס זיי האָבען אין א שעת הדחק געקענט קריגען דורך די אָראַקולען אן עצה פון זייערע געטער, אדער בעת א מלחמה גאָר אפילו די פּערזענליכע הילף פון זייערע געטער; און עס איז אודאי געווען א גאַנץ אויפריכטיגער כעס וואָס זיי האָבען אויסגעלאָזען צו די פילאָזאָפען, וועלכע האָבען געצווייפעלט אין די מגושם'דיגע אידעען פון זייער מיטאָלאָגיע. א רעליגיאָן, וועלכע לערנט דעם הינדוסטאַנער, אז עס איז אונמעגליך זיך איינצוקויפען אייביגען גליק ארונטערוואַרפענדיג זיך אונטער די רעדער פון דעם גאָט יוגערנאַט'ס וואָגען, מוז איהם אויסקוקען ווי זעהר אן אכזריות'דיגע רעליגיאָן, וואָרים זי רויבט פון איהם אוועק דאָס אנגענעהם בעוואוסטזיין, אז ווען ער וויל קען ער אויסבייטען זיינע ליידען אויף פריידען. עס איז אויך ניט ווענינער קלאָר, אז עס איז געווען א גרויסע נחמה פאַר די אמאָליגע קאַטאָליקען צו גלויבען, אז בויען קירכען איז מכפּר אויף פערברעכען, אז תפלות זאָגען איז א סגולה צו מינדערן די שטראָף וואָס זיי און זייערע קרובים וואָלטען קריגען, און אז אויב די הייליגע וועלען זיין גוטע בעטער פאַר זיי, וועט זיי גאָט העלפען אדער

מוחל זיין זייערע עבירות; און דער פראטעסטאנטיזם, וועלכער האט אויף דעם ארט פון אט די גלויבענס אויפגעשטעלט דעם בעגריף פון א גאט, וועלכער איז אין פערגלייך אזוי ניט־עהנליך צו אונז, אז אזוינע מעטאדען קענען אויף איהם גאר קיין איינפלוס ניט האבען, האט אודאי געמוזט האבען ביי זיי א פנים פון א הארטען און קאלטען גלויבען. עס איז דעריבער גאנץ נאטירליך צו דערווארטען, אז א ווייטערער טריט אויפ'ן זעלביגען דרך וועט ארויסרופען פונקט אזא ווידערשטאנד פון די בעליידיגטע געפיהלען. קיין גייסטיגע רעוואלוציע קען ניט אויסגעפיהרט ווערען אהן מעהר אדער ווייניגער שברות הלב. זאל עס זיין אן ענדערונג פון א געוועהנהייט אדער אן ענדערונג פון אן איבערצייגונג — אויב די געוועהנהייט אדער די איבערצייגונג איז א שטארקע, מוז די ענדערונג פערלעצען געוויסע געפיהלען, און עס פערשטעהט זיך, אז די פערלעצטע געפיהלען מוזען זיך שטעלען אנטקעגען. אנשטאט לאנג־ערפאהרענע און בכן קלאר־בעשטימטע קוואלען פון צופריעדענשטעלונג, מוזען אויפגעשטעלט ווערען אנדערע קוואלען, פון וועלכע מען האט ניט קיין ערפאהרונג, און וועלכע זיינען דעריבער אונבעשטימטע. דאס, וואס איז לפי ערך גוט בעוואוסט און רעעל, מוז ווערען אויפגעגעבען צוליעב עפעס, וואס איז לפי ערך אונבעוואוסט און אידעעל. עס פערשטעהט זיך, אז אזא בייט קען מען ניט מאכען אהן א קאמפף, וואס ברייגנט־מיט שמערצען. הייסט א פשיטא שוין אז עס מוז ארויסוואקסען א שטארקער קאמפף כנגד יעדער ענדערונג אין אזא טיעפען און לעבענסוויכטיגען בעגריף ווי דער, וועגען וועלכען מיר האנדלען דא. אזוי ווי דער דאזיגער בעגריף ליעגט אינ'ם גרונד פון אלע אנדערע, האט מען מורא, אז אן ענדערונג אין איהם וועט מאכען א חורבן פון גאנצען איבער־בנין. אדער, נעהמענדיג אנאנדער משל — אזוי ווי ער איז דער ווארצעל, אן וועלכען עס זיינען אנגעבונדען אונזערע אידעען פון גוטסקייט, עהרליכקייט אדער התחיבות, דוכט זיך אויס, אז אויב מען וועט איהם ענדערן, וועלען אט די אלע אידעען ווערען פערוועלקט און אבשטארבען. דער גאנצער העכערער טייל פון

מענשען'ס נאַטור הויבט אויף כמעט על פּי נויט אַ קאַמפּף אַנטקעגען אַן ענדערונג, וועלכע, צערשטערענדיג אַלע פעסטגעשטעלטע געדאַנקען־בעהעפטונגען, זעהט אויס ווי זי וואָלט עוקר מן השורש זיין די מאָראַל.

דאָס איז נאָך בשום אופן ניט אַלץ וואָס מען קען זאָגען צו גונסטען פון אַזוינע פּראָטעסטען. עס שטעקט אין זיי נאָך אַ פיעל טיעפערע בעדייטונג. זיי דריקען ניט אויס גלאַט נור דעם נאַטירליכען ווידערווילען אַנטקעגען אַ רעוואָלוציע אין גלויבען, וועלכער איז אין דעם פאַל בעזונדערס שטאַרק, מחמת די גרויסע לעבענס־וויכטיגקייט פון דעם גלויבען וואָס מען וויל רעוואָלוציאָנירען; נור זיי דריקען אויך אויס אַן אינסטינקטיווע צוגעבונדענקייט צו אַ גלויבען, וועלכער איז אין איין זין דער בעסטער — דער בעסטער פאַר די וואָס זיינען אַזוי צוגעבונדען צו איהם, הגם ער איז ניט דער בעסטער אין אַבסטראַקט. ווארים לאָזט מיך אָט דאָ בעמערקען, אַז די אין אָנהויב גאָר גרויסע און שפּעטער אַלץ קלענערע אונפאָלקאָמענהייטען פון רעליגיאָן, וועגען וועלכע מיר האָבען אויבען גערעדט, זיינען אונפאָלקאָמענהייטען נור ווען מען מעסט זיי מיט אַן אַבסאָלוטען מאַסשטאַב, אַבער ניט ווען מען מעסט זיי מיט אַ רעלאַטיווען מאַסשטאַב. רעדענדיג בדרך כלל, די רעליגיאָן וואָס האָט אין יעדער דור געגאָלטען ביי יעדען פאָלק, איז אַלעמאָל געשטאַנען אַזוי נאָהענט צום אמת, וויפיעל עס איז פאַר יענע מענשען דאַן און דאָרט מעגליך געווען צו פערנעהמען. די מעהר אָדער וועניגער קאָנקרעטע פאָרמען אין וועלכע די רעליגיאָן האָט פערקערפּערט די וואַרהייט, זיינען בלויז געווען מיטלען ווי אַזוי צו מאַכען דענקבאַר דאָס, וואָס פאַר יענע מענשען וואָלט זאָנסט געווען אונדענקבאַר; און אויף דעם אופן האָבען זיי פּועל געווען פאַר זייער צייט צו פערשטאַרקען איהר איינדרוק. אייגענטליך אַז מען בעטראַכט די אומשטענדען פון דער זאַך, זעהט מען אַז אַנדערס האָט עס גאָר ניט געקענט זיין. מענשען מוזען דענקען אויף יעדער שטופּע פון ענטוויקלונג אין די אויסדרוקען פון געדאַנק וועלכע זיי פערמאָגען. בעת אַלע אַנזיכטיגע פערענדערונגען, פון וועלכע זיי

קענען בעמערקען דעם אורשפּרונג, זיינען פערבונדען מיט די טהאַ־טען פון מענשען אָדער חיות, האָבען זיי ניט בכח צו דענקען וועגען סבות אין אנדערע פארמען; און ד'עריבער מוזען זיי נויטי־גערווייז בעגרייפען די בעשאַפענדע כחות נור אין אזוינע געשטאַל־טען. אויב מען וואלט ביי זיי אוועקגענומען די קאנקרעטע בעגרי־פען בעת זיי שטעהען אויף דער דאזיגער שטופע, און מען וואלט זיי פּרובירט געבען לפי ערך מעהר אבסטראקטע בעגריפען, וואלט דער רעזולטאט געווען גאָר אין גאנצען פוסטע מוחות, ווארים די נייע בעגריפען וואלטען גייסטיג ניט געקענט פארגעשטעלט ווערען. דאס איינענע וואלט פּאסירט אויף יעדער וויטערדיגער שטופע פון רעליגיעזען גלויבען, ביז אויף דער לעצטער. הגם מיט ד'ער צייט, ווען די אנגעקליבענע ערפאהרונג האָט ביסלעכווייז געענדערט די גאָר ערסטע אידעען פון סבות אין געשטאַלט פון פּערזענליכקייטען, הויבען אן ארויסצו־וואקסען אַלגעמיינע און וועניגער־קלארע אידע־ען וועגען די סבות פון זאכען, פון ד'עסטוועגען קענען יענע אידעען ניט פערביטען ווערען מיט איין מאָל אויף אנדערע, וואס זיינען נאָך מעהר אלגעמיין און נאָך וועניגער קלאָר. וויטערע ערפאהרונגען מוזען צושטעלען די נויטיגע העכערע אבסטראקציעס, איידער דער גייסטיגער חלל, וואס איז געבליבען דורך די פערניכטונג פון די נידעריגערע אידעען, קען אנגעפילט ווערען מיט אנדערע אידעען פון א העכערען סאָרט. אויך ביי היינטיגער צייט קען מען שליסען פון דעם ניט־וועלען אוועקוואַרפען א לפי ערך קאָנקרעטען רעיון צוליעב א רעיון וואס איז לפי ערך אן אבסטראַקטער, אז עס פעהלט נאָך די פעהיגקייט צו קענען פערנעהמען דעם לפי ערך אבסטראַק־טען געדאנק: און דאס בעווייזט אז פאַר איצטער וואלט די ענ־דערונג נאָך זיין צו־פריה־צייטיג און שעדליך.

נאָך קלערער קען מען זעהן די שעדליכקייט פון אזא פריה־צייטיגער ענדערונג, ווען מען בעמערקט אז די ווירקונגען וואס א גלויבען האָט אויף'ן מענשענ'ס אויפפיהרונג מוזען ווערען קלענער אין דערזעלביגער מאָס, וואס די לעבעדיגקייט מיט וועלכער מען בעגרייפט איהם, ווערט וועניגער. דער ווילדער קען פערשטעהן וואס

גוט איז און וואָס שלעכט, נור ווען עס איז פון דעמזועלביגען סאָרט ווי די רעות און טובות וואָס ער האָט פערזענליך געפיהלט אָדער אויסגעפונען פון אנדערע, וועלכע האָבען זיי געפיהלט; און ער קען זייער אנקומען אנדערש ניט דערוואַרטען, סיידען אויף אזוינע אופנים, פון וועלכע ער האָט שוין פריהער געהאַט די ערפאהרונג. ער מוז זיך פאָרשטעלען אז זיינע געטער האָבען דיזעלביגע מאָטיווען, ליידענשאַפטען און מעטאדען, ווי די ברואים וואָס זיינען ארום איהם; ווארים אזוי ווי די מאטיווען, די ליידענשאַפטען און מעטאָדען פון א העכערן כאראקטער זיינען איהם אומבעקאנט, און אין א געוויסען ערך גאר ניט דענקבאר פאר איהם, קענען זיי איהם ניט פאָרגעשטעלט ווערען אזוי בולט אין געדאנק, אז זיי זאלען האָבען אן איינפלוס אויף זיינע האנדלונגען. אזוי ווי די מעשים פון דער „אונגעזעהנער ווירקליכקייט", ווי אויך דער שכר ועונש וואָס זיי ברייגען מיט, קענען אין יעדער שטופע פון ציוויליזאציע בעגריפען ווערען נור אין אזוינע פארמען וואָס זיינען געשאפען געווארען דורך ערפאהרונג, איז דעריבער, נעהמען און פערבייטען יענע פארמען אויף העכערע, איידער א ברייטערע ערפאהרונג האָט מעגליך געמאכט צו בעגרייפען די העכערע פארמען, מיינט איינפיהרען אונקלארע און ניט־איינפלוסרייכע מאָטיווען אנשטאט בעשטימטע און איינפלוסרייכע. פאר די גרויסע מאסען וועלכע האָבען ניט בכח, צוליב מאנגעל אין בילדונג, אויסצושפירען ווי געהעריג איז די גוטע און שלעכטע פאָלגען וואָס די אויפפיהרונג ברייגנט מיט, לויט דער פעסטגעשטעלטעד ארדנונג פון דער „אונדערקענבארער סבה", איז אפילו איצטער נויטיג עס זאלען זיין לעבעדיגע בעשרייבונגען פון ענוים און תענוגים לעתיד לבוא — יסורים און פערגניגענס פון א בעשטימטען סארט, וועלכע קומען אויף אזא דירעקטען און פשוט'ען אופן, אז מען זאל זיך קענען מאכען א גאנץ קלאָרען בילד דערפון. ניין, מען מוז צוגעבען נאך מעהר ווי דאס. נור א מיעוט מענשען, און אפשר דאס אויך ניט, זיינען דערוויילע פערטיג אויסצוקומען אין גאנצען אהן די בעגריפען וועלכע גילטען פאר היינטיגער צייט. די העכסטע אבסטראקציעס פאָדערן אזא

גרויסע גייסטיגע קראפט אויף צו ברייגנען זיי מיט וויפיעל עס איז לעבעדיגקייט פאר'ן געדאנק, און זיי ווירקען אזוי וועניג אויף די מענשליכע אויפפיהרונגען אויב זיי זיינען ניט לעבעדיג פארגע־שטעלט — אז עס וועט נאך נעהמען א גאנץ לאנגע צייט ביז וואַ־נען זייער רעגולירענדע ווירקונג וועט האָבען א ווערטה פאר מעהר איידער א קליינער מינאריטעט. כדי צו קענען קלאר זעהען ווי א גערעכטער אדער אונגערעכטער אקט שאפט אינערליכע אדער אוי־סערליכע פאלגען, וועלכע צווייגען זיך פונאנדער אלץ ווייטער וואס מעהר יאהרען עס קומען צו, מוז מען האָבען א זעלטענע קראפט פון אנאליז, פון צוגלידערונג. כדי צו קענען זיך גייסטיג פאָרשטע־לען אפילו נישט מעהר ווי איין רייה פון די דאזיגע פאלגען ווי זי ציהט זיך אוועק אין די ווייטע צוקונפט, מוז מען אויף האָבען פונקט אזא זעלטענע קראפט פון דמיון, פון פאָרשטעלונג. און כדי צו קע־נען אין גאנצען אבשאצען די דאזיגע פאלגען ארום און ארום, ווי זיי פערמעהרען זיך אייביג אין צאָהל בעת ווערענדיג שוואכער אין ווירקזאמקייט, פאָדערט זיך אזא אומפאסונג פון געדאנק, וואס קיי־נער פערמאגט גאר ניט. מען מוז אבער דאס אלעס בעזיצען — אי אזא קראפט פון אנאליז, אי אזא כח הדמיון, אי אזא ברייטע אומ־פאסונג — כדי דאס מענשליכע לעבען זאל געפיהרט ווערען ווי געהעריג איז, בעת עס איז ניטא קיין אנדער קאנטראל: נור דענסט־מאָל קען מען פועל'ן, אז די אויסרעכענונג פון די ווייטערע שטרא־פען און בעלוינונגען זאלען אריבערוועגען די נאָהענטע יסורים איז תענוגים. דער אמת איז, אז אויב די מענשליכע ערפאהרונגען מכח די פאלגען פון אויפפיהרונג וואלטען ניט אין משך פון'ם פראגרעס פון דער ראסע לאנגזאם געגעראליזירט געווארען אין פרינציפען; אויב די דאזיגע פרינציפען וואלטען ניט דור איין דור אוים אריינגע־האקט געווארען אין קאָפּ דורך די עלטערן, וואלטען ניט אויפגע־האלטען געווארען דורך די עפענטליכע מיינונג, וואלטען ניט פער־הייליגט געווארען דורך די רעליגיאָן און ניט ארויפגעצוואונגען גע־ווארען דורך די מורא פון כאפען אייביגען גיהנום פאר ניט פאלגען; — ווען ניט צוליב דעם וואס די דאזיגע מעכטיגע איינפלוסען האָ־

בען געענדערט די געוועהנהייטען, און מיט די נייע געוועהנהייטען זיינען אינערליך איינגעוואקסען געווארען נייע געפיהלען — ווען, אין קורצען, מיר וואלטען ניט געווארען א היבש ביסעל מאראליש אין אונזער פלייש און בלוט (ד. ה. ארגאניש) — איז גאנץ זיכער, אז עס וואלטען ארויסגעקומען זעהר אומגליקליכע רעזולטאטען פון דעם אוועקנעהמען יענע שטארקע און קלארע מאטיווען, וואס דער גלויבען פערשאפט. אפילו מיט דעם אלעם קען אויך טרעפען גאר ניט זעלטען, אז די וואס האבען פערלאזען די אמונה, אין וועלכער זיי זיינען ערצויגען געווארען, צוליב אט דעם העכסט-אבסטראקטען גלויבען, אין וועלכען וויסענשאפט און רעליגיאן זיינען פעראייניגט, פערפעהלען צו האנדלען לויט זייערע איבערצייגונגען נאך. בלייבענדיג ביי זייער ארגאנישער מאראל, וועלכע איז אונטערגעפעסטיגט נור פון אלגעמיינע ניט-פאלקאם-אויסגעארבייטע איבערלעגונגען, וואס עס איז שווער זיי שטענדיג צו האלטען אין זין, וועלען זייערע נאטור-פעהלערן זיך אפט ארויסווייזען פיעל שטארקער, איידער זיי וואלטען זיך ארויסגעוויזען אונטער זייער פריהערדיגען גלויבען. דער במקום׳דיגער גלויבען קען נור יעמאלט ווירקען ווי עס דארף צו זיין, ווען ער ווערט, אזוי ווי דער איצטיגער, אן עלעמענט אין דער יוגענדליכער ערציהונג, און האט די שטיצע פון א שטארקער סאציאלער סאנקציע. און אפילו יעמאלט וועלען מענשען נאך ניט זיין גאר פערטיג פאר דעם, ביז וואנען זיי וועלען ניט פאלשטענדיג געפורעמט ווערען פאר יענע אומשטענדען פון געזעלשאפטליכער עקזיסטענץ, דורך דעם המשך פון דער דיסציפלין, וועלכע האט זיי שוין טיילווייז געפורעמט פאר די איצטיגע אומשטענדען.

מיר מוזען דעריבער אנערקענען, אז דער ווידערשטאנד אנטקעגען אן ענדערונג פון די טעאלאגישע מיינונגען איז אין א גרויסע מאס ניצליך. די זאך איז ניט בלויז, וואס שטארקע און טיעף-איינגעווארצעלטע געפיהלען ווערען נויטיגערווייז אויפגערעגט ארויסצוטרעטען פיינדליך; דאס מיינט ניט פשוט, אז די העכסטע מאראלע געפיהלען אייניגען זיך אויף צו פערדאמען אזא ענדע-

רונג, וועלכע שיינט אונטערצוגראבען זייער אויטאריטעט — דאס
מיינט, אז עס איז פאראן אן אמת'ע צופאסונג צווישען דעם איינ־
געפיהרטען גלויבען און די נאטורען פון די מענשען, וועלכע פער־
טיידיגען דעם גלויבען ; און אז לויט דער איינגע'עקשנ'טער פעסט־
קייט פון דער פערטיידיגונג קען מען זעהן, ווי פאלשטענדיג די צופא־
סונג איז צווישען זיי. פארמען פון רעליגיאן, אזוי גוט ווי פארמען
פון רעגירונג, מוזען פאסען צו די מענשען, וואס לעבען אונטער זיי ;
און אין איין פאל ווי אין דעם אנדערן פיהלט זיך אן אינסטינקטי־
ווער פארצוג פאר יענער פארם, וועלכע איז די פאסיגסטע. אזוי זי־
כער ווי א בארבארישע ראסע האט נויטיג א שטרענגע ווערטליכע
הערשאפט און ווייזט על פי געוועהנהייט ארויס א געוויסע צוגעבונ־
דענקייט צו א דעספאטיזם וואס איז פעהיג אויף די נויטיגע
שטרענגקייט ; אזוי איז אויך זיכער, אז אזא ראסע האט פונקט
אזוי נויטיג א גלויבען אין א שטרענגע הימעלשע הערשאפט און
ווייזט געוועהנליך ארויס א צוגעבונדענקייט צו אזא גלויבען. און
אקוראט אויפ'ן זעלביגען אופן ווי די פלוצליכע איינפיהרונג פון
פרייע אינסטיטוציעס אויף דעם ארט פון די פריהערדיגע טיראנישע
פיהרונגען, רופט זיכער ארויס א רעאקציע ; אזוי אויך, ווען א
גלויבען וואס איז פול מיט פארשטעלונגען פון שרעקליכע שטרא־
פען, ווערט מיט איין מאל פערביטען אויף אזוינס וואס שטעלט
פאר אין פערגלייך מיט יענעם גאנץ מילדע שטראפען, וועט אונ־
פערמיידליך קומען א רעאקציע און מען וועט זיך אומקעהרען מיט
עפעס א שנוי צו דעם אלטען גלויבען. דער פאראלעל האלט אויס
נאך ווייטער. אין פערלויף פון יענע פריהע שטופען, ווען די מחליקות
צווישען דאס וואס איז לפי ערך דאס בעסטע און דאס וואס איז
לחלוטין דאס בעסטע, זיינען זעהר גרויס, דאן זיינען אי די פאליטי־
שע, אי די רעליגיעזע ענדערונגען, ווען זיי קומען וועז־ניט־ווען פאר,
על פי נויט זעהר שטורעמדיגע און ברייננען נויטיגערווייז נאך זיך
שטורעמדיגע רעאקציעס. ווי נור אבער דער חלוק צווישען דאס וואס
איז און דאס וואס זאל זיין ,ווערט קלענער, ווערען די ענדערונגען
געמעסיגער און די ריקשריט וואס קומען נאך זיי זיינען אויך געמע־

סיגער; ביז וואנען — דורך דעם וואס די דאזיגע בעוועגונגען און קאָנטער־בעוועגונגען ווערען אלץ קלענער אין כמות און גרעסער אין פּרט פון אָפטער ווידערהאָלונג — זיי גיסען זיך צוזאמען אין איין כמעט־שטענדיגען וואקסען. יענע צוגעבונדענקייט צו די אלטע אינסטיטוציעס און גלויבענס, וואס שטעלט אוועק אין די פּרימיטי־ווע געזעלשאפטען אן אייזערנע וואנד אנטקעגנען יעדען פּארטשריט, און ברייננט צוריק די אינסטיטוציעס און גלויבענס, ווען די וואנד איז דאך אמאָל דורכגעבראכען געווארען, פון דער צר־פּיעל פאר־ווערטסדיגער פּאזיציע וואו דער אימפּעט פון ענדערונג האָט זיי פערטראגען — העלפענדיג אויף דעם אופן צו־צופּאסען פון דאס ניי די געזעלשאפטליכע אומשטענדען צום כאראקטער פון פאָלק — יענע צוגעבונדענקייט ווערט שליסליך די שטענדיגע אבהאלטס־קראפט, וועלכע דערלאזט ניט דעם שטענדיגען פארטשריט געהן צו־שנעל. דאס האלט ריכטיג אוים ביי רעליגיעזע גלויבענס און פאר־מען, אזוי גוט ווי ביי געזעלשאפטליכע פארמען. און דעריבער לער־נען מיר דערפון, אז דער טעאָלאָגישער קאנסערוואטיזם, פּונקט ווי דער פּאליטישער קאנסערוואטיזם, טוט אויף א גאנץ־וויכטיגע עובדא.

§ 33. יענער גייסט פון טאָלעראנץ, וועלכער איז אזא קענטי־גער כאראקטער־שטריך פון דער מאָדערנער צייט און ווערט וואס פון טאג אלץ מעהר אנזיכטיג, האָט אויף דעם אופן א פיעל־טיע־פערע בעדייטונג ווי מען מיינט. וואס מיר בעטראכטען געוועהנליך בלויז ווי א געהעריגע אכטונג פאר דאס רעכט פון פערזענליכער מיינונג, איז ווירקליך א נויטווענדיגער בעדינג פאר דער ארבייט פון באלאנסירען די פּראגרעסיווע און קאנסערוואטיווע טענדענצען — עס איז א מיטעל אויפצוהאלטען די צופּאסונג, וואס געפינט זיך צווישען די מענשענ'ס נאטורען און זייערע גלויבענס. עס איז דעריבער א גייסט, וועלכען מען דאַרף שטיצען און אויפמונטערן; און דער אלזייטיגער דענקער, וועלכער זעהט און פערשטעהט די עובדות פון די פערשיידענע קעמפּפענדע גלויבענס, דאַרף אט דעם גייסט ארויסווייזען מעהר איידער אלע אנדערע מענשען. עס איז

גאר קיין ספק ניט, אז פאר דעם וואס פיהלט די גרויסקייט פון דעם טעות, אָן וועלכען זיינע מיט־מענשען האלטען זיך, און די גרויסקייט פון דער ווארהייט, וועלכע זיי פערוואַרפען, מוז זיין גאנץ שווער ארויסצו־ווייזען די געהעריגע געדולד. עס איז שווער פאר איהם זיך צו־צוהערען רוהיג צו די פוסטע ארגומענטען, וואס ווערען גע־בראכט צו פערטיידיגען לעהרען וועלכע געהען כנגד השכל, און צו די פאלשע אויסטייטשונגען פון די געגנערשע לעהרען. עס איז שווער פאר איהם צו פערטראגען דאס אפענע ארויסווייזען פון יענעם „שטאָלץ פון אונוויסענהייט", וועלכער שטייגט נאָך דערוויילע ארי־בער דעם שטאָלץ פון וויסענשאפט. אזא מענש וועט גאנץ נאטירליך זיין בייז, ווען מען בעשולדיגט איהם אין אפיקורסות, ווייל ער ענט־זאגט זיך אָנצונעהמען די „סטאַליארישע" טעאָריע פון יצירה, אלס די טייערסטע טעאריע וואס קען געבען. ער קען דענקען, אז אזוי ווי עס איז שווער, אזוי איז עס אויך איבעריג צו פערבאָרגען זיין געפיהל פון עקעל פאר אזא גלויבען, וואָס האַלט בשתיקה, אז דער „לא ישיגוהו משיגי הגוף" (דאָס „אונדערקלערבארע") האָט ליעב אזוינע חניפות, פאר וועלכע מען וואלט פערהאסען א פשוט'ן בשר ודם. אזוי ווי ער איז איבערצייגט, אז אלע שטראָף, ווי מיר זעהען זיי אויסארבייטענדיג זיך אין דער ארדנונג פון דער נאטור, זיינען נור פערשטעלטע טובות, קען זיך אפשר ביי איהם ארויסכאפען פון מויל א בייז וואָרט אנטקעגען דעם גלויבען, אז שטראף איז א נקמה פון גאט, און אז גאט'ס נקמה איז אויף אימער און אייביג. ער קען געבראכט ווערען לידי נסיון צו וועלען ארויסווייזען זיין פעראכטונג, ווען מען זאגט איהם, אז טהאטען וואס ווערען ארויסגערופען פון אונאייגענוציגער סימפאטיע אדער פון ריינער ליעבע צו עהרליכ־קייט, זיינען בעצם זינדיגע, און אז א האנדלונג איז נור יעמאָלט אן אמת גוטע, ווען זי נעהמט זיך פון אן אמונה, וועמעס אפען־אויסגעשפראכענער מאָטיוו איז עולם הבא. ער מוז אבער איינהאל־טען אזוינע געפיהלען. ווען אפילו ער איז עס ניט בכח צו טון בעת דער אויפרעגונג פון א דיספוט, אדער בעת ער שטויסט זיך אָן אויף אנאנדער אופן פנים אל פנים מיט די אנגענומענע אבערגלויבענס,

מוז ער אבער דערפאר אין רוהיגערע מאָמענטען מילדערן זיין פיינד־ליכע האלטונג, בכדי אז זיין איבערלעגטער אורטייל און פאלגליכע האנדלונג זאלען קענען זיין אהן א פניה.

צוליב אט דעם צוועק זאל ער שטענדיג האָבען אין זין דריי הויפט פאקטען — צוויי פון וועלכע זיינען שוין בעשפּראכען גע־וואָרען, און דעם דריטען דארף מען נאך אנצייגען. דער ערכטער איז דער פונקט, מיט וועלכען מיר האָבען אנגעהויבען; און דאס איז — אז עס געפינט זיך א גרינדליכע ווארהייט אין אלע פארמען פון רעליגיאָן, ווי נידעריג זיי זאלען ניט שטעהן. אין יעדערער פון זיי איז פאראן א קערענדיל אמת. דורך דעם גאנצען מגושם'דיגען פּאַק פון דאָגמען, טראדיציעס און צערעמאָניעס אין וועלכען ער בעהאלט זיך, זעהט זיך דער דאזיגער אמת דאך אלעמאָל ארויס — אמאָל טונקעל, אמאָל קלאָר, ווי די זאך פאלט אויס. אט דאס איז עס, וואס עס גיט אריין לעבען אפילו אין דעם גרעבסטען גלויבען; אט דאס איז עס, וואס עס לעבט אריבער יעדע ענדערונג; און עס איז אט דאס, וואס מיר טאָרען ניט פערגעסען, בעת מיר פער־דאַמען די פאָרמען, אין וועלכע יענער אמת ווערט פאַרגעשטעלט. דער צווייטער פון אט די הויפט פאקטען, וועלכער איז ארומגערעדט געוואָרען באריכות אין דעם פאריגען טייל, איז — אז בעת יענע קאָנקרעטע עלעמענטען, אין וועלכע יעדע אמונה פערקערפּערט דעם קערענדיל אמת, זיינען שלעכטע ווען זיי ווערען געמאָסטען מיט אן אבסאָלוטען מאסשטאב, זיינען זיי דוקא גוטע אויב מען זאל זיי מעסטען מיט א רעלאטיווען מאסשטאב. הגם זיי, די קאָנקרעטע עלע־מענטען, בעהאלטען פון די העכערע השגות די אבסטראקטע ווארהייט וואס עס געפינט זיך אין זיי; דערפאר אבער פאר די ניד־ריגערע השגות גיבען זיי איבער די דאזיגע ווארהייט א סך בעסער, ווי זי וואָלט אנדערש־ווי געקענט איבערגעגעבען ווערען. זיי טויגען זיך צו מאכען ווירקליך און איינפלוסרייך דאס, וואס אהן זיי וואָלט ניט געוועזען ווירקליך און וואָלט ניט געהאט קיין איינפלוס אויף מענ־שען. אדער, אין אנדערע ווערטער, מיר קענען זיי אנרופען די שוטץ־מאַנטלען, אהן וועלכע די ווארהייט וואס זיי פערהילען, וואָלט אב־

שטארבען. דער איבערגעבליבענער הויפט פאקט איז — אז אט די אלע פערשיידענע גלויבענס זיינען טיילען פון דער צונויפגע־שטעלטער ארדנונג פון אלצדינג; און זיי זיינען דוקא ניט קיין צופע־ליגע, נור נ ו י ט י ג ע טיילען. זעהענדיג אז איינער אדער אנאנדערער פון די גלויבענס געפינט זיך אומעדום, אז ער וואקסט שטענדיג פון יאהר צו יאהר, און אז ווען מען האקט איהם אב, ענטוויקעלט ער זיך ווידער, נור אביסעל געענדערט — קענען מיר ניט אויסמיי־דען דעם שלוס, אז די גלויבענס זיינען נויטיגע בעגלייטער פון מענשליכען לעבען, יעדער פון זיי אויף זיין ארט צוגעפאסט צו דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער געפינט זיך. ארויסגעהענדיג פון דעם העכסטען שטאנדפונקט, מוזען מיר זיי בעטראכטען אלס עלעמענטען אין יענער גרויסער עוואלוציע, וועמעס אנהויב און סוף אונזער ווי־סען אדער השגה קען ניט דערלאנגען — אלס פארמען פון די ענט־פלעקונגען פון „ד א ס א ו נ ד ע ר ק ל ע ר ב א ר ע“; און אז דאס גופא איז זייער בערעכטיגונג.

אונזער טאלעראנץ מוז דעריבער זיין אזוי ברייט ווי מעגליך. אדער בעסער געזאגט, אונזער צוועק דארף זיין נאך עפעס העכערעס איידער דאס, וואס מען פערשטעהט געוועהנליך אונטער טאלעראנץ. ווען מיר האבען צו טון מיט פרעמדע גלויבענס, מוזען מיר זיך נעהמען די מיה, ניט בלויז זיך אבצוהאלטען פון צו טון זיי אן אונ־רעכט אין ווארט אדער טהאט, נור מיר דארפען אויך זעהן זיי צו טון גערעכטיגקייט, דורך אן אפענע אנערקענונג פון זייער פאזיטי־ווען ווערטה. מיר מוזען מילדערען אונזער ניט־איינשטימונג דורך אזויפיעל סימפאטיע וויפיעל מיר קענען.

§ 34. פון די הנחות וואס מיר האבען דא געמאכט קען מען אפשר וועלען ציהען דעם שלוס, אז די טעאלאגיע וואס איז דא דארף פאסיוו אנגענומען ווערען, אדער לכל הפחות, אז מען טאר זיך אקטיוו ניט שטעלען אנטקעגען איהר. „וויבאלד, אז אלע גלויבענס פאסען זיך דורכשניטליך פאר זייער צייט און פאר זייער פלאץ, איז פאר וואס — קען מען פרעגען — זאלען מיר זיך ניט צופרי־

דען שטעלען מיט דעם גלויבען, אין וועלכען מיר זיינען געבארען געוואָרען? אויב דער איינגעפיהרטער גלויבען האלט איז זיך איין א גרינדליכע ווארהייט — אויב די פארמען, אין וועלכע ער שטעלט פאַר די ווארהייט, זיינען גוט פאר זייער אויסערליכען צוועק, ווען אפילו פאר זיך אליין זיינען זיי שלעכט — אויב דאס אבשאפען פון די דאזיגע פארמען וואלט היינטיגען טאג געווען א שעדליכע זאך פאר דער גרויסער מאיאריטעט — ניין, מעהר: אויב עס איז גאר כמעט קיינער ניטא, ווען דער ענדליכער און העכסט־אב־סטראקטער גלויבען וואָלט קענען געבען א ריכטיג־אָנגעמאָסטענעם רעגעל פון לעבען, — איז עס דאך לכל הפחות פאר איצטער אודאי אן אומרעכט צו פראָפאגאנדירען אָט דעם ענדליכסטען און העכסט־אבסטראקטען גלויבען!"

דער ענטפער איז, אז אויב אפילו די עקזיסטירענדיגע רעלי־גיעזע אידעען און אינסטיטוציעס זיינען דורכשניטליך צוגעמאָס־טען צו די כאראקטערען פון די מענשען וואס לעבען אונטער זיי, פון דעסטוועגען, אזוי ווי די דאזיגע כאראקטערען ענדערען זיך נאכאנאנד, ווערט די צוגעמאסטענקייט אלעמאָל אונפאלקאמען, און די אידעען מיט די אינסטיטוציעס נויטיגען זיך אין אן איבערבויען לפי ערך אזוי אָפט, ווי שנעל עס איז דער גאנג פון דער ענדערונג. איז דעריבער, אזוי ווי עס פאָדערט זיך מען זאל די קאנסערוואטיווע געדאנקען און טהאטען געבען פרייען שפיעל־רוים, אזוי מוזען אויך די פראגרעסיווע געדאנקען און טהאטען האָבען פרייען שפיעל־רוים. אָהן זייערע ביידענס ארבייט וועלען ניט קענען פארקומען יענע אלעמאָל־נייע צופאסונגען, וועלכע א רעגעלמעסיגער פראגרעס מוז האָבען.

ווער עס קען זיך ניט בעשליסען אויסצוזאגען וואס ער האלט פאַר די העכסטע ווארהייט, ווייל טאָמער וועט עס זיין צופיעל אין פאראויס פון דער צייט, מעג ביי זיך תקיף'ער ווערען קוקענדיג אויף זיינע מעשים פון א אונפערזענליכען שטאנדפונקט. זאל ער נור בע־גרייפען ווי געהעריג איז דעם פאקט, אז מיינונגען זיינען די פער־מיטלער, דורך וועלכע דער כאראקטער פאסט־צו די אויסערליכע

איינאָרדנונגען צו זיך — אַז זיין מיינונג איז מיט רעכט אַ טייל פון דער דאָזיגער פּערמיטלונג — אַ טייל קראַפט, וועלכער צוזאַמען מיט אַנדערע אַזוינע טיילען שטעלט צונויף די אַלגעמיינע קראַפט, וואָס אַרבייט אויס די געזעלשאַפטליכע ענדערונגען; און יעמאָלט וועט ער איינזעהן, אַז ער מעג גאַנץ געהעריג געבען אַ פולען אויסדרוק צו זיינע אינערליכסטע איבערצייגונגען, און זאָל עס ברייננגען וועלכע ווירקונג עס וויל זיך. עס איז ניט פּאַר אומזיסט וואָס ער האָט אין זיך אַזוינע סימפּאַטיען צו געוויסע פּרינציפּען און אַזאַ ווידערווילען צו אַנדערע פּרינציפּען. ער מיט אַלע זיינע פעהיגקייטען, מיט אַלע זיינע שטרעבונגען און מיינונגען, איז ניט גלאַט אַזוי אַ צופאַל, נור אַ פּראָדוקט פון דער צייט. ער מוז געדענקען, אַז בעת וואָס ער איז אַ קינד פון דער פערגאַנגענהייט, איז ער אויך אַ טאַטע פון דער צוקונפט; און אַז זיינע געדאַנקען זיינען ווי קינדער וואָס זיינען ביי איהם געבאָרען געוואָרען, וועמען ער טאָר ניט נאַכלעסיג לאָזען אויסשטאַרבען. ער, אַזוי גוט ווי יעדער אַנדער מענש, מעג זיך גאַנץ ריכטיג בעטראַכטען אַלס איינער פון די מיליאָנען מיטלען, דורך וועלכע די „אונבעוואוסטע אורזאַך" טוט איהר אַרבייט; און ווען די אונבעוואוסטע אורזאַך" שאַפט אין איהם אַ געוויסען גלויבען, איז ער דורך דעם בעפאָלמעכטיגט אַרויסצוזאָגען און מוציא זיין די דאָזיגע מיינונג מכח אל הפועל. דען, — איבערגעבענדיג דעם פּאָעט'ס ווערטער אין זייער העכסטען זין —

> ...די נאַטור ווערט דורך מיטלען ניט בעסער געמאַכט,
> דאָך מאַכט זי די מיטלען אַליין: איבער די קונסט
> וואָס איז מוסיף, דו זאָגסט, דער נאַטור, איז פּאַראַן
> יענע קונסט, וואָס נאַטור אַליין מאַכט.

דער קלוגער מענש וועט דעריבער ניט בעטראַכטען דעם גלויבען וואָס ער האָט, ווי עפּעס וואָס איז געקומען צופעליג. ער וועט אַרויסזאָגען אָהן פּחד די העכסטע וואַרהייט, וואָס ער זעהט

איין: ווי־סענדיג, אז עס מעג דערפון ארויסקומען וואס עס וויל זיך, ער טוט דערמיט אב זיין ריכטיגען חלק ארבייט אויף דער וועלט; וויסענדיג, אז אויב ער קען פועל זיין די ענדערונג וואס ער בעצוועקט, איז גוט, אויב ניט — איז אויך גוט, הגם עס איז ניט אזוי גוט.

ענדע.

קאטאלאג
פון די
אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

פּרייז

פּיליפּ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, געבונדען,
יעדער באַנד .... .75
" " פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען 1.00
" " אַמעריקאַ פאר קאָלומבוס, געבונדען ...... .50
" " יציאת מצרים, פּאַפּיער .... .15
" " וואָס הייסט נאַציאָן .... .10

לעבענס־בעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער.
אַ זאַמלונג פון ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע דענקער,
פּאָעטען און שריפטשטעלער פון דער אַלטער און נייער
צייט, אין 3 בענדער, געבונדען, יעדער 1.25

מאָרים ראָזענפעלד, שריפטען, 1טער סעט, באַנד 1, געבונדען 1.00
" " " " " " 2 " 1.00
" " " " " " 3 " 1.00
" " נייע שריפטען 2טער סעט, באַנד 4, געבונדען 1.25
" " " " " " " 5 " 1.25
" " " " " " " 6 " 1.25

	פרייז
ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 2 בענדער, געבונדען, יעדער באַנד	.75
" אייזיק שעפטעל, דראמא	.15
דר. קאספע, מעכאַניקע	.10
" " כעמיע	.15
" " אַסטראָנאָמיע	.15
יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, געבונדען	1.00
י. גאָרדין, ערצעהלונגען, געבונדען	.75
" " סאפפהא	.25
" " גאָט, מענש און טייפעל	.25
" " אלישע בן אבויה	.15
" " דער אונבעקאַנטער	.20
" " די אמת'ע קראַפט	.20
מאקסים גאָרקי, ערצעהלונגען	.15
" " אינטערוויום	.15
ליעוו טאָלסטאָי, איינציגער מיטעל	.5
" " פאַטריאָטיזמוס און רעגירונג	.5
" " צום ארבייטער פאָלק	.15
דר. ח. זשיטלאָווסקי, דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע	.40
ז. ליבין, געקליבענע סקיצען, געבונדען	.75
מ. באראנאָוו, דער מענש און די נאַטור	.10
לעאָפ. קאמפף, פאַר'ן שטורם, דראמא	.20
העבריק איבסען, די גייסטער "	.20
„קניאז פאטיאמקין"	.20
דר. ש. פעסקין, סטרייקס	.5